סיפורי הזוועה מפי שני הניצולים ניתנו במדור זה במלואם, כפי שנכתבו ונמסרו על ידם כמעט ללא שינוי והם כמשלימים זה את זה. כמה פרטים חוזרים בשני המאמרים, אך כמה מהם סותרים זה את זה ולא הקפדנו על כך: לאחר מעשה נרשמו הדברים ועלולה עובדה זו או אחרת להטשטש בזכרון. אכן, בעיקרם מתאימים הדברים והם עדות נאמנה ממקור ראשון.

צורפו למדור זה (וכן למדור המתאים ביידיש) פרטים נוספים מפי ניצולים שביקרו בעיר לאחר ההשמדה.

ראינו לתת במדור גם את הידיעות הראשונות שהגיעו לעתונות בארץ על חורבן קרמניץ, כדי לשמור על התגובות הראשונות לאסון, אלא ששונות הן מן התיאור שניתן בשני מאמרי־היסוד.

פרקי השואה המתפרסמים בספר זה מעוררים את השאלה: האם גילו יהודי קרמניץ התנגדות לרוצחיהם הנאצים? שני הכותבים מעידים, כי לא קמה בעיר תנועת התנגדות מאורגנת. כל המעיין בתיאור הכליון לשלביו גם יבין מדוע לא קמה, ולא יכלה לקום, תנועת התנגדות המונית ומאורגנת. אולם היו והיו תופעות בודדות של התנגדות סבילה ופעילה בעיר ובסביבותיה מצד יחידים וקבוצות:

א) בסביבות העיר פעלה חבורה של פרטיזאנים, ביניהם יוניה ברנשטיין, איש קרמניץ. מניחים, כי אליו התלקטו עוד צעירים יהודים מבני העיר שהסתתרו בהרים וביערות ולחמו בנאצים.

ב) שני ראשי ה„יודנראַט" הראשונים, ד"ר בן־ציון כץ ויוניה גרינברג, עמדו עמידת־כבוד נגד הנאצים, לא צייתו להוראותיהם ושילמו מחיר יקר: האחד הוצא להורג והאחר יצא מדעתו.

ג) בנו של הספר פייסי קראָמאַן סירב להצטרף ל„משלוח ההשמדה" וכאשר נתבע לכך, — ירה באקדחו בשוטר הנאצי והרגו. גם הוא הומת במקום. עובדה זו נתגלתה מפי אנשים שביקרו בעיר לאחר ההשמדה, וייתכן שלא היתה עובדה בודדת.

ד) כמה וכמה משפחות, ביחוד מחוגי האינטליגנציה, איבדו עצמם לדעת במאורגן לפני בוא הנאצים לקחתם לגיא־ההריגה.

ה) יהודי כפר פולבארקי הסמוך לקרמניץ קמו על צורריהם ואף הרגו בהם (עיין ברשימה שבעמוד 160). ייתכן שגלויים דומים היו גם בפנות אחרות בעיר ובסביבתה, אלא שלא הגיעו לידיעתנו.

ו) מעשי־בריחה ונסיונות־בריחה היו למאות. והיו שניסו למלט נפשם ונפש בני ביתם בתחבולות שונות, וחלק מועט גם הצליח בכך. אכן, רבים לא רפו ידיהם גם בתוך האימה.

*

תנועת התנגדות מאורגנת? זו לא קמה. אך ודאי שהיו גילויים של התנגדות שאין לדעת שיעורם.

המערכת

מילואים

מרים באט (עפולה)

כך ראיתיך, עירי...

כמו חיה חרותה בזכרוני השנה האחרונה לפני עזבי את עירי לנצח: בשורת האביב נישאת בחלל. עוד בטרם בא הפסח נמס השלג וזיוו הלבן כהה והלך, השלגים בהרים סביב הפשירו ושלוליות של מים זורמות ומציפות את הסמטאות בגרפן כל שנזדמן בדרכן: פקעות קש, גללי־סוסים, גזרי־עץ ונעל מרופטת ישנה... באותם הימים אין הילדים ממהרים לחזור מבית־הספר הביתה. אלא אצים רצים בצהלה בשלוליות המים ומחליקים מעט על שרידי הקרח. מי יוותר על תענוג שכזה? אפילו הגדולים, לבם מושכם יותר ויותר החוצה...

בחלונות־הראווה הגדולים שברחוב שירוקא הופיעו השלגיות ומיד אחריהן הסגליות הכחלחלות. בעיר כבר שולטים הפולנים. המסחר והמשא־ומתן בין היהודים לבין הגויים פורח חג הפסח הממשמש ובא. השוק הומה ומהמה. יהודים וצרורי בצלים על כתפיהם ובידיהם מכל טוב תנובת־האדמה — תרנגולות וברווזים צורחים מתוך עגלות האכרים. חבורות חבורות מהלכות האכרות על פני החנויות וקונות מהחנוונים היהודים סחורות מכל המינים: בדים צבעונים, מטפחות מצוייצות, בובות ורודות עשויות סוכריות, פרחי־נייר. תרנגולים־צעצועים נאים, שדומה עוד מעט ויקראו בקול „קוקוריקו"...

מיום ליום נעשה מזג האויר נאה יותר והטבע מסביב מחיה נפשות. הכל מוריק ומנצנץ באור. הילדים משוטטים בחוצות. הלב נמשך להרים, הוא נכסף אל הירק הרענן של הגנים המלבלבים. מי יכול לעמוד בפני קסמי הטבע. פרחי האקציה הלבנים מלבלבים לאורך הרחוב ומשכרים בריחות־האביב.

היה זה בימי פרסום הצהרת בלפור. משגשגת העבודה באגודות הציוניות. קרמניץ עומדת בראש הפעולה בכל הסביבה. מארץ־ישראל מגיעות דרישות־שלום מהחלוצים הראשונים. והרעיון הציוני כובש לבבות יותר ויותר. או־אז אתה מרגיש בחוש, כי כל היופי הקוסם של הטבע סביב וכל השפע הזה, נתון בידי מרצחים. ויום אחד נפקחות עינינו לראות, כי אין עוד עתיד כאן לפנינו.

עד מהרה ושמות וביטויים חדשים כמו פרדס, כרם, גדוד־עבודה, קיבוץ וקבוצה קטנה, חודרים לחיי העיירה. מתהדק הקשר החי שבין קהילת קרמניץ לבין ארץ־ישראל.

ההר


כשבא רבי אברהם * לבית חותנו, הגאון מקרמניץ, נתאספו נכבדי העדה כדי לקדם בברכה את פני הקדוש. אבל הוא לא פנה אליהם, אלא הביט דרך החלון אל ההר ** שלרגליו ישבה העיר. אחד מן המחכים שידע את ערך עצמו בתורה והשגיח בכבודו, אמר בקוצר רוח: „למה לוטש מעלתו את עיניו אל ההר? כלום עדיין לא ראה כמוהו?" השיב: „אני מביט ומשתומם, איך נתגאה כל כך גוש עפר, עד שנעשה הר גבוה".

(מתוך הספר „אור הגנוז" למרתין בובר, חלק א' דף 122).

---

* המלאך, מראשי החסידים השבתאים. ** ההר בונה.

פנקס קרמניץ



רעדאַקציע־קאָלעגיום:
מרדכי אָטיקער, מנוס גאָלדענבערג, טוביה טראָשינסקי, יצחק רוכל

רעדאקטאָר: א. ש. שטיין

שערבלאַט פון העברעאישן טייל געצייכנט דורך דוד טושינסקי **(פאַריז)**
אַנדערע צייכנונגען אין יידישן טייל פון מ. קאַגאַן **(ישראל, קיבוץ שמיר)**

אַרויסגעגעבן דורכן קרעמעניצער לאנדס פאַרבאנד אין ישראל.
יאָר 1954 / 12 יאָר נאָך דער פארניכטונג

פנקס קרעמעניץ

צווייטער טייל (יידיש)



דער אַלטער מאַרק

השוק הישן

אריינפיר

צוזאַמען מיט אַלע קהילות פון פוילן און אוקראַינע, איז גענצלעך פאַרניכטעט געוואָרן דורכן מערדערלעכן שונא אויך די קרעמעניצער קהילה. צווישן א׳ און ו׳ אלול תש״ב זענען אכזריותדיק אויסגעראָטן געוואָרן קרוב צו פערצן טויזנט קרעמעניצער ייִדן, און געבליבן זענען בלויז פערצן נפשות וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער און צווישן פעלזן. מיט אַ טייוולאַנישער כיטרעקייט איז די אויסראָטונגס־אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן: קודם זענען פאַרניכטעט געוואָרן די פירער פון קהל און די אינטעליגענץ און דאַן איז פאַרשיקט און פאַרטיליקט געוואָרן אין די „אַרבעטס־גרופן״ די יוגנט. די איבערגעבליבענע האָבן די רוצחים פאַרשפאַרט אין געטאָ, אכזריותדיק דערהנידעריקט און פאַרפייניקט. זייער מוט און גייסטיקע ווידערשטאַנדס־פעאיקייט, זייער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער שטאָלץ זענען אין אומפאַרגלייכלעכע פייניקונגען צעטראָטן געוואָרן — און ווען ס׳איז געקומען דער ביטערער טאָג, זענען זיי אומגעקומען אָן אַ פרווו פון אַקטיווער און געאייניקטער זעלבסטפאַרטיידיקונג. די מוטיקע און שטאָלצע ייִדישע יוגנט איז פאַר־פייניקט געוואָרן דורך באַרבאַרישע רוצחים.

און אַזוי איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ פרעכטיקע קהילה, גרויס אין איר פאַטענץ און ייִדישער טריישאַפט, אַ קהילה וואָס האָט אַרום 500 יאָר געוועבט די פעדעם פון איר קיום אין אַ סביבה, וואָס איז במשך פון דורות געווען אַ אַרענע פון צוזאַמענשטויסן צווישן טאַטאַרן, ליטווינער, אוקראַינער, פאָליאַקן און רוסן. אין אָט די אַלע וואַנדלונגען האָט געלעבט די עדה ייִדן, געפורימט איר אייגענעם לעבנס־שטייגער און אים פאַרפעסטיקט, אין יאָרן פון אויפבלי און ירידה, פאַרשריבן גלענצנדיקע בלעטער אין דער געשיכטע פון ווילנער ייִדנטום און אַרויסגעגעבן גרויסע תלמידי חכמים און מנהיגים, שרייבער און משכּילים.

מעגלעך אָבער, אַז די הויפּט־גרויסקייט און עיקר־חשיבות פון אָט דער קהילה באַשטייט גראָד אין איר זאַפטיקן פאָלקס־שטייגער, אינם טיף פון אַרבעטנדיקן ייִד וואָס איז גאַנץ אין זיין גייסט און פול לעבנס־פרייד, און טיפע גייסטיקע פעדים פאַרבינדן אים מיטן גאַנצן ייִדנטום און מיט זיינע שאַפנדיקע און ברויזנדיקע, קעמפנדיקע און בויענדיקע כוחות: חסידים און מתנגדים, אָרטאָדאָקסן און משכּילים, פּיאָנערן פון חיבת ציון און ציוניזם, פאָן־טרעגער פון דער העברעאישער און ייִדישער קולטור, סאָציאַליזם

און אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, חלוצים און עליה — אויף אַט די אַלע געביטן האָבן די יידן פון קרעמעניץ זיך מאַסנווייז באַטייליקט מיטן גאַנצן ברען פון זייער נשמה.

און אַט איז דאָס לעבן מיט איינמאָל פאַרשניטן געוואָרן!

פאַרבליבן זענען בלויז רעשטן, די וועלכע האָבן די שטאָט פאַרלאָזן אין פאַרשידענע תקופות — אין ישראל, אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע און אַרגענטינע און קלענערע גרופּן אין פאַרשידענע לענדער. זיי אַלע טראָגן אין האַרצן דעם אָנדענק פון זער שטאָט פון זייער געבורט און יוגנט, און זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַראייביקן איר אָנדענק. אויב די קהילה איז פאַרשניטן געוואָרן, — זאָל־זשע איר נאָמען און אָנדענק פאַראייביקט ווערן. די שווערע אויפגאַבע פון אַרויסגעבן דעם „פנקס קרעמעניץ" האָבן אויף זיך גענומען אונדזערע שטעטישע אין ישראל, מיט דער באַטייליקונג און מיטהילף פון אונדזערע בני־עיר אין אַנדערע לענדער. נאָך פיר יאָר אָנשטרענגונגען און מי דערשיינט אַט דאָס בוך, וואָס איז אויך אַ חשובער צושטייער צו דער אומקום־ליטעראַטור און יידישער היסטאָריאָגראַפיע בכלל.

דאָס בוך איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע און פון צענטליקער מחברים. יעדער איינער האָט אַרויסגעבראַכט זיין געדאַנקען־גאַנג און זכרונות, און די קאַפּיטלען בינדן זיך צוזאַמען אין אַ טריי בילד וואָס דער לעבנס־פולס, די שטרעבונגען און באַגערן פון דורות קרעמעניצער יידן אומגעקומענע אינם חורבן זענען אין אים פאַרוועבט. אייניקע פון די אַרטיקלען זענען נאָטירט געוואָרן דורך די רעדאַקציע־מיטגלידער פונם מויל פון די דערציילער. אַ טייל פונם מאַטעריאַל איז איבערגעזעצט געוואָרן. מיר האָבן אויך געשטעלט אַ מצבה אייניקע פון די אומגעקומענע דורך פאַרעפנטלעכן זייערע געדרוקטע זאַכן אין דער ציייטונג „קרעמעניצער שטימע", וואָס פון איר האָבן מיר געשעפּט וויכטיקע פאַרגאַנגען־הייטס־קאַפּיטלען. אַ באַזונדערן דאַנק פאַרדינען די יינגע היסטאָריקער ש. עטינגער און ח. שמרוק פון ירושלים'ער אוניווערסיטעט, די מחברים פון דער היסטאָרישער מאָנאָגראַפיע וועגן דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין קרעמעניץ — זייער ווערק איז באַזירט אויף ערשטראַנגיקע קוועלן. אַ וויכטיק מאַטעריאַל וועגן יידישן פאָלקס־שטייגער אַנטהאַלטן די שריפטן פון אונדזערע חברים אין אַמעריקע, און באַזונדערס פון חנוך גילערנט און יצחק וואַקמאַן. בצלאל שוואַרץ און טובה טעפּער־בערמאַן, ביידע פון די געראַטעוועטע, האָבן פאַרצייכנט די געשיכטע פון אומקום. אונדזער אָנערקענונג זיי אַלע. אַ באַזונדערן דאַנק דעם פריינט י. וואַקמאַן פאַר זיין הילף.

דאָס צוזאַמענקלויבן דעם מאַטעריאַל, צום גרעסטן טייל אַ יש מאין, איז געמאַכט געוואָרן לויט אַ פון־פאַרויס־אויסגעאַרבעטן פּלאַן. עס איז געווען אונדזער שטרעבונג, אַז דאָס בוך זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון דער שטאָט אין זיין גאַנץ פאַרנעם און אויפן גאַנצן רעגנבויגן פון איר געזעלשאַפטלעכער, סאָציאַלער און גייסטיקער געשטאַלט. צום

באַדויערן איז אונדזער ווונטש נישט פולשטענדיק דערפילט געוואָרן, און דאָס בוך האָט אויך מאַנגלען. אַזוי, צום ביישפּיל, פעלן אינם בוך איבערזיכטן וועגן די יידישע סוחרים־פאַרבאַנדן, דער טעטיקייט פון „דזשאָינט״, דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, דעם בית־עולם און זיינע אַלטע מצבות, די לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע און אַפילו די ציוניסטישע באַוועגונג אויף אַלע אירע שאַטירונגען איז נישט ווי געהעריק באַלויכטן געוואָרן (ס׳פעלן איבערזיכטן וועגן מזרחי, בית״ר א. אַנד.).

מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט אָפּלייגן דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך אויף נאָך אַ יאָר און מאַכן אָנשטרענגונגען אים ווי־ווייט מעגלעך צו דערגענצן, האָבן מיר באַשלאָסן — אונטערן דרוק פון אונדזערע חברים — פאַרעפנטלעכן דאָס בוך און נישט שטעלן אין געפאַר זיין עצם דערשיינען.

דאָס בוך אַנטהאַלט אויך אַ טייל אין יידיש, פאַר אונדזערע ברידער אין חוץ־לארץ און פאַר די נייע עולים אין לאַנד. דאָס האָט נאַטירלעך פאַרגרעסערט דעם אומפאַנג פון בוך, צעשטערט אין אַ געוויסער מאָס זיין שלמות און פאַרגרעסערט אונדזערע אַזוי אויך גרויסע בודזשעט־שוועריקייטן.

גרויסע אָנשטרענגונגען זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם צונויפזאַמלען די פאָטאָגראַפיעס, וואָס אַ טייל פון זיי איז פון היסטאָרישן און קינסטלערישן ווערט.

צום סוף דריקן מיר אויס אונדזער דאַנק דעם רעדאַקטאָר און שריפטשטעלער א. ש. ש ט י י ן וואָס האָט מיט אונדז מיטגעאַרבעט, באַגלייט דאָס אַנטשטיין פון בוך און אויסגעפורעמט זיין געשטאַלט.

*

צום צוועלפטן יאָר־טאָג פון דער פאַרניכטונג פון קהילת קרעמעניץ, א׳ אלול תשי״ד, דערשיינט דער פנקס פון קרעמעניץ וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן — אַ אָנדענק אויף דור דורות, אַ אָנדענק און אַ מאָנונג.

ד י ר ע ד א ק צ י ע



קרעמעניץ געזען פון באַרג „ווידעמקי"
מראה העיר מפסגת ההר „ווידמקי"

ש. עטינגער און ח. שמערוק (ירושלים)

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין קרעמעניץ *

קרעמעניץ איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין וואָלין. זי איז געלעגן אויפן הויפּט וועג צווישן רויט־רייסן, גאַליציע און ליטע. די אַרומיקע בערג האָבן איר צוגעגעבן אַ סטראַטעגישע וויכטיקייט און געשאַפן גינצטיקע באַדינגונגען פאַר אַ פעסטונג, וואָס אַרום איר האָט זיך אַנטוויקלט די שטאָט. ס'זענען דאָ מסורות, לויט וועלכע קרעמעניץ איז געגרינדעט אין 11־טן יאָרהונדערט, אָבער די ערשטע זיכערע ידיעה איז אין דער רוסישער כראָניק פון יאָר 1226.

זי' טאַטערן אין מיטן 13־טן י"ה האָבן נישט מצליח געווען איינצונעמען די שטאַרקע פעסטונג און אירע מויערן זענען ערשט שפּעטער הרוב געוואָרן דורך די האַליטשער פירשטן אַליין לויט דער פאָדערונג פון די מאָנגאָלישע האָרדעס. דאָך האָט דאָס האַליטשער־וואָלינער פירשטנטום אויסגעהיט זיין אומאָפּהענגיקייט ביז דעם ערשטן טייל פונעם 14־טן י"ה, ווען אויפן סמך פונעם אָפּמאַך מיטן פוילישן קעניג קאַזימיר גייט וואָלין אַריבער אונטער דער ליטווישער הערשאַפט.

אין סוף 14־טן י"ה איז וואָלין געווען צעטיילט אויף דריי טיילן — דאָס לויצקער, קרעמעניצער און לודמירער פירשטנטומער. לויטן פוילישן־ליטווישן אָפּמאַך פונעם יאָר 1385, ווערט די שטאָט מיט דער סביבה אַן אינטעגראַלער טייל פונעם ליטווישן גרויס־פירשטנטום. אין רעזולטאַט פון קאַמפן צווישן די יורשים נאָכן טויט פונעם גרויספירשט וויטאָלד גייט דער גרעסטער טייל פונעם לאַנד אַריבער אין די הענט פונעם פירשט זיגמונד און נאָר קרעמעניץ און דער מזרחדיקער טייל פון פאָדאָליע בלייבן אין די הענט פון פירשט סווידריגעלאָ. ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען די שטאָט אין זיין רעזידענץ און ווילנדיק צוציען נייע איינוווינער, בתוכם יידן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּריווילעגיע באַזירט אויפן מאַגדעבורגער רעכט, וואָס דערמעגלעכט דעם דייטשן וואָיט יאָרקע צו משפּטן „דעם רוסישן, וואלאכישן, אַרמענישן, יידישן און טאַטערישן". די דאָזיקע פּריווילעגיע איז דער ערשטער דאָקומענט ביז גירוש ליטע אין יאָר 1495, וואָס דערמאָנט יידן, הגם פון דעם איז נישט געדרונגען, אַז יידן זענען שוין דעמאָלט געווען שטענדיקע איינוווינער פון דער שטאָט.

מען דאַרף אָננעמען אַז דער יידישער יישוב אין קרעמעניץ הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען נאָכן צוריקקער פון יידן קיין ליטע אין יאָר 1503. אין יאָר 1536 עקזיסטירט שוין דאָרט אַ באַדייטנדיקע יידישע קהילה, וואָס קעגן איר ווייטערדיקן עקאָנאָמישן פאַנאַנדערוווקס באַקומען די קריסטלעכע בירגער אַ פּריווילעגיע פונעם פוילישן קעניג זיגמונד דעם אַלטן. דער דאָזיקער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן די יידישע איינוווינער באַגלייט די גאַנצע געשיכטע פון יידישן ישוב אין קרעמעניץ.

---

* קיצור פונעם איבערזעצט, וואָס געפינט זיך אין העברעאישן טייל פון בוך. דעם קיצור האָט צוגעגרייט מנחם ראוויצקי, תל אביב.

דער צייט אָפּשניט — פון דער העלפט פונעם 16־טן י״ה ביז דער העלפט פונעם 17־טן י״ה — איז אַ תקופה פון דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון דער קרעמעניצער יידישער קהילה. דאָס באַשטעטיקן די א״ג לוסטראַציעס — רעגיסטראַציעס פון קעניגלעכן באַזיץ אינעם ליטווישן גרויס־פירשטנטום. פון די לוסטראַציעס קען מען זען אַז אין יאָר 1629 זענען פאַראַן אין קרעמעניץ 169 יידישע הייזער, וואָס מאַכט אויס אַ באַפעלקערונג פון 845 נפשות בערך. (אין יאָר 1563 זענען געווען 48 הייזער מיט 240 יידן). פון 1552 ביז 1629 וואַקסט דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער אַלגעמיינער פון 10,6 ביז 15.

די עקאָנאָמישע באַזע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען מסחר און פאַכט. אַ וויכטיק אָרט אין דער עקאָנאָמיק פון דער שטאָט האָט פאַרנומען דער האַנדל מיט זאַלץ. קרעמעניץ איז געווען אַ איבערגאַנגס־שטאָט פון דרום קיין צפון. יידישע סוחרים פון קרעמעניץ האָבן שוין אין די דרייסיקער יאָרן פון 16־טן י״ה דערגרייכט קיין גרויספּוילן. דער יידישער האַנדל האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט, אַז עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן קעניגלעכע פאַרבאָטן קעגן דער יידישער קאָנקורענץ לטובת דער נישט יידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אָבער דאָס שטערט נישט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קהילה. וועגן יידישן פאַכט און פאַכטערס האָבן זיך אָפּגעהיט אַ סך דאָקומענטן. די יידן נעמען אין אַרענדע קרעטשמעס, מילן, ברויערייען, פיש־סטאַוועס, אָפּצאָלונגען און שטייערן פאַר דער דאָרטיקער פעסטונג אאַ״וו. דער יידישער ווירטשאַפטלעכער וווּילשטאַנד האַלט אין איין וואַקסן און ציט צו יידן פון אַנדערע מקומות. קרעמעניץ ווערט אַן עיר ואם בישראל, איינע פון די הויפּט־שטעט אין וואָלינער געגנט און פאַרנעמט אַן אָנזעעוודיק אָרט אין די יידישע צענטראַלע און רעגיאָנאַלע אויטאָנאָמע אינסטאַנצן.

ביזן יאָר 1569 געהערט וואָלין צום ליטווישן גרויס־פירשטנטום. די רעכטלעכע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג באַזירט זיך אויף דער פּריווילעגיע, וואָס וויטאָלד האָט געגעבן די בריסקער יידן, לויט וועלכער עס איז חל אויף זיי די יוריסדיקציע פונעם גרויספירשט, אָדער זיין פאָרשטייער דעם סטאַראָסטע. אין משך פון דער צייט האָט זיך אויסגעבילדעט אין ליטע, אַזוי ווי אין פּוילן, אַן אויטאָנאָמע יידישע געזעצגעבונג, וועלכע איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מאַכט. די יידן האָבן געצאָלט דעם פירשט ספּעציעלע שטייערן, אויסער די שטייערן פאַר דער שטאָט, נישט אַריינרעכנדיק די בשותפותדיקע אָפּצאָלונגען מיט די קריסטן.

נאָך דער לובלינער אוניע גייט וואָלין אַריבער צו דער פּוילישער קרוין. די פּוילישע יוריסדיקציע דרינגט אַריין אין די נייע געביטן. שוין אין יאָר 1569 באַקומט דער וואָיעוואָדע טשאַרטאָריסקי די פולמאַכט צו משפטן די יידן פון לויצק, לודמיר און קרעמעניץ. דער קעניג באַטאָרי באַשטימט אַ ספּעציעלן יידישן קאָפּ־שטייער פון וועלכן עס איז אויסגעפאַלן אויף די קרעמעניצער 100 זלאָטעס.

די לוסטראַציע פון יאָר 1563 גיט אונדז אַ געוויסן בילד פונעם פאַרמעגן און געזעלשאַפטלעכע אַנטשטאַלטן פון דער קרעמעניצער קהילה. אין איר באַזיץ געפינען זיך צוויי פלעצער, מסתמא אַ שול און אַ בית־מדרש, אַ הקדש און בית־הקברות. אין שטאָט איז דאָ אַ רב, אַ ראש ישיבה און אַ שמש. עס ווערט אויך דערמאָנט אַ יידישער דאָקטאָר.

פון יאָר של״ג (1573) אָן זענען פאַאַראַן ידיעות וועגן אַ ריי קרעמעניצער רבנים און ראשי־ישיבות, גדולי־הדור, וועלכע פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ועד ארבע ארצות און חתמענען אויף זיינע תקנות. צווישן זיי געפינען מיר דעם ברודער פון

פראַגער מהר״ל ר׳ שמשון בן בצלאל. ער איז ווייזט אויס געווען רב אין קרעמעניץ ביזן סוף פונעם 16־טן י״ה.

חיים שמואל אשכנזי איש צבי איז דער לעצטער רב פון דער קהילה פאַר גזירות ת״ח. ער איז געשטאָרבן אין יאָר ת״ט און צוגעזען, מסתמא, דעם חורבן פון זיין עדה.

קרעמעניץ איז געווען אין 16־טן י״ה פון די אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע קהילות אין וואָלין. די חשיבות פון קרעמעניץ ווי אַ צענטער פון תורה איז נישט נאָר געדרונגען פונעם פאַקט, וואָס דעם כסא־רבנות פאַרנעמען באַרימטע רבנים, נאָר אויך פון דעם, וואָס אין אָנהויב פונעם 17־טן י״ה געפינען זיך דאָ גרויסע לומדים, וואָס זייערע חיבורים זענען באַוווּסט איבערן גאַנצן לאַנד, צווישן זיי דער בעל הלבושים ר׳ מרדכי יפה און דער מהרש״א (ר׳ שמואל אליעזר בן יהודה). קרעמעניץ שטייט אויך אין קאָנטאַקט מיטן ארץ־ישראלדיקן ישוב און זי געפינט זיך אויף דער רשימה פונעם ירושלימער משולח ר׳ יצחק בינגא אשכנזי.

דער אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון באָגדאַן כמיעלניצקי, האָט געבראַכט די יידן פאַרניכטונג און אומקום. צום מייסטן אָבער האָבן געליטן די יידן פון די מזרח־געביטן.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט זייער שנעל. דעם 26־טן מאַי איז דאָס פוילישע מיליטער געוואָרן צעקלאַפּט ביי קאָרסון. דעם 10־טן יוני איז געפאַלן די נעמיראָווער פעסטונג און די יידן זענען דאָרט אויסגעשאָכטן געוואָרן. עס זענען פאַרנומען געוואָרן אַ ריי אַנדערע שטעט און נאָך דער מפלה פון ווישנאָוויעצקין, האָבן זיך די פוילישע כוחות צוריקגעצויגן צו מערב, איבערלאָזנדיק גאַנץ מזרח־וואָלין אין די הענט פון אָרטיקע אויפשטענדלערישע באַנדעס. די דאָזיקע רוצחישע כנופיות האָבן זיך סוף יולי פאַראייניקט מיט כמיעלניצקיס קאָזאַקן.

ביזן סוף אָקטאָבער איז קרעמעניץ נישט געוואָרן אָנגעגריפן, צוליב דער קאָנצענטראַציע פונעם פוילישן מיליטער אין דער נאָענטער סביבה. דעם 30־טן ד״ה האָט זיך אָנגעהויבן איר באַלאַגערונג און ערשט דעם 13־טן דעצעמבער איז די פעסטונג איינגענומען געוואָרן. מעגלעך אַז אַ גרויסער טייל יידן האָט באַוויזן באַצייטנס צו אַנטלויפן. די באַשרייבונגען וועגן דעם חורבן פון דער קהילה, וועלכע מיר געפינען ביי די יידישע כראָניקער, זענען ווייזט אויס, פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַלאַגערונג און צעשטערונג. זיי אַלע דערציילן וועגן מאָרד פון הונדערט קינדער („מאה בנים") וועלכע די קאָזאַקן האָבן געשחטן שפּעטנדיק פון דינים פון יידישער שחיטה. די ריכטיקייט פון די דאָזיקע דערציילונגען קען מען נישט פעסטשטעלן, ווייל זיי שטאַמען נישט פון עדות, וועלכע זענען בייגעווען ביי די גרוילטאַטן. דער מאָטיוו פון דער שחיטה וואַנדערט נאָך פון די גזירות תתנ״ו. די פליטים פון אוקראַינע האָבן געבראַכט דאָס בילד פון אומקום אזש קיין דייטשלאַנד. אינעם וואָרמעסער מעמאָר־בוך זענען פאַרצייכנט „די קדושים און טהורים עטלעכע הונדערט פון פאָלק ישראל, וועלבע זענען געהרגט, פאַרברענט און דערטרונקען געוואָרן און מוסר געווען זיך אויף קידוש־השם אין דער ק״ק קרעמעניץ אין יאָר ת״ט תנצב״ה.

עס איז שווער פעסטצושטעלן די גענויע צייט, ווען עס איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די קרעמעניצער קהילה. עס איז אָנצונעמען אַז זי איז געוואָרן באַנייט זעקס יאָר נאָך גזירות ת״ח. זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקערט צו איר אַמאָליקער פּראַכט ביז דער איינגלידערונג אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט גאַנץ וואָלין, אין יאָר 1793.

ביז דער דאָזיקער דאַטע ווערט דער יידישער ישוב אין קרעמעניץ וואָס אַמאָל מער איינגעשרומפּן, בשעת די ישובים אין אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האַלטן זיך אין איין אַנטוויקלען. די סיבה פון דעם דאַרף מען זוכן אין די אונטערשיידן אין דער יורידישער לאַגע פון יידן אין קעניגלעכע און פּריוואַטע שטעט. אין די שטעט, וועלכע זענען געווען אונטער דער קעניגלעכער הערשאַפט, איז זייער אַדמיניסטראַציע געווען אין די הענט פונעם סטאַראָסטע אָדער זיינעם אַ נידעריקן באַאַמטן. ער איז געווען פאַראינטערעסירט צו ציען פון זיין אַמט וואָס מער פּערזענלעכע נוצן. דאָס מאגדעבורגער רעכט האָט געגעבן די קריסטן אַ פרייע האַנט אין זייער קאַמף קעגן יידן. די מאַגנאַטן דאַקעגן זענען געווען פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון ישוב, וועלכער האָט זיך געפונען אויף זייער ערד און באַמיט זיך צוציען יעדן ווירטשאַפטלעך פעיקן עלעמענט. נאָר זיי האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן די מעגלעכע קאָנפליקטן צווישן די יידן און גויים. די לאַגע האָט געפונען אַ אָפּשפּיגלונג אין דער קעניגלעכער שטאָט קרעמעניץ.

דער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קרעמעניץ איז געווען שווערער ווי אין אַנדערע שטעט אין וואָלין. זייערע באַציונגען מיט די שטעטישע זענען געווען געשפּאַנט במשך פון דער גאַנצער צייט. צו די צוררים איז צוגעשטאַנען דער אָרטיקער קלער און פון זיין לאַגער זענען אַרויס די שווערע בלבולים אין מיטן פונם 18־טן י״ה.

דער יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ נייעם אויפשטאַנד פון קאָזאַקן און מיט דער מלחמה מיט די שוועדן. די יידן האָבן געליטן פוןביידע קעמפנדיקע לאַגערן. די קאָזאַקן, שוועדן, רוסן, פּאָליאַקן און היידאַמאַקן שוינען זיי נישט און לייגן אַרויף אויף זיי שווערע שטייערן און קאָנטריבוציעס, נישט רעדנדיק שוין וועגן גרוילטאַטן און מאָרדן.

דער 18־ער י״ה איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן מיט די כסדרדיקע בלוט־בלבולים. עטלעכע פון די עלילות־דם פּראָצעסן פון דער אַרומיקער סביבה זענען פאָרגעקומען אין קרעמעניצער געריכט. אין קרעמעניץ גופא איז אַזאַ בלבול נישט געלונגען. דאָס פאַרוווּנדעטע קריסטלעך קינד, דער מכלומרשטער קרבן, איז נישט געשטאָרבן און עדות געזאָגט קעגן איר אייגענעם פאָטער.

די בלוט־בלבולים זענען געווען די דירעקטע פאָלגן פון די אָנגעשפּיצטע באַציונגען צווישן יידן און קריסטן אויפן עקאָנאָמישן באָדן און זיי ווערן נאָך שאַרפער אינעם צווייטן טייל פונעם 18־טן י״ה. די שטעטישע דערלאַגען אָנקלאַגעס צו דער מאַכט, אַז די יידן טאָרן נישט אַרענדירן קיין שטאָטישע קרעטשמעס, נישט בויען און נישט וווינען אין קיין הייזער, וואָס זענען געבויט אויף שטאָטישע פּלעצער. זיי באַקלאָגן זיך אַפילו אויפן סטאַראָסטע, פירשט מאַגנושקא, אַז אינם קאָנפליקט האַלט ער מיט די יידן. די זאַך דערגרייכט צום פּוילישן סיים, וועלכער פּסקנט לטובת די קריסטן. צוליב די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען ווערט דער עקאָנאָמישער מצב אין שטאָט גאָר שווער. לויט ווי עס באַקלאָגן זיך די לוסטראַטאָרן פון יאָר 1789, פאַרלאָזן די יידן די שטאָט, וועלכע האָט זיך צו דאַנק זיי ווירטשאַפטלעך אַנטוויקלט, און קיין נייע קריסטלעכע באַפעלקערונג קומט נישט צו. נישט געקוקט אויף דער כסדרדיקער ירידה, האָט קרעמעניץ איינגעהאַלטן איר פּרימאַט ווי איינע פון די הויפּט־קהילות אין וואָלין. איר דעה לאָזט זיך הערן אין ועד פון וואָלין און אינעם ועד ארבע ארצות געפינען מיר ווי פריער קרעמעניצער רבנים און פּרנסים.

דער ועד פון וואָלין האָט נישט נאָר געזאָרגט וועגן די יידישע ענינים אין זיין

קאַנט, נאָר האָט אויך געהאָלפן וואָלינער סוחרים אין זייער מסחר אין אויסלאַנד. אין יאָר 1733 איז געזעסן אין ברעסלאַו אַ ספּעציעלער וואָלינער שמש. אין דער רשימה פון די שטעט, וועלכע ער רעפּרעזענטירט, האָט זיך אויך געפונען קרעמעניץ. אויף זיין באַפולמעכטיקונג איז צווישן אַנדערע געחתמט דער קרעמעניצער רב און פּרנס ר׳ אריה לייב, וועלכער איז אין יאָר תצ״ט געווען דער נאמן פון וואָלין אין ועד ד׳ ארצות. דער רב איז ווייזט אויס געווען אַ גרויסער עושר און די קהילה איז אים געווען שולדיק אַ סך געלט. אין יאָר 1750 באַקומט ער אַ פּריווילעגיע פונעם קעניג אויגוסט דעם דריטן, וועלכער באַשטעטיקט לעבנסלענגלעך זיין רבנות אין קרעמעניץ און סביבה און זיין אַמט אין ועד ארבע ארצות. ער באַפעלט דער קהילה צו באַצאָלן דעם רב אַלע חובות.

דעם כסא־רבנות אין שטאָט פאַרנעמען עטלעכע באַרימטע רבנים, צווישן זיי: ר׳ יעקב ב״ר אליעזר איש ווארמיזא טעמרליש. ער איז פון דייטשלאַנד אַוועק קיין לובלין און פון דאָרט אָנגעקומען קיין קרעמעניץ. זיינע לעצטע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט אין ווין. אין די אַכציקער יאָרן פונם 18־טן י״ה איז געווען רב דער זון פונם לעמבערגער אב״ד ר׳ צבי הירש; זיי ביידע זענען געווען פון די אָנפירערס פונם ועד ארבע ארצות. ר׳ צבי־הירש האָט געגעבן פון קרעמעניץ זיינע הסכמות אויף פאַרשיידענע ספרים, וועלכע זענען דערשינען אין די יאָרן תמ״ח און תנ״ח.

אינם סוף 18־טן י״ה געפינען מיר אין שטאָט אַ באַרימטן מגיד ר׳ יעקב ישראל הלוי, וועלכער איז דער מחבר פון פירושים אויף תהילים, מגילות און משלי.

ווי מיר זעען האַלט אָן קרעמעניץ איר חשיבות, נישט געקוקט אויף דער רעלאַטיווער ירידה פון דער יידישער באַפעלקערונג. אירע עסקנים זענען טעטיק אין די צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפטן און אירע רבנים זענען באַרימט אין תורה און חכמה.

די צווייטע צעטיילונג פון פוילן האָט איבערגעגעבן קרעמעניץ אונטער דער רוסישער הערשאַפט. די דאָזיקע נייע פּאָליטישע לאַגע האָט אין אָנהויב נישט געבראַכט צו קיין וויטגייענדיקע ענדערונגען אינעם מצב פון די יידן. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין די אינערלעכע ענינים פון די פאַרנומענע געביטן. זי האָט איבערגענומען פון דער פוילישער מאַכט אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע מעטאָדן און איר טראַדיציאָנעלע באַציונג צו יידישע פּראָבלעמען. אַן ענדערונג איז געקומען מיטן אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1830, ווען די רוסן האָבן אָנגעהויבן צו באַקעמפן די פּוילישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג דורך אַריינפירן דעם רוסישן אַדמיניסטראַטיוון סיסטעם אין די נייע געביטן.

באַלד נאָך דער איינגלידערונג האָבן זיך די יידן געמוזט פאַרשרייבן אין איינעם פון די צוויי שטאַנדן — שטעטישע אָדער סוחרים —, דערביי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיי אַ טאָפּלטער שטייער ווי אויף אַנדערש גלויביקע פון דעם זעלביקן שטאַנד. דאָס געזעץ פון יאָר 1804 האָט גוזר געווען אויף די יידן צו פאַרלאָזן די דערפער, נאָר די גזירה איז קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן. נאָך דער צעטיילונג פון יאָר 1793 האָט זיך קרעמעניץ געפונען אויף דער גרעניץ צווישן רוסלאַנד און גאַליציע, אין שכנות מיט בראָד, דער גרויסער גאַליציאַנער האַנדלס־שטאָט. אַ גרויסער טייל פון קרעמעניצער יידן לעבן פון שמוגל און נישט לעגאַלן האַנדל מיט אויסלאַנד. אין יאָר 1812 לייגט פאָר דער וואָלינער גובערנאַטאָר צו באַזייטיקן צוליב דעם די יידן פון די גרענעצן. דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען דורך דער צאַרישער מאַכט און ווערט פאַרוואַנדלט אין יאָר 1825 אין אַן אָפיציעלן געזעץ, לויט וועלכן עס איז פאַרווערט די יידן צו וווינען 50

וויאָרסט אויפן שטח פון דער גרענעץ. דאָס געזעץ, ווי אויך אַנדערע פון דעם מין זענען קיינמאָל נישט איינגעפירט געוואָרן אין לעבן און פאַרלייכטערט געוואָרן בהדרגה אַ דאַנק יידישע אינטערווענצן. אויך די מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון די יידן און איבערהויפט אין די יידישע אַקציזניקעס. דער דאָזיקער באַפעל איז אָבער געהאָנגען איבער די קעפּ ווי אַ שטענדיקע דראָאונג און פאַרשאַפט צרות און ליידן. ערשט אין יאָר 1858 איז ער בטל געוואָרן לגבי די יידן, וועלכע זענען פריער געווען פאַרשריבן אין די רשימות פון קהל אָדער געהאַט נכסים אין גרענעץ געביט. גלייכצייטיק איז אָבער פאַרווערט געוואָרן דאָס איינקויפן פון נייעם אומבאַוועגלעכן אייגנטום און דער צופלוס פון נייע יידישע תושבים. די דאָזיקע געזעץ־אויסבעסערונג איז געווען אַ לייזונג פאַרן יידישן ישוב אין אַלגעמיין, אָבער נישט פאַר אַ גרויסן טייל פון תושבים, וועלכע זענען נישט געווען צוגעשריבן צו די קהילות און געלעבט אויף אַזאַ אופן לאַנגע יאָרן. אין יאָר 1881, אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, באַפעלט דער גובערנאַטאָר אַרויסשיקן פון קרעמעניץ 2000 יידן.

די ליידן פון יידישן כלל אין דער דאָזיקער גרענעץ־שטאָט זענען געווען אַ פועל־יוצא פון אירע ספּעציפישע פּראָבלעמען.

און דאָך וואַקסט אין דער דאָזיקער תקופה די צאָל יידישע איינוווינער אין שטאָט, מעגלעך צוליב די גירושים פון די גרענעץ ישובים. אין פאַרגלייך אָבער מיט אַנדערע שטעט איז דאָ דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג דער קלענסטער.

די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט געווען קיין גוטע. אין יאָר 1800 זענען אין קרעמעניצער פּאָוויאַט פאַרשריבן 2400 שטעטישע יידן און נאָר 33 סוחרים (צו פאַרשרייבן זיך ווי אַ סוחר האָט געפאָדערט אַ פאַרמעגן פון 500 רובל). אַ געוויסע ווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג האָט אַריינגעבראַכט אין שטאָט דער באַרימטער ליצעאום, וועלכער האָט עקזיסטירט ביז נאָכן פוילישן אויפשטאַנד.

צוליב דער שלעכטער ווירטשאַפטלעכער לאַגע און מעגלעך אַ דאַנק דער טעטיקייט פונעם קרעמעניצער משכיל יצחק בער לעווינסאָן (ריב״ל), ווענדן זיך אין יאָר 1934 צו דער מאַכט 52 יידישע משפחות און בעטן צוטיילן זיי ערד אין דער געגנט פון כערסאָן. דער מיניסטעריום האָט זיי מודיע געווען די באַדינגונגען פון דער קאָלאָניזאַציע, אָבער קיין איינע פון די משפחות האָט נישט אויסגעפירט איר פּלאַן. דער אינטערעס פאַר לאַנד־ווירטשאַפט האַלט אָן ביי די קרעמעניצער ביזן יאָר 1897, דאָס מאָל, מסתמא, אונטער דער השפעה פון ציוניסטישע מטיפים. עטלעכע תושבים האָבן בדעה זיך צו ווענדן צום לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום מיט דער ביטע צו דערלויבן זייערע זין צו וווינען אינעם דאָרף, וווּ עס דאַרף געעפנט ווערן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול.

חוץ די צרות , וואָס זענען געווען דער גורל פונעם גאַנצן יידישן ישוב אינעם צאַרישן רוסלאַנד, ווי תחום־המושב, פּאָגראָמען, רעקרוטשינע אא״ו, האָט קרעמעניץ געמוזט אויסשטיין די ליידן פון אַ גרענעץ שטאָט. אירע איינוווינער ווערן געצוווּנגען זיך צו פאַרנעמען מיט שווערע, געפערלעכע און נישט ערלעכע עסקים, ווענדנדיק צו זיך די שנאה פון די גויים. טראָץ דעם אַלעם זענען אירע תושבים שטענדיק וואַכיק אויף די קולטורעלע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון יענער צייט.

ס׳זענען דאָ סימנים אַז די חסידישע באַוועגונג איז דערגאַנגען קיין קרעמעניץ שוין אין סוף לעצטן דריטל פון 18־טן י. ה. אין אָנהויב 19־טן י.ה. האָט די שטאָט געהאַט איר אייגענעם רבין, ר׳ מרדכי קרעמעניצער, וועלכער האָט געשטאַמט און איז געווען געבונדן

מיט באַוווסטע חסידישע מנהיגים. זיין השפעה איז געווען צעשפּרייט ווייט איבער די גרענעצן פון דער שטאָט און איז דערגאַנגען ביז גאַליציע. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ז (1817) און זיין איינפלוס האָט זיך געלאָזט פילן אין שטאָט לאַנגע יאָרן נאָך זיין טויט. ר׳ מרדכיס שול, גערופן אויף זיין נאָמען, האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז דער לעצטער צייט. ער איז געווען אַן אָביעקט פון משכילישע אנפאַלן מצד ריב״לן און יוסף פערל.

די ערשטע בשורה פון דער השכלה קען מען זען אינם פּלאַן פון טאַדעוש טשאַצקי, דעם גרינדער פונם פוילישן ליצעאום, אויפצושטעלן ביי דעם אַנשטאַלט אַ שול פאַר יידישע פאָלקס־לערער. אין יאָר 1821 קערט זיך אום ריב״ל פון גאַליציע און באַזעצט זיך אין שטאָט, ביזן טאָג פון זיין טויט אין יאָר 1860. כאָטש ער האָט געוווינט אויסער דער שטאָט, איז אָבער זיין השפעה אויפן געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן געווען זייער גרויס. דאָס יידישע לעבן אין קרעמעניץ שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין שאַפן, און דינט ווי אַ מאַטעריאַל צו זיינע ביכער. עס איז אים געלונגען צו זאַמלען אַרום זיך אַ גרופּע משכילים, צווישן וועלכע די בולטסטע זענען געווען די לאַנדבערגס, ל. עטינגער, הירש הירשפעלד (דער לערער פון נח פרילוצקי). אויך די אָנוועזנהייט פון אברהם בער גאָטלאָבער, וועלכער איז געווען אַ לערער אין קרעמעניץ אין די 30־ער יאָרן האָט גורם געווען צום וווקס פון דער השכלישער השפּעה. ביי אים האָט געלערנט ישעיהו גוטמאַן, דער שפּעטערער מחבר פון יידישע טעאַטער־שטיק.

די שטאָט האָט פאַרמאָגט עטלעכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פון וועלכע כ׳איז כדאי צו דערמאָנען — די גמילות חסדים „הלוואות־חן״ און די חברה „רודפי צדק״, וואָס צווישן אירע גרינדער איז געווען ריב״ל. אין די דרייסיקער יאָרן איז אויסגעבויט געוואָרן די גרויסע שול מיטן אַקטיוון אָנטייל פון בעלי־מלאכה און פּשוטן פאָלק.

די ציוניסטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין סוף פון די אַכציקער יאָרן מיטן אַריינדרינגען פון דער „חובבי ציון״־באַוועגונג. אין שפּיץ פון די חובבי ציון אין קרעמעניץ איז געשטאַנען צבי פרילוצקי, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „מאָמענט״. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

פונעם אָנהויב פון 20־טן י. ה. אַנטוויקלט זיך ראַשיק דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַלע עקן פונעם רוסישן תחום־המושב. אויך אין קרעמעניץ שאַפן זיך ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין קרייזלעך פון אַלע שאַטירונגען, די אַרבעטער פּאַרטיי „בונד״ אא״וו.

דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידן אין די שווערע באַדינגונגען פון אַ גרענעץ־שטאָט אין צאַרישן רוסלאַנד, אַנטפּלעקט אונדז דעם כוח פון אויפנעמען גייסטיק־קולטורעלע דערשיינונגען און משפּיע זיין אויף דער סביבה. די שטאָט איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ ריי בולטע פּערזענלעכקייטן, ווי דער חסידישער רבי ר׳ מרדכי קרעמעניצער, ריב״ל און צבי פרילוצקי, אַרום וועלכע עס גרופּירן זיך אַקטיווע טוער. זיי שאַפן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געפורעמט דעם גייסטיקן פּנים פון דער יידישער קהילה.

ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל)

וואָלף שניידער (דעטראָיט)

יצחק בער לעווינזאָן, דער קעמפער פאַר השכלה

(1860—1788)

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט)

חדר קטן אף נעים, עלית קיר קטנה אשר בקרמניץ,
אמנם בקרבך שכן איש נפלא ורב פעלים...
(נ. סוקולוב, „הצפירה״, ג׳ כסלו תרנ״ו)


קרעמעניץ, די שטאָט ווו יצחק בער לעווינזאָן איז געבוירן, איז (צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט) סיי עקאָנאָמיש, סיי עטניש געווען איינע פון די טיפּישסטע שטעט אין דעם דרום־מערב׳דיקן טייל פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד. כאָטש אַרומגערינגלט מיט בערג איז קרעמעניץ — „די שווייץ פון וואָלין״ ווי מ׳האָט די געגנט גערופן, — ווייט נישט געווען איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. שליאַכן און טראַקטן האָבן קרעמעניץ פאַרבונדן מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך, אין וואָלין, ווי אויך מיט די נאָענטע גרעניץ־שטעט פון מזרח־גאַליציע.

דער טייך איקווע וואָס פליסט פאַרביי אין יענער געגנט בלויז געציילטע וויאָרסט פון דער שטאָט, פאַלט אַריין אין דעם סטיר און צוזאַמען מיט דעם פּריפּעט איז ער אַ טייל פון דעם דניעפּרישן וואַסער־סיסטעם. אין מיטן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט פלעגן נאָך איבער זיינע וואַסערן געטריבן ווערן פליטן מיט געהילץ.[1]

דער יידישער ישוב אין קרעמעניץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דעם 15־טן יאָרהונדערט, האָט דורכגעמאַכט פּעריאָדן פון עליה און ירידה, ענלעך צו דער געשיכטע פון אַ סך יידישע ישובים אין אוקראַינע. מ׳קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַרום דעם אָנהויב פון דעם 17־טן יאָרהונדערט האָט דער ישוב אָנגעהויבן שטייגן צוציענדיק צו זיך יידן אַפילו פון דער ליטע. אויף דער אסיפה פון די הויפּט־קהלות אין 1635 איז אויך קרעמעניץ געווען פאַרטראָטן.[2]

די יאָרן פון ירידה קומען מיט די גזירות ת״ח ות״ט ווען אַ סך יידן אין קרעמעניץ זענען אומגעקומען אין די שחיטות. נאָך שפּעטער, אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם 18־טן יאָרהונדערט האָבן צוויי שריפות פאַראָרעמט אַ סך יידישע סוחרים און אויף אַנדערע געבראַכט נויט און עלנט. נאָך דער צווייטער צעטיילונג פון פּוילן (סוף 1793) גייען

אַלע פוילישע מזרח־פּראָווינצן, צווישן זיי קרעמעניץ און די געגנט, אַריבער צו רוסלאַנד. די יידן אָטעמען אָפּ פרייער און האָפן, אַז די רוסישע מאַכט וועט צוימען די פּוילישע שליאַכטע פון וועלכער זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך נגישות און דערנידערונגען. צו יענער צייט אַנטוויקלט זיך דער גרויס־האַנדל צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד, און די צאָל יידישע סוחרים אין גרויס־האַנדל האַלט אין וואַקסן. אַרום 1799 זענען אין קרעמעניץ און אין דעם אויעזד געווען אַזעלכע 24 יידישע סוחרים לגבי 9 קריסטלעכע.



י. ב. לעווינזאהן (ריב״ל)

אין דעם צייט־אָפּשניט צווישן 1764—1847 איז אויך די יידישע באַפעלקערונג געשטיגן אין צאָל. פון אַ באַפעלקערונג פון 1029 יידן אין יאָר 1764 האָט זיך די שטאָט קרעמעניץ מיט די שטעטלעך אין „אויעזד״ זיך צעוואָקסן ביז צו אַ ס״ה פון 18,264 אין יאָר 1847. די שטאָט קרעמעניץ גופא וואָס האָט אין יאָר 1764 געציילט בלויז 649 יידן האָט אין 1847 פאַרמאָגט 3791 יידישע נפשות.[2] חוץ גרויס האַנדל מיט תבואה, געהילץ, טאַבאַק וואָל און לייוונט — פּראָדוקטן וועלכע פלעגן גיין קיין רוסלאַנד, פוילן און עסטרייך — זענען יידן אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיק געווען פאַרטראָטן מיט פאָלגנדע פאַכן: שניידער, שענקער קירזנער, בעקער, קצבים, פאַרבער, גלעזער, מעשגיסער, גאָלדשמידן,

פעלדשערס, קלעזמער א. א. אַפילו ביי אַזאַ נישט הויך־אַנטוויקלטער עקאָנאָמיק, האָט דאָך אין דעם יידישן ישוב געהערשט אַ סאָציאַלע דעפערענציאַציע. אמת, זי האָט ווייט נישט אָנגענומען קיין שאַרפע פאָרמען. זי האָט אָבער דאָך איינגעטיילט דעם ישוב אויף רייכע און אָרעמע, פּריווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע. די סתירות צווישן רייך און אָרעם זענען אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין ענינים פון צינז־אָפּצאָלן און שפּעטער (1827) אין ענין „רעקרוטשינע״. אויף דעם סאָציאַלן שטח האָבן די אונטערשיידן זיך שטאַרק געפילט אין הויז, אין גאַס און אין בית המדרש. די וועגן פון קרעמעניץ האָבן פון איין זייט געפירט קיין אָסטרע — צו דער טראַדיציע פון מהרש״א, און פון דער אַנדערער זייט קיין דובנא — צום דובנער מגיד. אָבער אויף אַלע וועגן און שליאַכן, זענען יידן פון קרעמעניץ „געפאָרן צום רבי׳ן״, אָדער דער רבי איז געקומען צו זיי. ווי אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע איז אויך קרעמעניץ אין יענער צייט געווען אַ שטאָט פון חסידים. די קרעמעניצער דרוקעריי (1805) איז געווען איינע פון די פילע חסידישע דרוקערייען אין וואָלין אין יענער צייט, וואָס האָבן געדרוקט בלויז ספרי קודש און חסידישע ספרים און נישט קיין אַנדערע.[3]

צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט דערהערן זיך די טריט פון השכלה. זיי קומען אויף די זעלבע וועגן אויף וועלכע עס גייט אָן דער מסחר צווישן גאַליציע און אוקראַינע, צווישן בראָד און קרעמעניץ.

*

ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, ריב״ל, איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן סעפּטעמבער 1788. זיין פאָטער, ר׳ יהודה לעווין, איז געווען אַ סוחר און געפירט גרויסע געשעפטן מיט פּוילישע פּריצים אין יענער געגנט. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן למדן, אַ בקי אין תנ״ך און תלמוד און, גאָר באַזונדערס, אַלס גרויסער בעל דקדוק און בעל לשון. פון באַמער־קונגען אין ריב״ל׳ס ווערק דערוויסן מיר זיך אויך אַז ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ פיל פאַרצווייגטער יחסנ׳ישער משפחה, גולים פון שפּאַניע.[4]

נאָך אַלס קינד ווייזט דער קליינער יצחק אַרויס גרויסע פעאיקייט. ער פאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכן זכרון און גרויס התמדה צום לערנען. צו דריי יאָר הויבט ער אָן צו גיין אין חדר, און צו צען יאָר האָט ער שוין געהאַט אַריינגעלערנט אַ סך אין תלמוד און אין פּוסקים. יצחק׳ס פאָטער באַגנוגנט זיך אָבער נישט דערמיט, און לערנט אַליין מיט זיין זון תנ״ך און דקדוק, און אַנטוויקלט אין אים אַ שטאַרקע ליבע סיי צום ספר גופא, סיי צו דער שפּראַך פון די נביאים. אַזוי אַרום פלאַנצט ער אייןביים זון דעם געדאַנק, אַז לשון קודש מוז מען לערנען „על פי הדקדוק בתכלית השלמות״. אויך זאָרגט ער זייער פיל, אַז יצחק זאָל לערנען פּויליש און דער עיקר רוסיש, וואָס איז דאַן געוואָרן די לאַנד־שפּראַך.

זייער יונג הויבט יצחק בער אָן צו שרייבן שירים.[5] איינע פון זיינע פריסטע לידער איז אַ ליבע־ליד וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו 16 יאָר. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט קיין ראַדזיוויל. דאָרט באַזעצט ער זיך ביי זיין שווער און שוויגער אויף קעסט.

ראַדזיוויל, די גרעניץ־שטאָט צווישן רוסלאַנד און עסטרייך, איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע פּונקטן דורך וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער מסחר צווישן די צוויי דערמאָנטע לענדער. פון די סוחרים וועלכע פלעגן קומען אַהין פון גאַליציע, האָט זיך יצחק בער פיל אָנגעהערט וועגן בראָד און די בראָדער משכילים. אים ציט זייער שטאַרק

צו יענער סביבה, און מיט גרויס התמדה נעמט זיך לעווינזאָן נאָך מער צו פאַרטיפן זיין וויסן און צו לערנען דייטש און פראַנצויזיש און זייערע ליטעראַטורן.

זיין פאַמיליע־לעבן איז נישט געווען גליקלעך, און נאָכדעם ווי זיין איין־און־איינציק קינד איז געשטאָרבן, גט ער זיך מיט זיין פרוי.[6] דערווייל איז זיין פאָטער פאַראָרעמט געוואָרן, און לעווינזאָן איז געבליבן אין ראַדזיוויל ציענדיק פרנסה פון געבן שטונדן. בשעת דער רוסישער מלחמה מיט פראַנקרייך (1812) קריגט לעווינזאָן אַ שטעלע אַלס איבערזעצער ביים אָרטיקן רוסישן קאָמענדאַנט. ווען דאָס רוסישע חיל זיגט שרייבט לעווינזאָן אָן אַ שיר אין העברעיש, „קול ענות גבורה״ אין וועלכן ער באַזינגט דעם גרויסן רוסישן נצחון. דאָס פּאַטריאָטישע ליד, געשריבן פון אַ ייִדן, מאַכט אַ רושם אויף דעם רוסישן קאָמענדאַנט, און ער שיקט עס אָפּ צום אינערן־מיניסטער, ווי אַ ביישפּיל פון אַ ייִדישן פּאַטריאָט. י. ב. לעווינזאָן ווערט, אַזוי אַרום, באַקאַנט ביי מלכות אַלס רוסישער פּאַטריאָט. מיט גרויס התמדה זעצט ער פאָר זיין זעלבסטבילדונג, לערנט טעג און נעכט און מאַכט דערביי פאַרצייכענונגען פאַר זיינע געפּלאַנטע ווערק. אָבער די שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט ווירקט אויף זיין געזונט, ביז ער ברעכט צוזאַמען. אַ קראַנקער פאָרט לעווינזאָן קיין בראָד זיך קורירן און פאַרבלייבט דאָרט אַ לענגערע צייט. בראָד איז אין יענע יאָרן געווען זייער אַ וויכטיקער האַנדלספּונקט צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד און אויך די גרעסטע ייִדישע קהילה אין גאַליציע. די שטאָט בראָד איז אויך געווען דער צענטער פון דער עסטרייכישער השכלה. דאָס הויז פון די ברידער טראַכטענבערג איז געווען דער זאַמלפּונקט פון משכילים און דורשטיקע נאָך וויסן. אין אָט דער סביבה איז לעווינזאָן אַריין, און מיט גרויס דורשט געטרונקען פון דעם וויסן פון יענע גייסטיקע פירער.

פריער אין בראָד און שפּעטער אין זשאָלקיעוו און טאַרנאָפּאָל, האָט זיך לעווינזאָן צום ערשטן מאָל געטראָפן פנים אל פנים מיט דער גרויסער פּלעיאַדע משכילים פון יענער צייט, ווי ר׳ שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט, ר׳ נחמן קראָכמאַל, יוסף פּערל, מענדל לעפין, בעריש בלומענפעלד, יעקב שמואל ביק, יצחק ערטער, ר׳ לייביש מיזיס און אַנדערע. ער ווערט פאַרכאַפּט נישט נאָר פון זייער וויסן, נאָר אויך פון דעם פאַרשידנאַרטיקן אופן אויף וועלכן יעדער פון זיי רעאַגירט אויף די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דעם ייִדישן לעבן. אַ באַזונדער טיפן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער באַרימטער דענקער און גאון פון השכלה ר׳ נחמן קראָכמאַל, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט שפּעטער אין זשאָלקיעוו.[7]

די ערשטע צייט האַלט לעווינזאָן אָן אַ שטעלע אַלס בוכהאַלטער אין אַ האַנדלס־געשעפט. ער געפינט אָבער שנעל אויס, אַז די אַרבעט איז אים נאָר אַ שטערונג צום לערנען, און ער באַשליסט דעריבער אויפצוגעבן די שטעלע און ווידער זיך נעמען צו לערעריי. ער הויבט ווידער אָן צו גיין אויף שטונדן און ווידמען זיין פרייע צייט צו זעלבסטבילדונג. מיט זיין כאַראַקטעריסטישער התמדה נעמט זיך לעווינזאָן שטודירן לאָגיק, פילאָזאָפיע, דער עיקר די פילאָזאָפן פון דעם 18־טן יאָרהונדערט. ער נעמט זיך אויך פאַרפולקאָמען אין דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור. שפּעטער פאָרט ער אָפּ קיין טאַרנאָפּאָל, ער גיט אָפּ עקזאַמען אין דער „איזראַעליטישער הויפּט שולע״ און באַקומט אַ דיפּלאָם. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון יוסף פּערל, ווערט לעווינזאָן אָנגענומען אַלס לערער פון העברעאיש אין דער בראָדער רעאַל־שול. זיין פרייע צייט ווידמעט ער זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, אַרבעטנדיק אויף די ווערק וועלכע ער האָט פריער געפּלאַנט

און אַפילו אָנגעהויבן שרייבן נאָך זייענדיק אין ראַדזיווויל. ער פאַרענדיקט דעם „לוח המכס״ — זיין יידישע צאָל־טאַריף־איבערזעצונג, שטעלט צונויף אַ לערנבוך פון רוסישער שפּראַך, „יסודי לשון רוסיה״ און אַרבעט אויף זיין „המזכיר״ — אַ זאַמלונג פון פילאָלאָגישע פאָרשונגען. פון אָט די דערמאָנטע ווערק געלינגט אים בלויז אָפּצודרוקן אין זשאָלקיעוו דעם „לוח המכס״; די אַנדערע צוויי ווערק האָבן אָבער קיין מזל נישט געהאַט. ווי ס׳רוב משכילים נעמט זיך לעווינזאָן דאַן אויך צו סאַטירע — די זייער פּאָפּולערע ליטעראַרישע פאָרם מיט וועלכע זיי פלעגן זיך באַנוצן אין זייער אויפקלערונגס־אַרבעט. ער שרייבט אָן דעם „דברי צדיקים״ און דעם „עמק רפאים״, אין וועלכע ער שילדערט די אומוויסנהייט פון די חסידים, זייער נאַאיוויטעט און פאַרגלויבטקייט אין די רייד פון זייערע רביים און גרייפט אויך אָן די צדיקים, בעלי מופתים וועלכע עקספּלואַטירן זייערע חסידים אויף אַ באַוווסטזיניקן אופן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז לויט דעם אָנגענומענעם משכילישן נוסח ווערן דער חסידיזם און צדיקיזם אַרויסגעבראַכט אין באַזונדערס געדיכטע שוואַרצן פאַרבן.ביידע סאַטירעס, ווי אַ סך אַנדערע משכילישע ווערק אין יענער צייט, האָבן פריער צירקולירט אין מאַנוסקריפּטן. ערשט שפּעטער האָט זיי י. פערל אָפּגעדרוקט אין איין באַנד אין יאָר 1830 אין ווין.

די זעקס יאָר וואָס לעווינזאָן האָט פאַרבראַכט אין גאַליציע זענען געווען אַ מין צוגרייטונג פאַר דער מיסיע, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. פּראָפּאַגאַנ־דירן דעם געדאַנק פון גייסטיקן און מאַטעריעלן איבערבוי פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, איז אייגנטלעך געווען דער ציל וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט נאָך מיט יאָרן פריער, איידער ער איז געקומען קיין גאַליציע. נאָך זייענדיק אין ראַדזיווויל, — ער איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר — האָט ער שוין געהאַט פאַרטראַכט און אַפילו אָנגעהויבן שרייבן זיין צוקונפטיק מאָנומענטאַל ווערק „תעודה בישראל״. נאָך דעם אָבער ווי ער האָט פאַרבראַכט אַ משך פון יאָרן אין גאַליציע, און אַריינגעזאַפּט אין זיך פיל וויסן, ווי אויך זיך צוגעקוקט און אַפילו אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף פון די גאַליציאַנער משכילים, באַשליסט לעווינזאָן צו פאָרן אַהיים און אין גאַנצן זיך ווידמען דעם „טובת הכלל״, פאַרשפּרייטן השכלה צווישן די יידן אין רוסלאַנד.

ס׳וואָלט געווען אַ טעות אָנצונעמען, אַז לעווינזאָן האָט די ערשטע טריט פון דער השכלה דערהערט ערשט ביי זיין אָנקומען קיין בראָד אָדער אַפילו פריער אין ראַדזיווויל. כמעט אין יעדן פאַרהעלטניסמעסיק גרעסערן יידישן ישוב זענען אין יענע יאָרן געווען איינצעלנע אָדער קליינע גרופּעס משכילים. אין קרעמעניץ אַליין זענען עס געווען די ברידער לאַנדסבערג, די זין פון ר׳ אברהם בן יחיאל לאַנדסבערג, י. ב. לעווינזאָנ׳ס אַ קרוב. דער עלטערער פון זיי, ר׳ לייבוש, איז געווען לעווינזאָנס אַ נאָענטער פריינט; דער יונגערער ר׳ מענדל—אַ פילאַנטראָפּ און אַ ביבליאָפיל מיט וועמענס ביבליאָטעק לעווינזאָן האָט זיך זייער אָפט באַנוצט; אַ דריטער ברודער, ר׳ שלמה ישעיה, זאָל עס געווען זיין דער מחבר פון „מגלת אפה״ — אַ סאַטירע קעגן די צדיקים. זיי אַלע האָט אַריבערגעשטיגן אין ידיעות און אין שפּראַכן־קענטעניש זייער ברודער, ר׳ אייזיק, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער שול און באַוווסט געוואָרן דורך זיינע פילאָלאָגישע פאָרשונגען.[8] דאָס זענען אָבער געווען משכילים פאַר זיך אַליין, אַזוי אין קרעמעניץ אַזוי אין אַנדערע שטעט. קליין אין צאָל, דערצו נאָך אָפּגעזונדערט פון פאָלק, האָבן זיי בכלל נישט געקענט האָבן וועלכע נישט איז השפעה אויף די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

דורכבערעכן פאַר דער השכלה אַ וועג אין דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד נישט־קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן אַנטאַגאָניזם צו איר מצד די חסידישע און רבנישע קרייזן, און טראָגן די השכלה צום פאָלק האָט געקאָנט בלויז אַ פערזענלעכקייט פון גאָר אַן אַנדער שניט. ס׳האָט געמוזט קומען איינער וואָס האָט פאַרמאָגט סיי גרויסן וויסן, סיי רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס צוזאַמען מיט גרויסער עקשנות און וואָס זאָל זיין ביכולת זיך אַנטקעגנצושטעלן די קעגנער מיטן כוח פון וואָרט און שטאַרקן גלויבן אין דעם אמת פון דער אידיי וועלכע ער פּריידיקט. אַזאַ גרויסע גייסטיק־רייכע פערזענלעכקייט איז געווען ר׳ יצחק בער לעווינזאָן.

אין יאָר 1820 קומט לעווינזאָן אָן צוריק קיין קרעמעניץ. אין פאַרגלייך מיט בראָד, האָט די שטאָט קרעמעניץ אין זיינע משכילישע אויגן געמוזט אויסזען נאָך מער אָפּגע־שטאַנען ווי זי איז אין דער אמת׳ן געווען. איז קיין ווינדער נישט דעריבער וואָס ער דערזעט זיך אין ווייט נישט קיין ליכטיקע פאַרבן.

> איך ווין — באַקלאָגט זיך לעווינזאָן—אין אַ פאַרפינסטערטער שטאָט; מען זעט דאָרטן נישט קיין פרישן מענטשן, נישטאָ קיין סופרים, נישטאָ קיין ספרים, נישטאָ ווער זאָל מעלדן וועגן נייעס, וואָס פּאַסירן אויף דער וועלט; קיינער לייענט נישט קיין ביכער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט צייטונגען. איך הער אַרום זיך טאָג־טעגליך דאָס געשריי פון די אָרעמע, וואָס ווערן, נעבעך, באַראַבעוועט פון די, וואָס געוועלטיקן איבערן פאָלק, פון אונדזערע יידישע רעדלפירער און באַפעלער. עס דערגייט אויך צו מיר דאָס גרויסע געפילדער פון די באַטרונקענע חסידים, וואָס טאַנצן איבער די גאַסן טשערעדעסווייז, זינגען אויף אַ קול און ברענגען אַריין אין שטאָט אַלץ נייע רביים, וואָס פאָרן אין די קאַרעטעס, דער קומט אָן און דער פאָרט אָפּ. די פאַרברענטע הסידים באַטרינקען זיך און שרייען: קדוש״.[9]

אַ פאַרגלויבטער אין דעם כוח פון אויפקלערונג שטעלט זיך לעווינזאָן פאָר זיין נאָענטע אויפגאַבע קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק פון השכלה. אויב דער אַנטאַגאָניזם צו דער השכלה שטאַמט פון דער אומוויסנהייט וואָס הערשט אין דער יידישער סביבה, מוז מען די פאָלקס־שיכטן אויפקלערן, אַז זי ברענגט נאָר ליכט און וויסן. און אויב די שנאה וואָס הערשט צו איר שטאַמט פון מורא, אַז עפּעס דרויסנדיקס וואָס איז להיפך דעם יידישן גייסט ווערט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, דאַרף מען זיי איבערצייגן אַז דער השכלה געדאַנק האָט זיינע וואָרצלען אין דעם אינערלעכן יידישן לעבן און איז אין פולן איינקלאַנג מיטן גייסט פון אמת׳ער יידישקייט. כדי צו רעאַליזירן אָט די אויפגאַבע, נעמט זיך לעווינזאָן ווידער פאַר דעם „תעודה בישראל״— דאָס ווערק וואָס ער האָט פאַרטראַכט און אַפילו אָנגעהויבן שרייבן נאָך מיט יאָרן צוריק.

לעווינזאָן האָט פאַרענדיקט דאָס בוך אין יאָר 1822. און דאָ הויבן זיך ערשט אָן זיינע שוועריקייטן, סיי אין קריגן געלט אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך, סיי אין קריגן אַ דרוקעריי וואָס זאָל דאָס בוך וועלן אָפּדרוקן. אין אַ קול קורא וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, אָנזאָגנדיק אַז זיין ווערק וועט דערשיינען אין אַ יאָר אַרום, האָט ער אַפּעלירט פאַר פּרענומעראַנטן. אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען שטאַרק אַנטוישנדע. דער קלאַנג אַז יצחק בער לעווינזאָן האָט אָנגעשריבן אַן אַפּיקורסישן חיבור, האָט זיך זייער שנעל צעטראָגן איבער די שטעט און שטעטלעך און קיין איינציקע דרוקעריי (אין קרעמעניץ,

בעלאָזערקע, סלאַוווטע, זאסלאוו, פּאָלאָנע, קאָרעץ) האָט נישט געוואָלט דרוקן דעם ספר. אַזוי זענען אַוועק פינף יאָר.

אין יאָר 1827 ווענדעט ער זיך דורך זײַנעם אַ פרײַנט און פאַרערער פון קרעמעניץ, דעם קאָלעגן־אַסעסאָר פון דעם געריכט און דערציִאונגס קאָמיסיע אין וואָלין, צום יידישן קאָמיטעט אין וואַרשע („קאָמיטעט סטאַראָזאַקאָניך״), אַז זיי זאָלן אים העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. כדי די בקשה זאָל האָבן אַ פעולה לייגט יענער פרײַנט צו זײַן אייגענעם בריוו, אין וועלכן ער גיט איבער אַז ר׳ שלמה ראַפּאַפּאָרט האָט זיך באַקאַנט מיטן מאַנוסקריפּט און דאָס ווערק זייער געלויבט. דעריבער אַפּעלירט ער צום קאָמיטעט, אַז ער זאָל העלפן לעווינזאָנען אַרויסגעבן דאָס בוך.

דער קאָמיטעט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, און געענטפערט אַז ער האָט נישט קיין ספּעציעלע פאָנדן.[10] נאָך גרויסער מי און מאַטעריניש געלינגט ענדלעך לעווינזאָנען אַ דאַנק דער הילף פון נאָענטע פרײַנט, אָפּצודרוקן דאָס בוך אין ווילנע אין יאָר 1828. אָבער אויך מיט דעם דערשײַנען פון בוך איז פאַרבונדן אַ זייער אינטערעסאַנטער פאַקט. לעווינזאָן האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס בוך וועט אַרויסרופן אַ גרויסן שטורעם אין די רבנישע, באַזונדערס אין די חסידישע קרײַזן, און ער האָט זיך אויך לײַכט געקאָנט פאָרשטעלן מיט וואָס דער שטורעם קען זיך ענדיקן. איז ער געפאַלן אויף פאָלגנדיקער המצאה: נאָך איידער דאָס בוך איז דערשינען, האָט ער בײַם דרוקער באַשטעלט אַן אָפּשריפט און אים אָפּגעשיקט צום דאַמאָלסדיקן בילדונגס־מיניסטער א. ס. שישקאָוו. אין אַ בײַגעלייגטן בריוו האָט לעווינזאָן געבעטן, אַז עס זאָל אים דערלויבט ווערן אַרויפשטעלן אויף דעם בוך דעם מיניסטערס נאָמען, וועלכער וועט „באַשײַנען דאָס ווערק״. ער האָט אויך געבעטן, אַז עס זאָל פאַר אים באַשטימט ווערן אַ סובסידיע, כדי ער זאָל ווייטער קענען שרײַבן נײַע ווערק וועלכע זאָלן „אויסבעסערן דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקע־רונג״.[11] דאָס בוך איז אָנגעקומען אין די הענט פון די צוויי משומדים זאַנדבערג און פאָדעללאַ, וועלכע זענען געווען בײַ דער רעגירונג די עקספּערטן אין דעם קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים. זאנדבערג האָט דאָס בוך רעקאָמענדירט אַלס אַ נוציק ווערק; ער איז אָבער געווען קעגן דעם, אַז דעם מיניסטערס נאָמען זאָל אַרויפגעשטעלט ווערן אויפן בוך מחמת דאָס וואָלט געקאָנט האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג. אויך האָט ער אָנגעוויזן, אַז עס מוזן אויסגעלאָזט ווערן אייניקע שטעלן וועלכע גרײַפן שטאַרק אָן דעם חסידיזם.

אין אַ קורצע צײַט אַרום האָט שישקאָוו פאַרלאָזן זײַן אַמט, און דער קיסר ניקאָלאַי דער I־טער האָט באַשטעטיקט די רעקאָמענדאַציע פון דעם קאָמיטעט (אונטערצייכנט: „סאָגלאַסיען״), אַז מען זאָל באַשטימען לעווינזאָנען אַ סובסידיע פון טויזנט רובל פאַר זײַן בוך וואָס באַצוועקט די „מאָראַלישע באַנײַאונג פון דעם יידישן פאָלק״. לעווינזאָן האָט גלײַך נאָך דעם צוגעשיקט צום דרוקער אין ווילנע אַ דאַנק־בריוו צום קיסר פאַר דער מתנה, און דער בריוו איז דערשינען אין דעם בוך. לעווינזאָנס המצאה האָט געטראָפן אין ציל. באַלד ווי דער בוך איז דערשינען, האָט זיך אין די חסידישע קרײַזן אויפגעהויבן אַ שטורעם, אָבער קיין חרם האָט דער שטורעם מיט זיך נישט געבראַכט...

דאָס ווערק „תעודה בישראל״ מעג מיט רעכט באַצייכנט ווערן אַלס גאָר וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער השכלה אין רוסלאַנד.

שוין אין דער הקדמה צום בוך שטעלט דער ריב״ל די פראַגע: וואָס אייגנטליך האָט אים באַוויגן צו שרײַבן דאָס בוך? און ער ענטפערט, אַז זײַנע יוגנט פרײַנט האָבן זיך צו אים געווענדט מיט דער בקשה, ער זאָל זיי אויפקלערן וואָס עס דאַרף זײַן זייער אמתער

וועג אין לעבן אַלס ייד אַלס מענטש און אויך אָנווייזן זיי אויף יענע לימודים וועלכע זענען דורכאויס „הכרחיים לשלמות האנושית בכלל ולשלמות הישראלי בפרט״.[12] דעם גאַנצן בוך בויט דער ריב״ל אויף ענטפערס וועלכע ער גיט אויף די אַוועקגעשטעלטע שאלות. סיסטעמאַטיש און מיט גרויס ערודיציע אַנאַליזירט ער יעדע פון די אָנגעצייכנטע פראַגעס. זיינע הסברות זענען קלאָר און אָנגעפיקעוועט מיט ציטאַטן פון תלמוד, פון מדרש, פון דער רבנישער ליטעראַטור און מיט פיל היסטאָרישע פאַקטן און געדאַנקען פון אַ סך גרויסע אויטאָריטעטן.

אין דעם בוך אַנטפּלעקט זיך דער ריב״ל אַלס גרויסער געלערנטער, לערער, פריידיקער און קעמפער. בדרך כלל איז זיין סטיל סאָליד און געלאַסן. דער טאָן אָבער בייט זיך און ווערט אָפט קעמפעריש, באַזונדערס ווען ער שיקט זיינע פיילן אין דעם חסידיזם און באַהאַנדלט פראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גייסטיקער סטרוקטור אין דעם יידישן לעבן אין יענער צייט. מיט גאָר אַ באַזונדערן פּאַטאָס צייכנט זיך אויס זיין סטיל ווען ער רופט צו גייסטיקן און עקאָנאָמישן איבערבוי אין דעם יידישן לעבן.

נאָך אַ גרינדלעכער עקסקורסיע אין דער תלמודישער און אין דער רבנישער ליטעראַטור, קומט ריב״ל צום אויספיר, אַז עס איז אַ חוב גדול אויף יעדן יידן צו קענען פולקאָם די העברעאישע שפראַך. ער קריטיקירט דערביי זייער שאַרף די פאַרעלטערטע מעטאָדן, ווי בכלל דעם סדר־הלימוד אין די דאַן עקזיסטירנדיקע חדרים, „חדרי מ׳ת״ ווי ער רופט זיי אָן, אין וועלכע די שפראַך פון ספרי הקודש ווערט געלערנט אָן סיסטעם.

סיי דער תנ״ך, סיי דער תלמוד, זאָגט ריב״ל, באַטראַכטן שפראַך ווי אַ סינאָנים פון פאָלק („כל הגוים והלשונות״, „כל אומה ולשון״), און דער וואָס טראָגט דעם נאָמען „עברי״ מוז פולקאָם באַזיצן די שפראַך פון זיין פאָלק — עברית.[13] העברעאיש איז די איינציקע שפראַך וואָס פאַראייניקט אַלע יידן וואָס זענען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, און נאָר העברעאיש קען פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דעם יידישן פאָלק.[14]

בדרך כלל האַלט ריב״ל, אַז וואָס שייך כתב ולשון איז נישטאָ קיין קדושה אָדער טומאה — אַלץ ווענדעט זיך אין דעם ענין וועגן וועלכן עס ווערט געשריבן. יעדער ספר וואָס עס געפינען זיך אין אים דברי תורה, מוסר אָדער בכלל דברי תורה ודעת, מעג יענער ספר זיין געשריבן אין וועלכער נישט איז שפראַך, ווערט ער דורך דעם אַ ספר כשר וטהור.[15]

אַן אויסנאַם מאַכט ער אָבער מיט יידיש. יידיש, האַלט ריב״ל, איז די שפראַך וועלכע מיר האָבן אַנטליען ביי די דייטשן און איז אַ געמיש פון דייטש, העברעאיש, רוסיש, פראַנצויזיש און פויליש. יידיש איז בלויז צוגעפּאַסט אויסצודריקן געוויינטלעכע זאַכן. זי איז אָבער ווייט נישט צופרידנשטעלנד, ווען עס קומט אויס אויסדריקן זיך וועגן העכערע ענינים.[16]

ריב״ל טרעט דערנאָך צו צו דער צווייטער פראַגע: צי מעג אַ ייד זיך לערנען פרעמדע שפראַכן און חכמות חיצוניות?

שטיצנדיק זיך אויפן תלמוד און אַנדערע יידישע מקורות און אויטאָריטעטן, ווייזט ריב״ל אָן אַז יידן דאַרפן קענען אויך אַנדערע שפראַכן חוץ העברעאיש, באַזונדערס די שפראַך פון דער מדינה. אַלע יידישע גדולי הדור סיי אין די צייטן פון דער משנה און תלמוד, סיי אין די שפּעטערע דורות, האָבן אויסער העברעאיש אויך געקאָנט אַנדערע שפראַכן. פילון אלכסנדרוני, יוסיפוס פלביוס, האָבן געקאָנט און געשריבן זייערע ספרים

אויף גריכיש; דער רמב״ם, ר׳ סעדיה גאון, ר׳ יהודה הלוי האָבן געקאָנט אַראַביש א.א.וו.[17]

וואָס שייך חכמות חיצוניות, איז נישטאָ קיין הכמה און קיין וויסן וואָס זאָל אונדז נישט ברענגען קיין נוצן, אָדער זאָל אין אונדז נישט דערוועקן ליבע און בעסערע פאַר־שטענדעניש פאַר דעם בורא עולם, און זאָל אונדז נישט ברענגען קיין נוצן אין אונדזער גייסטיקן און פיזישן לעבן. ריב״ל ווייזט אויך אָן, אַז אין אַלע דורות האָבן יידישע געלע־רנטע זיך אינטערעסירט מיט די חכמות פון אַנדערע פעלקער, און זענען דורך דעם געוואָרן גרויסע בקיאים אין די חכמות פון זייער צייט. אַדאַנק דעם האָבן זיי טאָקע געבראַכט אַ סך נוצן דעם יידישן פאָלק. ברענגענדיק אַ סך ראיות און ציטאַטן פון תלמוד, ווייזט ריב״ל אָן אַז די חכמים האָבן שטענדיק זייער הויך געשעצט אַזעלכע גרויסע יידישע געלערנטע.[18]

אַזוי אַרום קומט ריב״ל צום אויספיר, אַז דאָס קענען די לאַנדס־שפּראַך ווי אויך די חכמות חיצוניות, וועלן נישט נאָר נישט ברענגען קיין שאָדן דער יידישער אמונה, נאָר, פאַרקערט, ברענגען אַ סך נוצן אין זייער מסחר און אין זייער שטענדיקן פאַרקער מיט דעם נישט־יידישן אַרום, באַזונדערס מיט די בעאַמטע פון דער מלוכה. דורך חכמה און וויסן פון אַנדערע לשונות וועלן יידן זיין נושא חן אין די אויגן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען.[19] ריב״ל פאַרשטייט גוט אַז וויסן און בילדונג זענען נישט דער פולער ענטפער אויף דעם יידישן פּראָבלעם. די יידישע עקאָנאָמיק, האַלט ער, מוז ווערן איבערגעבויט, און יידן אַליין מוזן בייטן זייער עקאָנאָמישן שטייגער לעבן. פון לופט־מענטשן, שענקער, א. א. ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן, זיך פאַרנעמען מיט נוצלעכער אַרבעט, און אין דער ערשטער שורה מיט מלאכות און ערד־אַרבעט.

אויף דאָ ברענגט ריב״ל אַ סך פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע און ראיות פון אַ סך יידישע חכמים, וועלכע האָבן אין זייער טאָג־טעגלאַכן לעבן געצויגן חיונה פון אַרבעט, זייענדיק האָלצהעקער, שוסטער, שמידן א. א. וו. עס קומט אים אָן אויך נישט שווער צו באַווייזן, אַז שוין די חכמים האָבן געהאַלטן אַז תורה אַליין איז נישט גענוג, נאָר אַז צוזאַמען מיט איר מוז קומען מלאכה.[20] ריב״ל ווייזט אָן, אַז די יידן זענען נאָך פון קדמונים אָן געווען אַ פאָלק פון ערד־אַרבעט. דורך די יאָרהונדערטער וואָס יידן האָבן געלעבט אין זייער אייגן לאַנד, נאָך פאַרן חורבן בית שני, איז ערד־אַרבעט געווען זייער הויפּט־באַשעפטיקונג. מלאכות און ערד אַרבעט זענען דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי די מער געוווּנשטע באַשעפטיקונג. אַפילו אין יענע צייטן, ווען די יידן האָבן אָנגעקניפּט האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פעלקער אַרום, איז ערד־אַרבעט נאָך אַלץ געווען זייער הויפּט־באַשעפטיקונג. ערשט מיט דורות שפּעטער, ווען דאָס יידישע פאָלק איז צעשפּרייט געוואָרן צווישן די אומות־העולם, און באַזונדערס אין מיטלאַלטער ווען מ׳האָט די יידן באַגרעניצט אין רעכט, זענען זיי געווען געצוווּנגען צו ווערן אַ פאָלק פון מסחר על פי אונס.[21]

> „פאַרוואָס", פרעגט ריב״ל, „האָבן זיך ביי אונדז אַלע, מאַן און פרוי, גרויס און קליין, רייך און אָרעם, אַלע גענומען בלויז צו מסחר? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אַזוי ווי אונדזערע עלטערן אַמאָל, נישט פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט: פאַרוואָס האָבן מיר זי (די ערד אַרבעט) פיינט געקראָגן און זיך דערווייטערט פון איר? זי איז דאָך ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען קיין עבודה בזויה".

שטאַרק פאַרגלויבט אין דער נייער תקופה פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם און אין די נייע אידעען פון גלייכהייט און מענטשלעכער פאַרברידערונג, פאַרענדיקט ריב״ל זיין

ספר מיט אַ רוף פול מיט פּאַטאָס, אַז יידן זאָלן אַוועקוואַרפן די לופט־פּרנסות און קליין־האַנדל, און אַנשטאָט דעם זיך לערנען מלאכות און פאַרנעמען זיך מיט ערד אַרבעט, ווייל נאָר זי, די ערד־אַרבעט, איז אימשטאַנד צו ברענגען „אמת'ן גליק און פרייד דעם מענטשן". יידן, חזרט ער איבער, דאַרפן זיך לערנען אַנדערע לשונות און באַרייכערן זייער יידיש וויסן מיט אַלגעמיינעם וויסן. דאָס וועט פירן צו אַ בעסערער פאַרשטענדעניש צווישן זיי און זייערע נישט יידישע מיטבירגער, און דורך דעם וועלן זיי נושא חן זיין ביי די פעלקער פון דער וועלט.[22]

דער רושם וואָס דער ספר האָט געמאַכט אויף יעדן איינציקן וואָס האָט געדורשט נאָך וויסן, באַזונדערס אויף דער יוגנט, איז געווען אומגעהויער גרויס. דער ספר האָט געווירקט ווי אַ מאַניפעסט וואָס האָט פּראָקלאַמירט די פרייהייט פון שכל און פון גייסט. פאַר פיל איז דער בוך געווען ווי אַ באַשטעטיקונג פון אַ סך אמתן, וועגן וועלכע זיי האָבן בלויז געאַנט אָבער נישט געקאָנט אָדער נישט געטאָרט טראַכטן אין דער הויך. איינצעלנע עקזעמפּלאַרן, וואָס זענען אָנגעקומען אין די שטעט און שטעטלעך, אָפטמאָל מיט אַ יאָר אָדער צוויי נאָך דעם דערשיינען, האָבן צירקולירט פון האַנט צו האַנט און געלייענט געוואָרן „אויף די בוידימער, אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער, אין דער טיפער נאַכט אין די טונקעלע ווינקלען פונם בית המדרש, ביים לעצטן צאַנקען פונם חלבנעם ליכטל..." אָט ווי דער שרייבער און דיכטער אברהם בער גאָטלאָבער פאַרצייכנט דאָן אין זיינע זכרונות וועגן דעם רושם וואָס דער „תעודה בישראל" האָט געמאַכט אויף דער יוגנט:

„אָן אַ שיעור יידישע יונגעלייט האָבן דעמאָלט געעפנט די אויגן און האָבן זיך גענומען צו לערנען לשון קודש און די לאַנד־שפּראַך. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן מוט און האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר די פאַנאַטיקער וואָס זענען געשטאַנען אין וועג. אין יעדער שטאָט האָבן זיי געגרינדעט אגודות, און די איינצעלנע משכילים וואָס זענען שוין געווען פון פריער צעשפּרייט דאָ און דאָרטן, האָבן זיי מיטגעהאָלפן. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פן דעם חסידישן כלל און האָבן זיך געווענדעט צו בילדונג און צו וויסן".[23]

אַ שטאַרקן רושם האָט דער ספר געמאַכט אויף באַרימטע געלערנטע. שרייבער און משוררים, לעווינזאָנס מיטצייטלער (פון זיי אייניקע וואָס זענען געווען עלטער פון אים אין יאָרן) ווי שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט, אדם הכהן לעבענזאָן, קלמן שולמאַן, יעקב אייכנבוים, מרדכי נאַטאַנזאָן, שמואל פין און אַנדערע. זיי אַלע האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון דעם „תעודה בישראל", און מיט גרויס ליבע און פאַרערונג1 גערופן לעווינזאָנען אויף דעם נאָמען פון זיין ספר. אייניקע דיכטער האָבן לכבוד דעם בוך געשריבן שירים.

„די דאָזיקע וויכטיקע לייט", באַמערקט גאָטלאָבער, וועגן די עלטערע משכילים, „הגם זיי האָבן מקדים געווען ריב"לן מיט זייער בילדונג און וויסן און האָבן נישט געשעפּט פון זיין מקור, אָבער נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן באַרימט און זיינע ספרים האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָבן זיי זיך אַלע אויפגעזאַמלט אונטער זיין פאָן און ער איז געוואָרן זייער פירער; ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז גרעסער פון זיי אין חכמה און איז פעאיק אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, און אַז פון אים וועט קומען אַ ישועה פאַר יידן בנוגע זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן מצב. דער ספר „תעדה בישראל" איז פאַר זיי געווען אַ וועגווייזער און אין זיין ליכט זענען זיי געגאַנגען".[24]

ביבליאגראפיע און באמערקונגען

1. זע ענציקלאָפּ. סלאָוואַר בראָקגאוז עפראָן ס. פּעטערבורג, 1895, אויך פּ. סעמיאָנאָוו, געאָגראַפ. סטאַטיסטיטשעסקי סלאָוואַר ראָסיסקאַי אימפּעריי || ס. פּעטערבורג 1865.

2. זע ד״ר רינגעלבלום, די יידן אין קרעמעניץ ביזן סוף פון דעם 18־טן יאָרה. אין לאַנדקענטעניש, נומער 2, וואַרשע 1934.

3. זע יעווריייסקאַיא ענציקלאָפּעדיא אָבשטש. דליאַ נאַאוטש. איזד. בראָקגאוז עפראָן.

זע אויך י. לעשצינסקי, דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור פּ. ס. ס. ר. 1922.

4. וועגן זיין עלטער־פעטער ר׳ אליקים פון יאמפּאָלי דערציילט ריב״ל, אַז ער שטאַמט אָפּ פון ר׳ יוסף בן שמואל הלוי „אשר הגלה עם הגולה אשר הגלה פּערדינאַנדוס קאַטאָליקוס מלך שפּאַניען מארצו״. ריב״ל דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געפאָרן קיין רוים „בפקודת הרבנים הגאונים דארבע הארצות״ נאָך דער גרויסער אסיפה אין בראָד וועגן דער עלילת דם אין יאמפּאָלי אין יאָר תקי״ז, און אויסגעווירקט ביים פויפּסט אַ פּסק וועגן דער פאַלשקייט פון דעם בלוט־בלבול. אויך זיין עלטער־פעטער פון זיין מוטערס צד, ר׳ מאיר בן יואל מדובנא איז געווען פּרנס ועד ארבע הארצות און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס אַ מליץ יושר פאַר די יידן בעת דעם בלוט־בלבול אין יאָר תקי״ט (זע ריב״ל, בית יהודה זייט 17). מערקווירדיק, ווי אויף ריבל״ן איז שפּעטער אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל.

5. י. ב. לעווינזאָן האָט אויך אין די שפּעטערע יאָרן געשריבן שירים, און ביי געלעגנהייטן ליב געהאַט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט גראַמען. ער האָט אָבער זיך קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר קיין דיכטער (זע זיין הקדמה צו „אשכל הסופר״).

6. לויט אַ געוויסער ווערסיע זאָל זיין פּרוי האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו סמ׳ען אים. ער איז אָבער ניצול געוואָרן און גלייך נאָך דעם זיך געג׳גט מיט איר. זע ד״ר י. צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן. באַנד 8, פאַרלאַג שקלאַרסקי נ. י. 1943.

7. זע ד״ר ר. מאַהלער, דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע. קאַפּ. 2 ייוואָ. נ. י. 1942. זע י. ב. לעווינזאָן, בית יהודה פּרק קי״ח ז. 287. „פון די ברעקלעך וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון קראָכמאַלס ליטעראַרישן טיש״, שרייבט שפּעטער י. ב. לעווינזאָן, „האָבן אַ סך משוררים פון אונדזער צייט געשאַפן גאַנצע ביכער״.

8. זע א. פרידקין, אברהם בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע. זע יעווריייסקאַיא ענציקלאָפּעדיאַ.

9. ציטירט לויט ד״ר י. צינבערג ; זע „ילקוט ריב״ל״ 72, 73.

10. ד״ר י. שאַצקי יצחק בער לעווינזאָנס אַן אומבאַקאַנטע השתדלות אין וואַרשע ׳לויט אַרכיוו דאָקומענטן) ייוואָ בלעטער 1932 4. ז״ז 81—84.

11. פּערעזשיטאָיע טאָם I 1909. דאָקומענטי אי סאָאָבשטשעניאַ.

12. הקדמה צום תעודה בישראל מהדורה רביעית הוצאת ש. ז. פונק בווילנאָ, וואַרשא ת׳רס״א. 1901. דאָס איז אייגנטלעך דער אופן ווי ריב״ל שטעלט זייער אָפּט אַוועק זיין טעמע וועלכע ער באַהאַנדלט אין אַ טייל פון זיינע ווערק. צי זענען אים די שאלות טאַקע געשטעלט געוואָרן, צי נישט, ברענענדיקע פּראָבלעמען אויפן סדר היום ביי די משכילים זענען זיי זיכער געווען. זייער אינטערסאַנט דערביי איז זיין פאַרבאַמערקונג אין פאַרבינדונג מיט׳ן דערשיינען פון בוך, ווייל זי כאַראַקטעריזירט אים אויף דעם בעסטן אופן אַלס ענין וועמען עס איז פרעמד די קנאת סופרים און דער דראַנג נאָך פּירסום : „הסיבה אשר הניעתני לשלוח המחברת הזאת על פני הוצה איננה קנאת סופרים, להיות נמנה את נבונים ולמען אכבדה בין תופשי עט המלמדים דעת את האדם. הלא ערכי נפשי יודעת מאד. ואיך במזמה זו אתגאה בקהל רב ?״

13. זע „תעודה בישראל״ זייטן 16—17.

14. זע דאָרט זייט 17 : „כי היא תעשה קשר הדת וקיום האומה, היא הבריח התיכון המבריח מקצה תבל ועד קצהו כאיש אחד חברים את כל אחינו בני הגולה המפוזרים בארבע רוחותיו״...

15. זע דאָרט זייטן 34—35.

16. אין דעם פּרט איז ער נישט געווען דער איינציקער צווישן די משכילים, מיט אייניקע

אויסנאַמען איז דאָס געווען דער מַשכּילישער צוגאַנג. ריב״ל האָט אָבער, ליידער, זיך נישט פאַרגעשטעלט די נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָלע וואָס דעם יידישן לשון וועט אויסקומען צו שפּילן שפּעטער; און זיכער האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז אין דער פון אים פאַרבאָטענער שפּראַך וועט מיט יאָרן שפּעטער אויסוואַקסן אַ רייכע יידישע ליטעראַטור.

מערקווירדיק אָבער, אַז בעת דער ספר „תעודה בישראל" איז דערשינען האָט ריב״ל שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ סאַטירע און דוקא אין יידיש, „די הפקר וועלט", וועלכע האָט אין זיין צייט צירקולירט אין כתב־יד, און ערשט יאָרן שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דוב־בער נאַטאַנזאָן.

17. זייטן 37—42.

18. זייט 109 „אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי קומה ובעלי חכמה ובעלי מראה ויודעים בשבעים לשון", געבראַכט פון סנהדרין און ציטירט פון ריב״ל.

19. זע זייט 56.

20. זע זייט 161.

21. זע זייטן 180—184.

22. זע זייטן 198—190.

23. א. פרידקין, אברהם בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, זייט 211.

24. דאָרט זייט 216.

ישראל מרגלית

רעסטאַווירט דאָס הויז פון יצחק בער לעווינזאָן

ווי אַזוי האָט מען אַמאָל געטון כדי צו פאַראייביקן ביי אונדז דעם אָנדענק פון יצחק בער לעווינזאָן?

בערך אין יאָר 1906 איז דורך אַן איניציאַטיוו־גרופּע אין צוזאַמענשטעל פון ד״ר ליטוואַק, פנחס ראס, הרב ב. קונין, לייב שומסקי און איך, גערופן געוואָרן אַ פערזאַמלונג פון מענטשן — וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם געדאַנק וועגן פאַראייביקן דעם נאָמען פון אונדזער חשובן בירגער י. ב. לעווינזאָן. געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, זענען ביי 70—80 מענטשן, משכּילים, קולטור־עסקנים און ס'איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלן מיר פאַראייביקן אין קרעמעניץ דעם אָנדענק פון י. ב. לעווינזאָן.


נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש איז אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, מען זאָל פאַרעפנטלעכן אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע פון געוו. רוסלאַנד אַן אויפרוף צו אַלע יידן מ'זאָל זאַמלען געלט, און פאַר דעם געלט אויסקויפן דאָס שטיבעלע, ווו עס האָט געווױנט און געשאַפן יצחק בער לעווינזאָן, און דאָרט איינאָרדענען אַ שטאָטישע ביבליאָטעק און לעזע־זאַל. צו דעם צוועק איז אויפן אָרט אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג אין פאָלגענדן צוזאַמענשטעל: פּרעזעס הרב ב. קונין, סעקרעטאַר ד״ר מ. ליטוואַק, קאַסירער פ. ראס און צוויי מיטגלידער: ה. ל. שומסקי און דער שרייבער פון די שורות.

נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם ערשטן אויפרוף האָט זיך אַ שיט געטון געלט קיין קרעמעניץ פון אַלע עקן פון געוו. רוסלאַנד, באַזונדערס וואַרעם האָבן זיך אָפּגערופן די שטעט פון ליטע. געשיקט געלט האָבן יידן, פאַרערער פון לעווינזאָנען און האָבן געדאַנקט וואָס מען האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו. דערווייל האָט מען זיך געווענדעט צו דער מאַכט וועגן אַ סטאַטוס פון דער לעזע־זאַל און מען האָט געוואַרט, ביז מען וועט באַשטעטיקן אַזאַ סטאַטוס, כדי מען זאָל האָבן רעכט

צו קויפן דאָס שטיבל ווו עס האָט געוווינט לעווינזאָן און ווו עס האָט זיך דאַמאָלט געפונען אַ שענק. אָבער די צאַרישע מאַכט האָט געהאַלטן אַז ביבליאָטעקן זענען שעדלעך, בפרט נאָך לעזעזאַלן. עס האָט זיי נישט געשמעקט א״ן מען האָט אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם סטאַטוס. דאַמאָלט האָט מען ווייטער גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, כדי צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי אַזוי מען זאָל דערווייל קויפן דאָס הויז און באַזייטיקן פון דאָרט דעם שענק, ווייל עס איז אַ חרפה אַז אין לעווינזאָנס הויז זאָל זיין אַ שענק.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס הויז צו קויפן דערווייל אויפן נאָמען פון פריוואַטע מענטשן און אין אַ געהיימער אָפּשטימונג זענען באַשט׳מט געוואָרן: מ. ליטוואַק, לייב שומסקי און דער מחבר פון די שורות.

מיר האָבן דאָס שטיבל געקויפט, באַזייטיקט דעם שענק און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, מען זאָל קענען פאַרווירקלעכן דעם ווילן פון לעווינזאָנס פאַרעהרערס. אַזוי האָט געדויערט ביז דער וועלט־מלחמה און דערנאָך, בשעת דער מלחמה האָט מען זיך מיט דעם ענין שוין נישט באַשעפטיקט. דערווייל זענען דאָס רוב פון דאַמאָלסטיקע מיטגלידער אויסגעשטאָרבן, און דאַן האָבן מיר, די אויף וועמענס נאָמען עס איז דאַמאָלט געקויפט געוואָרן דאָס שטיבל, באַשלאָסן אַז מען זאָל דאָס שטיבל איבערגעבן עפּעס אַ לעגאַלער אָרגאַניזאַציע, און מען האָט עס טאַקע באַשלאָסן איבערצושרייבן אויף דעם נאָמען פון דער איינציקער לעגאַלער אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געהאַט רעכט צו קויפן אייגנטום — „אָרט״.



דאָס הויז פון י. ב. לעווינזאָן
הבית בו התגורר הריב״ל

צווישן ביידע וועלט־מלחמות

י. אטיקער (נען)

דאָס יידישע קרעמעניץ

דער פאָלגנדיקער איבערזיכט פון עקאָנאָמ־ש־סאָציאַלן לעבן אין קרעמעניץ פאַרן יאָר 1931 איז פאַקטיש כאַראַקטעריסטיש כמעט פאַר דער גאַנצער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

די עקאנאמישע לאגע

די אַזוי אויך געגוג שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך במשך פון פאַרגאַנגענעם יאָר נאָך מער פאַרערגערט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז פולשטענדיק רואינירט געוואָרן און געמוזט זוכן אַנדערע וועגן ווי־אַזוי אויסצואַרבעטן פאַר זיך פרנסה. אַ סך אָנגעזעענע סוחרים, געוועזענע גרויסע גבירים זענען ממש פאַראָרעמט געוואָרן. אַ טייל פון זיי האָט אַפילו געמוזט אָנקומען צו וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און בעטן שטיצע, אָדער הלוואָה פון 60 זלאָטעס... צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס פלעגן אַמאָל אַליין געבן צדקה ביד רחבה.

נאָך ערגער איז די לאַגע פון די קליינהענדלער. די מערהייט איז אָפּגעזעסן אין די געוועלבער וואָכנווייז, נישט זעהענדיק קיין גראָשן פדיון. אַ גרויסע צאָל איז געצוווּנגען געווען צו ליקווידירן די געשעפטן און זיך וואַרפן צו אַנדערע פרנסות. אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, געשעפטן א. אַז. וו. האָבן זיך אויף דעם מינדסטן פאָסטן געמאָלדן צענדליקער געוועזענע חשובע בעלי־בתים. געזונקען זענען אויך די פאַרדינסטן פון אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, ווייל דר פויער איז אויך שטאַרק פאַראָרעמט און אויך די פאַרדינסטן פון די באַאַמטע זענען געפאַלן.

אַ שווער יאָר האָבן אויך געהאַט די האַנטווערקער. אַ סך פאַכן זענען אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן געוואָרן, אַ סך האַנטווערקער זענען געזעסן אָן אַרבעט, אַ ביסל געהאָלפן האָבן נאָך די באַשטעלונגען פון ארומיקע פריצים און יחידים פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף וועלכע דער קריזיס האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק אָפּגערופן.

אויך דער יידישער בעאַמטער, לערער א. אַנד. וואָס פלעגט זיין אַ אָביעקט פון קנאה מצד די קליינהענדלער אַלס אַ „מענטש מיט זיכערער פרנסה", האָט דאָס יאָר שטאַרק געליטן. די פענסיעס און לוינען זענען שטאַרק רעדוצירט געוואָרן.

נישט בעסער איז די לאַגע פון אַרבעטער, די אַרבעטסלאָזיקייט און נישטיקע לוינען האָבן ממש געבראַכט הונגער און נויט. אין ענלעכע שווערע באַדינגונגען געפינען זיך אויך די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. בלויז אַ קליינע צאָל האַלט זיך אויף די פאָזיציעס. צום באַדויערן דערפילן נישט די פאַרבליבענע זייערע פליכטן לגבי זייערע פאַראָרעמטע ברידער, אַזוי ווי די שווערע צייט איז עס מחייב.

זייער שטאַרק האָט זיך אויף דער יידישער באַפעלקערונג אָפּגערופן די שטייער־שרויף וועלכע איז, טראָץ דעם קריזיס, לחלוטין נישט גלעלינדערט געוואָרן, און איז אין פיל פאַלן נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן. דאָס האָט זיך ממש פאַטאַל אָפּגערופן אויף די האַנדלס־מאַסן. אויך דער מאַנגל אין קרעדיט האָט זיך זייער שווער אויסגעווירקט. בענק האָבן נישט געקענט אַנטקעגנקומען די הלוואה־ביטעס. מענטשן מיט קאַפּיטאַלן האָבן זיי בעהאַלטן אין דער היים, מורא האָבנדיק אַפילו צו געטרויען די זיכערסטע פּערזאָנען.

צוליב דער שווערער לאַגע אין אַמעריקע האָבן אויך אויפגעהערט די שטיצעס וואָס אַ סך פאַמיליעס האָבן באַקומען פון זייערע לאַנדסלייט, ווי אויך די שטיצעס פאַר אינסטיטוציעס. די יידישע באַפעלקערונג איז אָנגעוויזן בלויז אויף זעלבסטהילף, וואָס אירע אויסזיכטן זענען זייער באַגרענעצט.

מאגיסטראט

אויך דער מאַגיסטראַט האָט זיך אין פאַריקן יאָר געפונען אין פינאַנציעלע שווער־ריקייטן, און דעריבער זענען די סובווענצן פאַר די יידישע אינסטיטוציעס זייער נישט רעגולער אויסגעצאָלט געוואָרן.


צום סוף יאָר האָט דער מאַגיסטראַט אַסיגנירט פאַר די אָרימע יידישע קינדער אין די שולן 2000 זל. אויף שיך.

ק ה ל ה

ערשט איצט הויבט אָן די קהלה זיך צורירן פון „טויטן פונקט". מען טרעט שוין צו אויסצואַרבעטן דעם ביודזשעט־פּרעלעמינאַר, און מען האָפט ענדלעך איבערצוגיין צו מער נאָרמאַלער אַרבעט.

פון דער טעטיקייט פאַר אַ גאַנץ־יאָר לאָזט זיך כמעט גאָרנישט באַצייכענען אַ חוץ דעם אומגעלונגענעם פּרווו איבערצונעמען דעם בית־עולם, דאָס אָוועקשטעלן אַ שעכט־הויז (דערצו נאָך זייער ווייט פון דער שטאָט), שוחטים, מחלוקות א. אַז. וו. לעצטנס איז דורך דער קהלה איבערגענומען געוואָרן די פירונג פון מושב־זקנים.

אַ שווער יאָר האָבן אויך געהאַט די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.



אלגעמיינער בליק אויף קרעמעניץ

מראה כללי של קרמניץ

„ארט״ געזעלשאפט

אין דער ערשטער ריי האָט דער „אָרט״ זיך געפונען אין אַ זייער טרויעריקער לאַגע צוליבן אָבשטעלן די סובווענצן מצד דער צענטראַלע. דער שולע האָט געדראָט אונטערגאַנג. נאָר אַ דאַנק דער אַקטיווער אַרבעט פון עטלעכע איבערגעגעבענע עסקנים איז געעפנט געוואָרן, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון צ. ק. פון „אָרט״ ב. אייסוראָוויטש, אַ רעטונגס־אַקציע לטובת דער שולע. עס איז געפירט געוואָרן אַ גרעסערע אויפקלערונגס־אַרבעט, און די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך אָפגערופן איבער די כוחות. אין אַ קורצער צייט זענען געשאַפן געוואָרן 400 דאָלאַר, אַ סכום אויף וועלכן אַפילו די טוערס אַליין האָבן זיך נישט געריכט. דער אָנגעשטרענגטער מצב פון דער שולע איז עטוואָס געלינדערט געוואָרן.

אין אַלגעמיין האָט זיך גוט אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון פאָריקן יאָר דער דאַמען־שניידעריי־וואַרשטאַט, וועלכער ציילט שוין איצט 40 שילערינס. דער שלאָסער־וואַרשטאַט ציילט איצט 35 שילער.

„תרבות״ געזעלשאפט

די „תרבות״־שול האָט שוין היי־יאָר געעפנט אַלע זיבן קלאַסן און אַנטוויקלט זיך זייער גוט. זי ציילט בערך 200 ,קינדער, פון וועלכע 52 לערנען גאַנץ אומזיסט 46 צאָלן ווייניקער פון 5 זל. אַ חודש, און 75 קינדער געניסן פון הנחה אָפּצאָל פון 75%—25. זי ציילט העכער 200 שילער, אין פארגלייך מיט 63 שילער (אין 3 קלאַסן) אין יאָר 1928.

אין דער „תרבות״ שולע ווערן געלערנט אַלע לימודים לויט דעם פּראָגראַם פון די מלוכה־שולן א. צוו. די פּוילישע לימודים אין דער פּוילישער שפּראַך און די אַלגעמיינע אין דער העברעאישער, אַ חוץ דעם ווערן געלערנט אין אַ גרויסער מאָס העברעאישע לימודים ווי: העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, תנ״ך, חומש מיט רש״א, משנה, תפלה און א״י ידיעות.

די „תרבות״ שולע גיט אירע תלמידים נישט נאָר ידיעות, נאָר אויך ערציאונג. די קינדער ווערן ערצויגן אין גייסט פון אַרבעט און זעלבסטשטענדיקייט. אין דער שולע עקזיסטירן קלאַסן־געמיינשאַפטן. און אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די שילער פון די העכערע קלאַסן. די זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט אירע אייגענע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס. צו די הויפּט אינסטאַנצן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג געהערן דער ועד הראשי (אויבער־ראַט) און דער „משפט חברים״. ביז איצט האָט די זעלבסטפאַרוואלטונג געעפנט פּאָלגענדע אינ־סטיטוציעס: קרן קימת קאָמיסיע :קאָאָפּעראַטיוו און געגנזייטיקע הילף. די זעלבסטפאַר־וואַלטונג אָרגאַניזירט אויך פאַרשיידענע קרייזן. לעצטנס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קרייז צו פאָרשן דאָס אַלטע קרעמעניץ: די זעלבסטפאַרוואַלטונג גיט אַרויס אַ אייגענע פּעריאָדישע אויסגאַבע א. ד. נ. „קהלתנו״. לעצטנס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו עפענען אַ „עונג שבת״.

היינטיקס יאָר וועט די „תרבות״ שולע אַרויסגעבן דעם ערשטן אַרויסלאָז אין צאָל פון 9 חניכים.

דער סאָציאַלער מצב פון די עלטערן פון די קינדער איז פאָלגנדער: קליינהענדלער — 30%, אַרבעטער — 11%, האַנטווערקער — 20%, יתומים 12%, באַאַמטע — 7%, אַרבעטנדער־אינטעליגענץ 7% און סוחרים 3%. פון די אַרבעטער, האַנטווערקער און באַאַמטע זענען 40%—50 אַרבעטסלאָז.

אין דער שולע באַקומען די קינדער יעדן טאָג פרישטיקן.

גמילות־חסדים קאַסע

גרויס איז די וויכטיקייט פון דער גמילות־חסדים קאַסע פאַר די פאַראָרעמטע קליינהענדלער, האַנדווערקער און אַפילו געוועזענע גרויסע סוחרים. די קאַסע האָט זיך אין משך פון דער צייט זייער גוט אַנטוויקלט און ציילט 700 מיטגלידער.

אין דער צייט ווען ס׳איז אַזוי שווער געווען צו באַקומען אין שטאָט אַפילו די מינדעסטע הלוואה האָט די קאַסע געהאַט די מעגלעכקייט אַנטקעגנצוקומען די מיטגלידער מיט אַנפּראַצענטיקע הלוואות. במשך פון פאַרגאַנגענעם יאָר זענען פאַרטיילט געוואָרן 150 הלוואות אויף אַ סומע פון קרוב 70 טויזנט זלאָטעס. הלוואות ווערן אַרויסגעגעבן אין הויך פון 50—100 זל. פאַר ניי יאָר האָבן 100 סוחרים באַקומען הלוואות אויף אַ סכום פון 4500 זל. אויף אויסצוקויפן פּאַטענטן.

די קאַסע האָט הײַ־יאָר געהאַט שוועריקייטן צוליב די צוריקגעצויגענע דורכן „דזשאָינט" קרעדיטן. אין אַלגעמיין האָט זי אָבער די שוועריקייטן גובר געווען, און זי געהערט צו די באַליבסטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאָט.

געזעלשאַפט „טאָז"

די היגע „טאָז" געזעלשאַפט ציילט בערך 120 מיטגלידער. די קינדער פון די פּריוואַטע שולן, חדרים, תלמוד־תורה, געפינען זיך אונטער דער היגיענישער אויפזוכט פון דאָקטוירים. חוץ דעם נאָך אַ 60 אַנדערע קינדער. פאַריקן זומער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קאָלאָניע פאַר 115 קינדער. ווינטער ווערט אַרויסגעגעבן פאַר אָרימע אומזיסט פיש־אייל.

אויך די אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס ווי תלמוד־תורה, מושב־זקנים, א. ד. ג. געפינען זיך איצט, צוליבן קריזיס און דער קלענערער שטיצע מצד דער באַפעלקערונג, אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע.



פאַרוואַלטונג פון „טאָז" — הנהלת „טאָז"
זיצן פון רעכטס צו לינקס — יושבים מימין לשמאל:
1) דוד באַקימער. 2) גאָרנפעלד מאַליה, 3)......, 4) משה׳קי מרגלית.
שטייען (עומדים): 1) קאַפּוזער, 2) חיים פישמאַן, 3) יוסף קרויט, 4) נאָסי שניידער, 5) אברהם ביטקער

יתומים־געזעלשאפט

פאָריקן יאָר איז, אַדאַנק דער אָפּפערווילליקער אַרבעט פון אייניקע עסקנים, פאַרענדיקט געוואָרן דער בנין פון בית יתומים, איצט געפינען זיך דאָרט 22 קינדער. אַ חוץ דעם האָט די יתומים־געזעלשאַפט אינטער איר אויפזיכט 88 קינדער אין שטאָט.

זייער פיין האָט זיך אַנטוויקלט אויך דער קרייז פון די זעלבסטשטענדיקע יתומים. עס ווערט געפירט אַ קולטורעלע אַרבעט, ס'עקזיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז א. דגל. א סך פון די עלטערע יתומים זענען שוין זעלבסטשטענדיק און איינגעאָרדנט ביי פאַרשיידענע פאכן.

יידישער שפּיטאל

דער יידישער שפּיטאָל האָט פאַרן פאָריקן יאָר אויפגענומען 541 קראַנקע, צווישן זיי 95 מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, אַמבולאַטאָריע־קראַנקע זענען אין משך פון יאָר געווען 10.031.

פון די אויפגענומענע קראַנקע זענען געווען פון מאַגיסטראַט — 120, קראַנקן־קאַסע — 85, אָן געלט — 49, באַצאָלטע — 287.

דער מיטגלידסאָפּצאָל וואָס ווערט איינגעצאָלט מעהר ווייניקער רעגולער האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער בודזשעט־זיכערקייט פון שפּיטאָל.




ציוניסטישער יוגנט־אקטיוו (1920), פעילי הנוער הציוני 1920 :

ערשטע רייע פון רעכטס אויף לינקס — בשורה הראשונה מימין לשמאל :

1) פנחס לעמבערג (כפר ויתקין), 2) אברהם ביבערמאן (ירושלים), 3) יענטע ווערטהיים (תל אביב), 4) פסח ליטוואק (תל אביב).

צווייטע רייע — שורה שניה : 1) שלמה גיטערמאַן, 2) פייגע ביבערמאַן (ססס"ר), 3) חנה פרידמאַן (אומגעקומען אין קרעמעניץ), 4) בונים לעמבערג, 5) ריסיה פישמאַן, 6) סימה רייכמאַן (אומגעקומען אין קרעמעניץ), 7) חנוך רוכל (תל יוסף).



א גרופּע כלל־טוער (1924), קבוצת עסקני צבור **1924.**
זיצן פון רעכטס צו לינקס — יושבים מימין לשמאל: 1) אלכסנדר פרישבערג, 2) ד״ר מ. ליטוואַק, 3) ישראל לאַנדסבערג.
שטייען שורה 1 (עומדים): 1) אליהו שטערן, 2) עזריאל קרעמעניצקי, 3) ד״ר זלמן שיינבערג, **4) משה גערשטיין.**
שורה 2: 1) שמואל פעלדמאַן, 2) חיים סוחודולר, 3) מיכאל שומסקי, 4) אהרן פרידמאַן, 5) **מאיר** גאָלדרינג, 6) ראובן גאָלדנבערג.
שורה 3: 1) משה אידיס, 2) יצחק פאַלטאָרפעק, 3) אברהם וויינבערג, 4) אריה הינדעס, 5) **משה** אידלמאַן, 6) זיידי פערלמוטער, 7) פישל פערלמוטער, 8) חיים עובדיה׳ס.

ציוניסטישע באַוועגונג

ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן אַרבעט, כנהוג מכמה יאָרן, דער ועד. דער רוב מיטגלידער באַנוגנט זיך מיט קומען אַ מאָל אויף אַ אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, שמחת־תורה צום מנין א. ד. ג.

אַנדערש איז אין דער הינזיכט ביי דער ציוניסטישער יוגנט. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַר דער צייט ווען ס׳איז אוממעגלעך געווען די עליה קיין א״י, זיך פיל קאָנסאָלידירט אינערלעך. דער „החלוץ״, און די אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פירן אַ רעגולערע קולטור־אַרבעט. מען מוז באַצייכענען, אַז פאַריקן יאָר האָט זיך פאַרגרעסערט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דער „איבערלויף״ אויף לינקס און אויף רעכטס. ס׳האָט זיך אויך געגרינדעט אַ רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געצויגן אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, דאָס רוב יוגנטלעכע.

דעם ערשטן פּלאַץ צווישן דער יוגנט פאַרנעמט דער לאַגער פונם אַרבעטנדן א״י, וועלכער האָט אויך בשעת די קאָנגרעסן־וואַלן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון.

די הכנסות פון קרן־קימת לישראל

זענען אין משך פון פאַריקן יאָר געפאַלן. די סבות דאַרף מען זוכן אין דער שווערער לאַגע פון דער באַפעלקערונג. פאַראַיאָרן חנוכה איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער קק״ל־באַזאַר, היי־יאָר האָט מען שוין קיין באַזאַר נישט געקענט איינאָרדענען.

דער קרן היסוד אַקציע האָט זיך דאַקעגן איינגעגעבן היי־יאָר צו שאַפן די זעלבע צאָל תורמים און תורמות ווי פאַריקן יאָר.

פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

די פראָפעסיאָנעלע פאַראייניגען האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר געפירט אַ אַקציע צו אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער אין זייערע רייען, און אין דער מערהייט פאַלן איז עס זיי געלונגען. עס ווערט געפירט צווישן די מיטגלידער אַ קולטור אַרבעט, די אַרבעטער האָבן אַ אייגענעם ספּאָרט־קלוב א. נ. „מאָרגענשטערן״, אַ אייגענע ביבליאָטעק מיט עטלעכע הונדערט ביכער, אַ דראַמאַטישן קרייז א. ד. ג. דער פאַריין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אמת׳ער אַרבעטער־היים פאַר די מיטגלידער וועלכע באַזוכן אים געוויינלעך אין די אָוונטן.

קולטורעלער מצב

די ביבליאָטעק ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט 3000 ביכער אין יידיש, העברעאיש, פויליש און רוסיש — און 250 לעזער. עס איז צו באַמערקן, אַז אַ סך שרייבן זיך אויס צוליב דער שלעכטער צייט.

די גרעסערע וואָרשעווער פּרעסע ווערט איצט אויך ווייניקער געלייענט. דער „היינט״ האָט נישט מער ווי 150 לעזער, דער „מאָמענט״ — 120. דאַקעגן ווערן מער געלייענט די ביליקערע 10 גראָשנדיקע בלעטלעך און סענסאַציע־צייטונגען. ביכער, אויסער דער ביבליאָטעק, ווערן במעט אינגאַנצן נישט געקויפט.

פיל אויפזען האָט אַרויסגערופן אין שטאָט דער פאַקט, וואָס דוקא אין דער שווערער צייט האָט זיך איינגעגעבן צו גרינדן אַ וואָכנטלעכע צייטונג א. נ. „קרעמעניצער שטימע״ ווייל אַ סך ענלעכע פּרוון, דוקא אין די בעסערע יאָרן, האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

די „קרעמעניצער שטימע״ האָט שוין אין די ערשטע דריי מאָנאַטן פון איר עקזיס־טענץ צוגעצויגן דעם אַלגעמיינעם אינטערעס, און ווערט געלייענט דורך אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

אנטיסעמיטישע געשעענישן

די אַנטיסעמיטישע אומרוען־כוואַליע, וועלכע האָט אין אָקטאָבער און נאָוועמבער פאַריקן יאָר אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט נישט אויסגעמיטן אויך אונזער שטאָט. זונטאָק, דעם 22 נאָוועמבער, האָבן די שילער געפרוווט באַפאַלן און שלאָגן יידן אין גאַס, האָקן שויבן און טון ענלעכע „מעשים טובים״. אַ דאַנק דעם ווידערשטאַנד פון דער יידישער יוגנט און אינטערווענצן פון דער פּאָליציי זענען די אומרוען אויפן אָרט ליקווידירט געוואָרן. די מאַכט האָט מער נישט דערלאָזט אַנטי־יידישע עקסצעסן.

געבורטן, חתונות און שטערבליכקייטן

אין משך פון יאָר זענען געווען 121 געבורטן, 65 חתונות און געשטאָרבן זענען 57 פּערזאָן.

„קרעמעניצער שטימע״, כ״ב טבת תרצ״ב

דער קהלה בודזשעט

מיר געפינען פאַר נויטיק איבערצודרוקן דעם בודזשעט־פּראָיעקט פון דער יידישער קהלה אין קרעמעניץ פאַרן יאָר 1932—1933, וואָס קאָן דינען אַלס אילוסטראַציע פאַר איר שיינער און געאָרדנעטער פירונג.

דאָס פאַרעפנטלעכן דעם קהלה־בודזשעט האָט אַרויסגערופן קריטישע באַמערקונגען, נאָך פאַר דער דיסקוסיע אין דער קהלה גופא. מען האָט איבעראַל גערעדט דערפון און אויך אויף די שפּאַלטן פון דער אָרטיקער קרעמעניצער פרעסע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען וועגן בודזשעט. מען האָט אויך געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דעם בודזשעט פון קרעמעניצער קהלה מיט אַנדערע קהלות אין וואָלין. די אַלגעמיינע פאָדערונג איז געווען — זיך רעכענען מיט דער לאַגע פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן.

מען האָט זיך אויך באַמיט, אַז די קהלה־בודזשעטן זאָלן זיין רעאַל געבויט, און אַז זיי זאָלן נישט געשלאָסן ווערן מיט דעפיציטן. דער קהלה־בודזשעט פאַרן יאָר 1935 אי זגעווען באַשטימט אויף 71304 זלאָטעס. צווישן די הוצאות געפינען מיר אויך פאָזיציעס פאַר תרבות און תלמוד־תורה, יידישער שפּיטאָל, גמילות־חסדים קאַסע, הכנסת־אורחים, יתומים, מעות־עצים (הילף אויף ווינטער), מצות, עולים, חשמונאי א. א.

רעדאקציע

הכנסה

1. איינפלוסן:			
פאַר צייגענישן, רעקורסן א. ד. גל.		200 זל.	200 זל.
2. ראַבינאַט:			
פאַר מעטריקעס א. אַנד.		1.500 "	1.500 "
3. שחיטה:			
400 אָקסן און קיה	אָפּצאָל צו 6.30 זל.	2.520 "	
1700 יאַלאָווקעס	" " 3.20 "	5.440 "	
4200 קעלבלעך	" " 1.35 "	5.670 "	
8200 גענז	" " 0.65 "	5.330 "	
38000 הינער, קאַטשקעס	" " 0.40 "	15.200 "	
1500 הינדעלעך	" " 0.20 "	3.000 "	37.260 "
4. בית־עולם:			
פלעצער, בית־הקברות 400—10 זל.		4.000 "	
ערלויבענישן צו שטעלן מצבות		6.000 "	10.000 "
5. עטאַט:			
פון 1104 פּערזאָן		35.600 "	
שטראָפן און עקזעקוציעס קאָסטן		1.780 "	37.380 "
		בס"ה	86.340 זל.

הוצאה

1. חובות:		
אין בענק און פּריוואַטע	2.350 זל.	
בויען אַ שעכט־הויז 1929/30	2.780 "	5.130 זל.

2. אַדמיניסטראַציע:		
לאָקאַל	800 זל.	
באַהייצונג	150 ״	
באַלייכטונג	100 ״	
לאָקאַל אויסהאַלטונג	50 ״	
מעבל: 2 טישן	50 ״	
24 בענקלעך צו 3 זל.	72 ״	
2 שאַפעס	100 ״	
2 הײנגערס	20 ״	
אינסטאַלאַציע 20 לעמפלעך	150 ״	
טעלעפאָן	200 ״	
שרייב־געצייג	25 ״	
קאַנצעלאַריע אויסגאַבן:		
שרייב־מאַטעריאַלן	300 ״	
דרוקן	500 ״	
טעלעפאָן־אַבאָנאַמענט	200 ״	
פּאָרטאָ און טעלעגראַף	200 ״	
אַבאָנירן צייטונגען	159 ״	
אַדמיניסטראַציע אויסגאַבן		
רעפּרעזענטאַציע־צוועקן	200 ״	
געריכטס־הוצאות	300 ״	
רייזע־קאָסטן	300 ״	
לאָקאַל פּאָדאַטעק	300 ״	
סעקרעטאַר	2.600 ״	
פּערסאָנאַל:		
בוכהאַלטער	1.500 ״	
ביוראַליסט־קאַסיר	1.500 ״	
וואַזשנע	1.200 ״	
קראַנקן־קאַסע און אַרבעטסלאָזע־הילף	16 ״	11.392 זל.
3. ראַבינאַט:		
קהלה־רב	3.000 זל.	
דיין	1.500 ״	
ר׳ דוד ראָג	600 ״	
סעקרעטאַר צו פירן מעטריקעס ביכער	1.200 ״	
קאַסא כאַריף	102 ״	
עמעריטור: הרב בערנשטיין	1.500 ״	
משפחת הרב רפפורט ז״ל	2.560 ״	
משפחת הרב סנדרוביץ ז״ל	1.300 ״	
וואַהל קאָסטן צו וועהלן אַ רב און אַ דיין	500 ״	12.262 זל.

4. שחיטה און כשרות:

1 שוחט — 4.160 זל.	4.160 זל.	
2 שוחטים — 2.600 "	5.200 "	
2 שוחטים — 1.560 "	3.200 "	
1 שוחט —	1.200 "	
1 שוחט —	800 "	
משגיח הכשרות	1.040 "	
אינקאַסענט פון דער בוינע	1.000 "	
2 אַרבעטער ביים כשרות	1.900 "	
דראָזשקעס צו פאָרן פאַרן רב און משגיחים	1.000 "	
פענסיע דעם קאַסיר פון שעכט הויז	1.300 "	
פענסיע דעם וואַזשנע פון שעכט הויז	400 "	
אויסהאַלטונג פון שעכט הויז לאָקאַל	200 "	
קראַנקען קאַסע און זו״פ	1.100 "	
שרייב מאַטעריאַלן פאַרן שעכט הויז	400 "	22.820 זל.

5. בית־עולם:

פענסיע: אַ וואַזשנע	1.200 זל.	
2 קברנים	2.400 "	
2 געהילפן	1.200 "	
שניידער נעהעז תכריכים	200 "	
קראַנקען קאַסע און זו״פ	206 "	
10 אומזיסטע תכריכים פאַר אָרימע צו 20 זל.	200 "	
10 מצבות פאַר אָרימע	350 "	
רעמאָנט און פאַרקן	500 "	6.256 זל.

6. רעליגיעזע הצטרכותן:

פאַרריכטן די מקוה	500 "	
ערוב	100 "	
אַכטונג געבן אויפן ערוב	200 "	800 זל.

7. מושב זקנים:

אויסהאַלטן דעם מושב זקנים אַראָפּרעכענדיק די הכנסות, סובסידיעס, א.ד. גל.	3.000 "	
פאַר דער גרויסער שוהל	500 "	
רעליגיעזע ערציהונג פון דער שול יוגנט	5.000 "	
שפּיטאָל	8.000 "	
הכנסת אורחים	600 "	
גמילת חסדים קאַסע	1.500 "	
גמילת חסדים קאַסע דוב. ראג.	200 "	
בית יתומים	2.000 "	
אייז פאַר אָרימע	300 "	
האָלץ פאַר אָרימע	1.000 "	

מַצות פאַר אָרימע	2.000 זל.	
יידישע זעלנער אויף פסח	300 ״	
אַרעסטאַנטן אויף פסח	300 ״	
איינמאָליגע שטיצעס פאַר אָרימע	1.000 ״	22.700 זל.
9. אַבצאָלונגען:		
דרוקן און נאַקאַזן	100 ״	
צעטראָגן די נאַקאַזן	100 ״	
אינקאַסאָ 5%	1.780 ״	1.980 זל.
	בס״ה	86.340 זל.

ה. גילערנט (ניו־יאָרק)

די גרויסע שול

אַזוי האָט מען גערופן די שול וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון שטאָט, און גערופן האָט מען זי אויך — די אַלטע שול. געשמועסט האָט מען, על פי מסורה, אַז זי איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פונם 18־טן יאָרהונדערט. דאָס קען מען דרינגען פון דער אַרכיטעקטור אינם גאָטישן סטיל, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעלעבט. די פענצטער און די הייכע ווענט זענען געווען שמאָל ווערטיקאַל מיט אַ האַלב־רונדיקן געוועלב אין דער הויך. אינווייניק איז דער סופיט (סטעליע) געווען דיאַגאָנאַליש געוועלבט, קופאָל־אַרטיק. צוויי אַזעלכע פענצטער זענען געווען אין דער מזרח־וואַנט, צו דריי אין די דרום און צפון־ווענט. דער גאַנצער בנין איז געווען בערך דרייסיק קלאַפטער פון דרויסן, און — צוואַנציק פון אינעווייניק. די ברייט — 20 קלאַפטער. אינעווייניק, אינם מערב טייל, אין דער הויך, זענען געווען אויף דער גאַנצער ברייט אויסגעטאָקטע שטאַכעטן פון שטיין, — דאָס איז געווען די גאַלעריע פון דער ווייבערשער שול.


אין דער שול האָבן געדאַוונט עטלעכע הונדערט מענטשן. קיין שראַנק מיט לערן־ספרים איז דאָרט ניט געווען. דער רוב מעבל איז באַשטאַנען פון שטענדערס. נאָר איין־איינציקער לאַנגער טיש מיט זייטן־בענק איז געשטאַנען אין צפון־ווינקל, נעבן דער הויכער וואַנט. דאָרט פלעגן זיצן די אָרעמסטע פון „עמך״. אַריינגעקומען איז מען אין שול דורך ברייטע שטיינערנע ווייסע טרעפּ, אַראָפּגענידערט צו דער פּאָדלאָגע. אין מיטן האָבן אויף אַ הויך פון צוויי יאַרד געפירט טרעפּ צום בעלעמער (בעל־אמור). אין מזרח, ווו עס איז געווען דער עמוד, איז ווידער געווען אַ טיפקייט פון אַ טרעפּל — דעם חזנ׳ס אָרט לויטן צייכן פון ממעמקים קראתיך יה. איבערן עמוד איז געשטאַנען אַ הויכער, סופריש געכתיבה׳טער „שויתי״ באַצירט מיט לייבן ביי די זייטן וואָס זענען געשטאַנען אויף דיאַגאָנאַלאַרטיקע געצייכנטע עמודים פון גאָלד־קאָליר. בייביידע זייטן פונם „שויתי״, אין דער גאַנצער ברייט, זענען געווען פאַרשיידענע געמעלן. איינגעראַמט איז דער „שויתי״ געווען אין אַ האַנט־געשניצטער הילצערנער ראַם, פון „פימסענהאַלץ״ (מן הסתם מאהאגאָני). מאיעסטעטיש פלעגן די פאַרבן זיך צעניפגיסן מיט די ליכטער פון די צוויי בלאַנקנדיקע הויכע מעשענע לייכטער־ליכט, און פון די שפרינגנדיקע פלאַמען פון דער הויכער גלאַנציקער מעשענער מנורה פון פרנט.

גאָר מיט פראַכט האָט געשימערט פונם הויכן ארון קודש אינגאַנצן מיט דער האַנט געשניצט. אויך די ברייט־צעשפרייטע כרובים־פליגל, וועמענס שפּיצן ס׳האָבן געגרייכט אין דער טיפקייט פונם געוועלבטן סופיט־בויגן. די באַגילדעטע שנאָבלען האָבן אונטערגעשפּאַרט די

געשניצטע קרוין פון וועלכער ס'האָבן זיך געצויגן צוויי ווערטיקאַלע שטענגלעך ביי די זייטן און איינס אין דער מיט. אויף די שטעגלעך האָבן „געשוועבט" די מעץ אחד אויסגעשניצטע עשרת הדברות, איבערגעדעקטע מיט גאָלד. דער ברייטער סאַמעט־גרינער געפּאַלדעוועטער פּרוכת מיט די גאָלדענע טראָלדן, דער ליכט־אָווגלאַנץ פון דער קרישטאָל דורכזיכטיקייט פון די לאָמפּ־גירלאַנדן, — אַלץ אינאיינעם האָט הדרתדיק באַלויכט דעם מאַיעסטעטיש אויסגעצויגענעם אינגעווייד פון דער שול.

אַ אויסגעברוקירטער הויף פון ברייטע שטיינערנע פּליטעס האָט געפירט צום אַרייַנגאַנג. אין דעם דיקן שטייַנערנעם פּאַרקאַן זענען געווען צוויי אַזעלכע אַרייַנגענג: איינער אין דרום זייט האָט געפירט צו דער ווייבערשער טייל. דאָרט איז אויך געווען אַ אָקגעצאַמטער ווינקל, וווּ עטלעכע טיף איינגעזונקענע מצבות זענען געבליבן, ווי אַ סימן פון אַ ספּעציעלן בית עלמין וווּ ס'זענען געלעגן, לויט דער מסורה, צוויי פּאָרלעך חתן כלה וואָס זענען בעת אַ מגיפה געשטאָרבן אין טאָג פון דער חופה...

אין פּאָליש איז געווען דאָס קהלשע, שניידערשע שולכל. דאָס דרום־מעריבדיק ווינקל פלעגט דינען פאַר אַ קינע און פאַר געבן חליצה. אַזאַ חליצה־פאַל איז פאָרגעקומען אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט. די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען, בערך אַ שעה פאַר מנחה. אין יענעם ווינקל איז משופּעדיק אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ הויכע ברעט, ביזן סופיט. אין פראָנט פון דער ברעט — אַ נידעריק בענקעלע. די ברעט האָט געזאָלט הייסן די מחיצה צווישן די לעבעדיקע און טויטע. די אלמנה האָט אַראָקגעצויגן דעם לינקן שוך פונם מאַנסביל דעם שוואָגער. דער רב, רבי הערצעלע, האָט אויפן בעלעמער אַוועקגעשטעלט צוויי, אין שוואַרץ איינגעהילטע, ליכט. אַליין איז ער געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער זשיפּיצע. און בעת ער האָט אָנגעצונדן די ליכט, האָט ער אין דער לופט געשאָקלט מיט די ליפּן, אָפּגעזעגנט דעם גייסט פונם מת. דערנאָך האָט ער דער אלמנה געהייסן אַרויפּציען איפן פּנים פּיז איר שוואָגער אַ מין מעשטע, געמאַכט פון איין שטיק לעדער. זי האָט באַדאַרפט אַרייַנציען דאָס לעדערנע בענדל, געמאַכט פון דעמזעלבן לעדער. דעם קאָפּ האָט זי



די גרויסע שול
בית הכנסת הגדול

איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן שאַל. אַ גרויל איז אַריבער איבערן לייב. צום סוף האָט דער רב זיך געווענדעט מיטן פּנים צו דער ברעט און געבעטן מחילה. די פרוי האָט אים עפּעס נאָכגעזאָגט, באַגלייט מיט אַ יללה פון קחד. דער רב האָט דערנאָך אויסגערופן צוויי מאָל: מותר לך, מותר לך, און געהייסן יידן זיך שטעלן דאַוונען מנחה.

אין האָט דעם שולכל פלעגט דער באַקאַנטער בעל קורא פון דער גרויסער שול, רבי אברהם׳צע מלמד, יעדן שבת בייטאָג לערנען מיט די מענטשן די סדרה פון דער וואָך מיט דעם פּירוש פון אלשי״ך. זומער פלעגט ער אויך לערנען מיט זיי פּרקי אבות.

אין דער זעלבער צייט, פלעגט אין דער ווייבערשער שול איטע די שוחטקע פאָרזאָגן פאַר די ווייבער צאינה וראינה פון דער וואָך.

אויפן שול־הויף, ביים אַריינגאַנג פלעגט מען שטעלן אַלע חופות אין שטאָט. בעת אַ לויה פלעגט מען זיך מיט דעם מת אָפּשטעלן אויפן זעלבן אָרט, צו מאַכן אַ אל מלא רחמים. אין קרעמעניץ האָט מען דעם מת געטראָגן. אַזוי איז געווען איינגעפירט פאַר דורות לאַנג, אַז לעבן און טויט און געהייליקט געוואָרן נעבן דער שול...

ביים שול־אַריינגאַנג איז לויט דעם מינהג קיין מזוזה נישט געווען. דער לינקער שטיינערנער טיר־ווינקל איז געווען שוואַרץ פון די פינגער־פלעקן, אויסגעלעגטע ווי אַ שין, וואָס יעדער איינער האָט אַרויפגעלייגט און אַ קוש געטון. געטייטשט האָט מען דאָס, דערמיט, אַז מען זאָל מיט דעם שדי פון דער מזוזה פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר די מתים, וואָס קומען יעדן מיטן־נאַכט מתפּלל זיין. און מעשה שהיה, כך היה:

אין אַ שטאָק שפּעטן שבת־צו־נאַכט, אין ווינטער פון 1904, בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, איז אַ גאַנצע גאַס יידן דערשראָקן געוואָרן פון ווילדע קולות אין מיטן דער נאַכט.

אַ סך יידן זענען דעמאָלט אַוועקגענומען געוואָרן אין מיליטער, פון זייערע באַקינדלטע פאַמיליעס, און אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. חדשים־לאַנג האָט מען נישט געהערט פון זיי. ב׳איז געווען זיכער, אַז זייער געביין איז ערגעץ פאַרזונקען געוואָרן אין די וואַסערן, ווו די יאַפּאַנער האָבן געזונקען די רוסישע שיפן. איז אָט טרעפט זיך, אַז די צוויי שוחטים, רבי מענדעלע און זיין זון לייבעלע האָבן זיך אומגעקערט אין מיטן נאַכט פונם שעכט־הויז. מען איז פאַרביי־געגאַנגען די גרויסע שול — די גאַס איז שטאָק פינצטער. נאָר דאָס צאַנקענדיקע נר־תמיד ליכט האָט געשפּרייט שפּרינגעדיקע שאָטנס אויף איינעם פון די פענצטער. לייבעלען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס צאַנקען נשמות פון די אומגעקומענע. באַלד דערויף האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פאָטער מיט אַ ציטערדיקער שטימע: דו הערסט דאָרט אין שול דאָס מורמלען? דער פּחד אין אים האָט אים אַלץ מער און מער באַהערשט. ווי נאָר ער איז אַריין אין זיין ווויז־גאַס, האָט ער מער זיך נישט געקענט באַהערשן און איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות אויף דעם פאַראייזטן שניי. מענדעלע איז האַסטיק צוגעלאָפן צו דער טיר פון הויז און אויסגערופן: קומט אַרויס אַריינעמען דעם זון אין שטוב. האַלב נאַקעט איז מען אַרויס אין גאַס, מיט קולות ווילדע, די גאַנצע גאַס האָט אויפגעוואַכט. ווען מען האָט דעם פאַרחלשטן אָפּגעמונטערט, האָט ער מיט צעשראָקענע בליקן באַטראַכט ווו ער געפינט זיך און אויסגערופן: ז י י זענען שוין אַוועק אין זייער רו אַריין?..

אויף צומאָרגנס איז די שטאָט געגאַנגען כּאַדאָראָם. נישט ווייט פון אונטער דער שול האָט געוווינט דעם צדיק׳ס, רבי מרדכי׳לעס „אייניקל״, רבי משה׳קעלע. זיין משמש האָט דעם פאַל צוגעפּעפערט, אַז פאַר אים איז עס נישט קיין נייעס. ער, האָט עס געהייסן, הערט דאָס אַלע נאַכט. רבי משה׳קעלע מיט די שטענדיקע מקורבים זיינע האָבן זיך מיישב געווען, און בהסכם כולם האָט מען באַשלאָסן אַז די נשמות רוען נישט און מען דאַרף זיי איבערבעטן. און כך הוה. אויף מאָנטיק, ווען מען זאָגט לאַנג והוא רחום, האָט זיך אין אָוונט צענויפגענומען אַ מנין. ביז צוועלף האָט מען

געלערנט משניות. צוועלף אַ זייגער האָט זיך דער מנין געלאָזט אין שול אַריין. איידער דער שמש האָט געעפנט דעם אַריינגאַנג, האָט ער דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר, אויסרופנדיק דערביי: — „מתים, אַ מנין יידן גייען אייך מפּייס זיין! פּנו מקום. זייט רואיק". בדחילו ורחימו איז מען אַריין אין שול. מען האָט אָנגעהויבן, גייענדיק, צו זאָגן תהילים. אַלע האָבן בציבור געזאָגט רבנן קדיש.

דער ספּריטנער קליין־וווקסיקער שמש מענדעלע האָט געהאַלטן די גרויסע שול ציכטיק און זייבער. אים איז שווער געווען „איינצובייסן" צו לאָזן בלייבן אין שול אַ ביסל לענגער נאָכן דאַוונען, סיידן בעת אַ יאָרצייט, ווען ער אַליין פלעגט באַזאָרגן בראָנפן און אייער־קיכלעך, צו טרינקען פאַר אַ עלית נשמה. מענדעלע איז געווען היימיש מיט די מתים אין זיין שול, ווי לייבעשעכע, די זאָגערקע אויף א י ר בית עלמין, וואָס פלעגט זיך מיט זיי היימיש אויסטענה׳ן...

די גרויסע שול האָט ביי די דורכגייער געוועקט אָפּשיי. אויפן נעבנבייאיקן פלאַץ, ווו די פויערים פלעגן מיט זייערע וואָגנס זיך אָפּשטעלן, אין אַ מאַרק טאָג, זענען זיי קיינמאָל נישט געשטאַנען נאָענט צום פאַרקן אַפילו אויס דרך־ארץ. נאָר אין דער גרויסער שול האָט געדאַוונט אַ חזן מיט משוררים.

אין דער שול האָבן געדאַוונט די חשובים ביי נאַטשאַלסטוואָ. דאָרט פלעגן פאָרקומען אָפיציעלע צערעמאָניעס אינם קרוינונג־טאָג פונם צאַר ניקאָליי. אין דער שול פלעגן פאָרקומען גרויסע אסיפות אין וויכטיקע פאַלן. אַזוי האָט מען מיט ענטוזיאַזם געפייערט דאָ די קאָנסט־טוציאָנעלע דעקלאַראַציע פונם צאַר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. פון דאָרט איז מען מיטן געזאַנג פון „התקוה" און דער „שבועה" אַרויס אין אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. בנימין יאספע, צדוק דעם שוחט׳ס זון, האָט עס אָנגעפירט מיט געזאַנג פון „התקוה".

נישטאָ מער די שול פונקט ווי די יידן. זייערע נשמות האָבן שוין מער נישט צו וועמען צו קומען, פאַר וועמען מתפלל זיין. צעשטויבט זענען געוואָרן די נשמות ווי די פאַרטיליקטע גופים.

ת. נ. צ. ב. ה.

בעלא בערנשטיין (בוענאס איירעס)

דער בית־יתומים

די געשיכטע פון דער יתומים־פאַרזאָרגונג אין קרעמעניץ איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דער פרוי סאָפיע איסאַקאָוונא קרעמעניעצקאַיא — די לאַנגיאָריקע לייטערין פון יתומים־הויז ביזן לעצטן מאָמענט פון טראַגישן אומקום. האָט מען מיט רעכט זי גערופן „די מאַמע פון די יתומים".

סאָפיא, אַ געבוירענע אין ניעזשין, האָט שטודירט אין פעטראָגראַד ווו זי האָט זיך באַקאַנט מיטן קרעמעניצער סטודענט עזריאל קרעמעניעצקי. זיי האָבן חתונה געהאַט און זיך באַזעצט ביי אונז אין שטאָט.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די שלאַכטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער טייך איקווא, זענען פון די אַרומיקע שטעטלאַך און דערפער לענגאויס דער פראָנט־ליניע אָנגעלאָפן אין קרעמעניץ אַ סך יידישע פאַמיליעס, פאַראָרימטע, צערויבטע פּלי־טים. סאָפיא—דאַן נאָך אַ יונגע פרוי, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט די פליטים פאַמיליעס. זי האָט זיי באַזוכט פון שטוב צו שטוב און אָנגעהויבן שאַפן פאַר זיי הילף. באַזונדערס אָבער ווירקט אויף איר די שווערע לאַגע פון די עלנדע פליטים־קינדער, צווישן זיי אַ סך



בלימל־טאָג לטובת דעם יתומים־הויז (1928)
יום־סרט לטובת בית־היתומים (1928)



קינדער פון בית יתומים (1925), אינמיטן א. לעווינסאָן און סאָניא קרעמעניעצקי
ילדי בית־היתומים (1925), באמצע א. לוינסון וסוניה קרמנצקי

גאַנצע און האַלבע יתומים, וועמענס עלטערן זענען געפאַלן אויף די פראָנטן, אָדער אומגעקומענע אין די וואַנדערונגען. איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און מי ווידמעט זי די קינדער, און איידער עס ווערט נאָך געשאַפן אַ קערפּערשאַפט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג — רעגיסטרירט זי פון אייגענער איניציאַטיוו אַלע קינדער, נעמט אויף זיך אַליין דעם יאָך און הויבט אָן אַ הילפס־אַקציע אויף איר שטייגער. זי זאַמלט מיטלען ביי באַקאַנטע און סתם פאַרמעגלעכע מענטשן, וועקט פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך און טוט פיל אויף. ענדלעך קומט סאָפיא צום באַשלוס, אַז אַזאַ שטיצע איז ניט גענוג; כדי צו העלפן די קינדער און באַזאָרגן זיי מיט געהעריקער דערציונג, מוז מען זיי אַרויסנעמען פון דער שווערער סביבה, פון דער אַטמאָספער פון אָרעמקייט און נויט און קאָנצענטרירן אונטער אַ פּאַסיקער השגחה.

צו יענער צייט האָט שוין דער דזשאָינט געפירט זיין רעטונגס־אַקציע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. נאָר צוליב דער ספּעציפישער לאַגע פון קרעמעניץ וואָס איז געווען אַ גרענעץ־שטאָט, האָט צו איר דער דזשאָינט נאָך נישט דערגרייכט. נאָכמער: אין קרעמעניץ האָט מען אַפילו פון אַזאַ אינסטיטוציע נישט געהערט. די ענערגישע אָפּפערוויליקע סאָפיא אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, ציט־צו צו דער אַרבעט יונגע מיידלעך, צווישן זיי אויך מיר און מיין שוועסטער ריבה, וועלכע אַרבעטן אַלע פרייוויליק לטובת די מלחמה־יתומים. ענדלעך, אין יאָר 1922, דינגט זי אַ הויז אויף דער דובנער ראָגאַטקע און פאַרלייגט אַ זומער־קאָלאָניע פאַר 60 יתומים אונטער דער לייטונג פון ריבה בערנשטיין. די לאַגע איז זייער אַ שווערע, ס'איז אַ מאַנגל אין שפּייז, אָבער די קאָלאָניע ווערט דערצויגן ביז סוף זומער, און דאָ אַנטשטייט ערשט דער עיקר־פּראָבלעם: ס'איז נישטאָ וווהין די קינדער צוריקשיקן. מען מאַכט כלערליי אנשטרענגונגען און מען דינגט 2 צימערן אויף באָפּרע גאַס: דער אָנהויב פונם בית־יתומים אין קרעמעניץ.

פון דער שטיצע וואָס מען באַקומט פון דזשאָינט קען מען נאָך קיין פולע אויס־האַלטונג די קינדער נישט געבן, און אודאי נישט דינגען אַן מענטש אויף באַדינונג. סאָפיא שטעלט זיך אַליין אין קיך, זי קאָכט, ראָמט און טוט אַלע שוואַרצע אַרבעטן, מיט גרויס ליבע און איבערגעבנקייט ווידמעט זי איר צייט און געזונט פאַר די קינדער. אונטער־געוואַקסענע קינדער שיקט זי אויף פאַך־בילדונג אין „אָרט" און אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן, זי זאָרגט ווי אַ מאַמע פאַר יעדן באַזונדער.

אַ געטרייען מיטהעלפער האָט סאָפיא אין דעם לאַנגיאָריקן סעקרעטאַר און בוכהאַלטער פון יתומים־קאָמיטעט לייבקע ראָזנטאַל, אַ איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער פריי־וויליקער טוער. ער טוט אַלץ אויף צו געפינען נייע געלט־קוועלן פאַרן יתומים־אַנשטאַלט. ער זוכט אויס אַדרעסן פון בני עיר אין אַמעריקע צו וועלכע ער מיט סאָפיען ווענדן זיך און בעטן שטיצע פאַרן יתומים־הויז. מיט דער צייט שאַפט זיך אַ ענגע פאַרבינדונג מיט דעם קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע, און זיין פאָרזיצער בומא טרעגער ז"ל (ראָזא וויינבערגס מאַן פון קרעמעניץ), שאַפט באַדייטענדע געלט־מיטלען ביי די קרעמעניצער לאַנדסלייט און שיקט רעגולערע הילף פאַר די יתומים.

אַ דאַנק דער שטיצע גייען די קינדער אַריבער אין אַ גרעסערער און באַקוועמערער דירה אויף סלאָוואַצקי גאַס ביי דער פרוי בוים, עס ווערט געקויפט אַ פּיאַנא און געדונגען אַן אויפזעהערין — פרוי מאַניע קאָטלאַר. די אויסגאַבן וואַקסן כסדר, און סאָפיא פירט דורך אַ חודש־באַשטייערונגס־אַקציע פון כמעט אַלע פאַמיליעס אין שטאָט, אָרגאַניזירט גאַסן־זאַמלונגען, בלימל־טעג און פאַרשידענע אַנדערע אַקציעס.



גרונטשטײן־לײגונג פון בית־יתומים בנין (1928)
הנחת אבן־הפינה לבנין בית היתומים (1928)

װאָס װײַטער פילט זיך די נויטװענדיקײט צו האָבן פאַרן בית־יתומים אַן אײגן הויז, און אויפהערן די װאַנדערונגען. לאַנגע יאָרן איז עס אַ טרוים ביז, ענדלעך, װערט דער טרוים פאַרװירקלעכט. עזריאל קרעמעניצקי װעלכער איז מיטגליד פון שטאָט־ראַט, מיט זיך אויס אַז דער מאַגיסטראַט זאָל געבן אומזיסט אַ פּלאַץ אויף דער סלאָװאַצקע גאַס, װוּ ס׳װערט אויסגעבויט אַ צװײ־שטאָקיקע געבײדע פאַר די יתומים. אין אַפּריל 1930 קומט פאָר דער פײערלעכער חנוכת־הבית. דער בירגערמײסטער באפרע װערט באַהערט מיט איבערשנײדן די לענטע, נאָכהער קושט ער אין קאָפּ די פרוי סאָפיא אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר איר גרויס װערק. ס׳איז אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער יום־טוב אין קרעמעניץ.

70 קינדער צײלט דאַן דער בית־יתומים. קינדער װאַקסן אויס, װערן מענטשן, פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט, און נײַע קומען אָן. אָבער סאָפיא פאַרלירט נישט דעם קאָנטאַקט אויך מיט די דערװאַקסענע. זי זאָרגט פאַר זײ אַרבעט, העלפט מיט טאַט און ראַט און איז װײַטער זײער געטרײַער װעגװײַזער.׳

האָבנדיק אַלײן אַ פאַמיליע, אַ מאַן און אַ קינד, איז זיך סאָפיא מוסר נפש אויך פאַר יעדן עלנטן און לײדנדן. זי איז טעטיק אין פיל אינסטיטוציעס, װי „אָרט״, „אָזע״, שפּיטאָל א. א. װ. זי באַזוכט אָפט אָרעמע פאַמיליעס אין שטאָט, העלפט, מוטיקט, לערנט די אָרעמע מוטערס היגיענע, זי האָט פאַר יעדן אַ װאַרעם װאָרט. זי װעקט בײַ מענטשן פאַרשטענדעניש פאַר איר אַרבעט און באַקומט פון זײ די נויטיקע הילף.

זי האָט דערצויגן אַ דור געזעלשאַפטלעכע טוערינס אין קרעמעניץ, פאַר װעלכע זי אַלײן איז געװען דער מוסטער־בײַשפּיל. נאָר צומײנסט איז זי געװען איבערגעגעבן

צו אירע יתומ־ים און פאַר זיי האָט געקלאַפּט איר גרויס האַרץ, ביז די מערדערלעכע האַנט האָט זי און איר לעבנס־ווערק פאַרשניטן.

זאָלן מיינע ווערטער זיין אַ אייביקע מצבה פאַר סאָפּיען, פאַר איר נאָבעלן מאַן, זייער איינציקע טאָכטער און פאַרן אַנשטאַלט וואָס האָט געהייסן „קרעמעניצער בית־יתומים״.



פארוואלטונג פון בית־יתומים מיטן פאָרשטייער פון צענטראלע

הנהלת בית היתומים עם ב״כ המרכז

באמערקונג פון דער רעדאקציע

לויט „קרעמעניצער שטימע״ זענען די לעצטע יאָרן געווען צווישן די טוער פון דעם בית יתומים: ח. גרינבערג, ב. פעלדמאַן, פרוי לאַנדעסבערג, נאומיק פינגערהויט, פרוי קרעמעניעצקאַיא, פינחסאָוויטש, ד. וויינבערג, ב. יאָספע, פרוי פ. בייטלער. מ. קאפוזער, ד״ר לאַנדעסבערג.



קינדער ביבליאָטעק פון בית יתומים אין קרעמעניץ **1939**
ספרית בית היתומים בקרמניץ 1939



קינדער־פאָרשטעלונג פון בית יתומים
הצגה של ילדי בית היתומים

עלער ל.

קרייז פון זעלבסטשטענדיקע יתומים

אַ גרויסער יום־טוב איז געווען אין בית יתומים דעם טאָג, ווען די ערשטע גרופּע קינדער זענען אַרויסגעטראָטן צוליב דעם, וואָס זיי זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיק ד. ה. ביי דעם פּאַך, וועלכן זיי האָבן געלערנט, פערדינען זיי שוין אַזוי פיל, אַז זיי וועלן זיך שוין קענען אַליין אויסהאַלטן אָן שום זייטיגער הילף.

די פּנימער פון די זעלבסטשטענדיקע זענען געווען מער ערנסט און פאַרטראַכט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דער טאָג איז ביי זיי אַ געוויסער שפּאַן אין לעבן. פון דעם טאָג דאַרפן זיי געגצליך זאָרגן פאַר זיך, פאַרדינען א ו־יאַלעס און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן טאַט אין לעבן. ביי די הערציערס און פאַרוואַלטונגס מיטגלידער איז דער טאָג געווען — אַ טאָג פון נחת און געוויסער מאָראַלישער באַפרידיקונג. מען האָט זיך דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד די קינדער זענע אָנגענומען געוואָרן אין בית יתומים, וויפל מי און אַרבעט מען האָט געפּאַטערט ביי יעדן קינד באַזונדער, וויפל עגמת־נפש מען האָט געהאַט, אַז איינער פון זיי איז אַמאָל קראַנק געוואָרן, אָדער די מינוטן פון נחת, ווען מען האָט געבראַכט אַ גוטע צייגעניש פון דער שולע, אָדער אָונט־קורסן. אָט אַזעלכע גדאַנקען האָבן דעם אָונט געשוועבט ביי די עלטערע, ווען זיי האָבן זיך צוגעקוקט, ווי אַלע קינדער צוזאַמען פרייען זיך, טאַנצן און זינגען.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט זיך יעדער פון זיי פאַרנומען זיינע זאַכן און זיך איינגעאָרדנט לויט די מעגלעכקייטן.

די ערשטע טעג האָט מען זיך נאָך „אַריינגעכאַפּט״ אין אָוונט נאָך דער אַרבעט אין בית־יתומים אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך דאָרט, דערנאָך איז מען געקומען „צו גאַסט״ יעדן שבת. די וויזיטן זענען אָבער געוואָרן מיט דער צייט אַלס זעלטענער, ווייל יעדער פון זיי איז געווען באַשעפטיקט מיט זיין אַרבעט; ער האָט גדאַרפט זאָרגן פאַר יעדער קלייניקייט אַליין, דאָס פאַרברענגען די פרייע שעהן אויף דער גאַס האָט אָנגעהויבן צי האָבן אַ באַזונדער ווירקונג אויף די עלטערע קינדער. דאַן האָבן די ערציער באַשלאָסן קאָנצענטרירן די קינדער או שאַפן אַ אָרט ווי זיי זאָלן זיך צונויפקומען אין די פרייע שעהן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „קרייז פון זעלבסטשטענדיקע יתומים״, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איינצואָרדנען פאָרלעזונגען, גרינדן אַ ביבליאָטעק און א. וו.

די לעצטע צייט האָט זיך ביים קרייז געגרינדעט אַ דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע האָט גלענצנד דורכגעפירט דאָס פאָלקס שטיק פון שלום עליכם „אוצר״ און די גאַנצע הכנסה איז געגיין פאַרן בית יתומים. איצט גרייט זיך די זעלבע סעקציע צו שטעלן 200.000.

די מיטגלידער פון קרייז העלפן ביי יעדער אַקציע דער געזעלשאַפט. יעדן אָוונט טרעפן זיך די קינדער ביי זיך אין לאָקאַל, וועלכן זיי האָבן ספּעציעל געדונגען פאַרן „קלוב״ און די פריערדיקע באַציאונגען פון איינעם צום צווייטן זענען נישט איבערגעריסן.

עס אי זצו האָפן, אַז די דאָזיקע קינדער־משפחה וועט דורך דעם קרייז זיך האַלטן פעסט און פון זיי וועלן זיך אויסבילדן די ט ו ע ר ס, וועמענס זאָרג עס וועט תמיד זיין — דער וווילזיין און אַנטוויקלונג פון בית־יתומים, ווו עס ערציען זיך זייערע שוועסטערלעך און ברידערלעך.

זאָלן געבענשט זיין די ערשטע פרוכטן פון אונזער אַרבעט!

זאָל לעבן דער קרייז פון די זעלבסטשטענדיקע קינדער!

„קרעמעניצער שטימע״

ב. באַרשאַפ (ניו־יאָרק)

אַ שטאָט פון מלאכה

קרעמעניץ איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ שטאָט פון מלאכות, פון יידישע האָרעפאַשניקעס. אַ חוץ די למדנים איז די שטאָט געווען צעגלידערט אין אַ סך דיפערענצירטע פאַכן, ווייל זי האָט אַרום זיך געהאַט אַ גרויסע צאָל שטעטלעך און דערפער, וואָס האָבן זיך פון איר דערנערט אינדוסטריעל.

לאָמיר טאַקע אויפשטעלן אַ צעטל פון די פאַרשיידענע מלאכות וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן נאָר דורך יידן.

יידישע פאַכן זענען געווען: שניידער, — צוויי סאָרטן: גוטע, פיינע און טאַנדעטניקעס. מענערשע, ווייבערשע און מיליטערישע. כדאי צו דערמאָנען דאָ אונדזער יאַנקל שמוקלער. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די מיליטער־לייט פון הויכע ראַנגען. ביי אים האָט מען באַשטעלט די מיט גאָלד באַצירטע עפּאָלעטן. ער פלעגט זיי אויסאַרבעטן מיט די הענט.

סטאָלאַרעס פון פיינע מעבל, טעסלערס (פאַר הייזער בוי), גאָנטאַרעס (דאַך־לייגער), מולאַרעס, טאָקערס, — צווייערליי: פאַר שיינע מעבל־באַפּוצונג און פאַר ציגאַרעטלעך־האַלטערס. די לעצטע פלעגן באַדינען אַ שטיק רוסלאַנד; קאָוואַלעס (שמידן), בלעכער, סטעלמאַכעס (אויסגעאַרבעט רעדער פאַר וואָגענס), שינדלמאַכערס, (פאַר דעכער), באָנדאַרעס (פעסער־מאַכער), שוסטערס, לעדער־שטעפער, קירזשנערס, טעפערס, בוכבינדערס, גלעזערס, וואַטענמאַכערס (קאָטאָנמאַכערס), בייטלמאַכערס, קעמעלמאַכערס, יובילירן (גאָלדשמידן), זייגערמאַכערס, בריק־מאַכער (שאָסייען), שלייפערס, ציגלמאַכער, טרעגערס, וואַסער־טרעגערס, קצבים, צירולניקעס, פּאַפּיראָסניקעס, ועש־נייטאָרינס א. אַנד.

אויך דער טראַנספּאָרט איז געלעגן אין יידישע הענט, סיי פון סחורה־ליפערן, סיי פון צווישנפאַרקער מיט די אַרומיגע שטעטלעך. פון די פאַעטאָן־פירער איז כדאי צו דערמאָנען דעם לעבעדיג־באַרעדעוודיקן בעל־עגלה שימעלע פויקער. אין די שבת־נאָכמיטאָגס פלעגט די יוגנט זיך צונויפקומען אין זיין הויז, און ער פלעגט פאָרלייענען שמר׳ס ביכלעך. ער פלעגט זיי שוין באַצייטנס באַזאָרגן ביי משה פאַקנטרעגער...

די יידישע פאָלקסמאַסע אין קרעמעניץ האָט געלעבט באַשיידן פון אייגענער פּראַצע. אַזוי איז זי געווען אויך אין איר קהלשער טעטיקייט. זי האָט נישט געלאַרעמט אַזוי ווי אַנדערע.

אויך דעם ערשטן אַרבעטער־סטרייק פאַר נישט אַרבעטן אין די נעכט ערב די יידישע יום־טובים, האָט מען באַשלאָסן שבת נאָכן דאַוונען, בעת מען האָט געפּראַוועט קידוש צוזאַמען ביי עטל מאַנוסעס...

גאַנצע פלאַכטעס פאָלקס־חכמה פלעגן מיינע אויערן פאַרנעמען אין די ווינטער־טעג, בעת מען פלעגט זיך אָנוואַרעמען ביים אויוון אין קצבים־שול.

אַזעלכע זענען מיר אַריבערגעקומען אַהער, אינם פרייען לאַנד אַמעריקע, באַוואָפנט נישט נאָר מיט אַרבעטס־הענט, נאָר אויך מיט דעם ירושה־שטייגער פון אונדזער געבורט־היים. מיר האָבן דאָ אָפּגעהיט די פאָלקסטימלעכקייט און באַשיידנקייט פון אונדזערע אבות.

ש. פינגערוט

דער שניידער

אין שטעטעלע ק. אין מיטן גרינער גאַס
יווינט זיך אַ שניידער, דאָס פּנים זיינס בלאַס.
דאָס שטיבל אַ קליינעס, אימער דאָרט נאַכט,
עס אַרבעט דער שניידער באַשטענדיק פאַרטראַכט.
זיין שטיבל איז שמוציק, זעלטן ווען ריין,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ קבצן, עס איז לייכט צו פערשטיין...
קינדערלעך קליינע, האַלב נאַקעט און הייל
און יעדעס וויל עסן, עס האָט דאָך אַ מויל.
עס מוז נעבעך האָרעווען דער קראַנקיטשקער טאַטע
און נייען און שאַפן פאַר דער מינדסטער „פּלאַטע"
דאָס ווייבל זי ווייסט נישט אַליין וואָס צו טון,
צי קאָכן דעם „וואַרימס", צי זיין ביי דער מאַשין.
זי וואָלט נעבעך אויך וועלן עטוואָס פאַרדינען,
קאָן זי דעם „וואַרימס" ניט האָבן אין זינען.
עס שרייען די קינדער „מאַמע, גיב עסן!"
עס וויל אין דעם אויך נישט דער שניידער פאַרגעסן.
עס חלשט דאָס האַרץ, עס ציט צו דער ערד:
— „אַך ווי איז דעם מזל וואָס מיר איז באַשערט
אייביק צו האָרעווען און גאָר ניט פאַרמאָג,
עס איז דאָך גאָטס וועלטל און מען טאָר גאָרנישט זאָגן.
און וואָס עס קומט פאַר מוז אַלעס זיין גוט
מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף זיין בעראָט
ווייל ער פירט דאָך זיין וועלטל פּראַכטפול און שיין,
אָז מיר, קליינע מענטשן, קאָנען גאָרנישט פאַרשטיין...
ווייל ער איז דאָך דער גאָט, דער איינציקער בורא
מיר גלויבן אין אים און לערנען זיין תורה.
און זאָל דער אָרעמער שניידער זיין לעבן
אין זיין פינצטערער נעסט זאָל ער זיך שטרעבן.
אין דער צייט ווען טויזנטער זענען גליקלעך און זאַט
האָבן קיין שלעכטן טאָג ניש געהאַט.
ביי דעם עק גרינער גאַס אין דער רעכטער האַנט,
דאָרט וווינט זיך דער שניידער.
ער איז אייך באַקאַנט.

הדסה רובין (ווארשע)

דער טרעגער

העי ווער דאַרף כּח? — איך פאַרקויף כּח —
אײַזערנע פּלייצעס פאַרקויף איך, און הענט.

איין זעקל קוילן, און צען זעקלעך פייער.
אויף די זון איז אַקעגן, זי ברענט, נאָר זי ברענט.

די אויגן פאַרקוקט אינם שטויביקן הימל.
דער טרעגערישער הימל — די שטויביקע בריק.

טראָגט מען צו פּריצים באַשפּיגעלטע שאַפעס,
שפּיגלט זיך אָפּ אין די שפּיגל — דאָס גליק.

העי דאָרט, נישט אײַלט אײַך, דער שפּיגל, פאַמעלעך,
ס'שווײַצן די אויגן, דער שטערן, דאָס לײַב.

גיכער, איי גיכער, ס'וואַרטן דאָרט קינדער.
ס'וואַרט דאָרט אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ ווײַב.

כ'פאַרקויף מײַנע טעג, מײַנע יאָרן, מײַן כּח
פאַר אַ נישטיגן לוין: נאָר פאַר ברויט, פאַר אַ שטיק.

איר זייט מיד פון זעטקייט, העי גיט מיר דאָס פּעקל,
כ'האָב פּלייצעס, כ'האָב קינדער, און הענט און אַ שטריק.

מיר האָבן נישט טאַטע קיין מַעל שוין פון וואָכן —
פאַרוואָס איז דײַן רעקל אין מעל?

קינדערלעך האָבן פאַררויטעלטע בעקלעך —
פאַרוואָס ביזטו זונדעלע מײַנס, אַזוי געל?

פריץ, נעמט מיך, איך בין דער געזונטסטער.
נאָך הײַנט קיין פאַרדינסט נישט געהאַט.

יאָרן געשלעפּט פודן ווייץ אויף די פּלייצעס,
און — כאַ, כאַ, געבליבן נישט זאַט.

כּח פאַרקויף איך! ווער דאַרף כּח?
קויפט אים בײַ מיר, זאָל מיר ווינציקער בלײַבן.

יאָ, וואָס מער שאַפעס און פּליושענע סאָפעס
פאַר פעטענקע הערן, און פליישיקע ווײַבער.

די „אָרט" שול

איינע פון די שיינע און וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס קרעמעניץ האָט פאַרמאָגט, איז געווען די „אָרט" שול, וועלכע האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ דערצויגן יידישע יוגנטלעכע אַלס פּראָדוקטיווע עלעמענטן.

די „אָרט" שול איז אַנשטאַנען אין יאָר 1922, אַ דאַנק די הויפּט־איניציאַטאָרן פּ. פּערלמוטער און עובדיה'ס. די שול האָט זיך געפונען אין אַ געדונגענע דירה און האָט געהאַט צוויי אָפּטיילונגען: שלאָסעריי און טאָקעריי. דער ערשטער דירעקטאָר פון דער שול איז געווען אינזש. דעקאַלבאום.

די נויטיקע מכשירים זענען צוגעשטעלט געוואָרן דער שול דורך די צענטראַלע פון „אָרט" אין וואַרשע.


דער הויכער ניוואָ פון דער שול האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג צווישן דער יידישער יוגנט אין קרעמעניץ און אין דער סביבה. מיט דער צייט איז די שול געוואָקסן און אַריבער אין אַ אייגן הויז, ס'זענען געעפנט געוואָרן נאָך צוויי אָפּטיילונגען.

די לייטונג פון דער „אָרט" שול איז אַריבער אין די הענט פון אינזש. רייך.

די אַבסאָלווענטן פון דער שול האָבן באַקומען אַרבעט אין די אָרטיקע וואַרשטאַטן, און אַ טייל פון זיי זענען געבליבן ווייטער אַרבעטן אין די שול־וואַרשטאַטן.

די אויסשטעלונגען פון די פאַרשידענע אַרבעטן פון „אָרט" שול האָבן געוווּנען אָנערקענונג צווישן דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס איז באַרימט געווען מיט איר סאָלידער און שיינער אַרבעט די שניידער־אָפּטיילונג, וואָס האָט תמיד געהאַט באַשטעלונגען אויף אייניקע חדשים.

דער לויפנדיקער בודזשעט פון דער שול איז הויפּטזאַכלעך געדעקט געוואָרן דורך דער צענטראַלע, אָפּצאָל פון תלמידים, הכנסות פון פאַרקויף פון אייגענע אויסאַרבעטונגען, שפּענדונגען א. א. וו. די פינאַנסיעלע לאַגע איז קיינמאָל נישט געווען קיין גוטע, נישט איין קריזיס האָט די שול דורכגעמאַכט.





שניידעריי־אָפּטיילונג אין „אָרט"
מחלקת התפירה ב„אורט"

אַ דאַנק די לערער — דערונטער אויך נישט יידישע — וועלכע האָבן כמעט קיינמאָל נישט באַקומען דעם פולן געהאַלט, און דער איבערגעגעבנקייט פון אַ גרופּע עסקנים מיט אוואדיס אין דער שפּיץ, האָט די „אָרט" שול עקזיסטירט, פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען פאַרשידענע זאַמלונגען פאַר דער שול, און די באַפעלקערונג פלעגט זיך וואַרעם אָפּרופן. אויך זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די שילער טעאַטער־פאַרשטעלונגען, אַ בלימעל־טאָג, און די הכנסות זענען געגעאַנגען פאַר דער שול. מען האָט זיך אָבער באַמיט צו האָבן שטענדיקע מיטגלידער פון דער „אָרט" געזעלשאַפט.

פון צייט צו צייט פלעגן אַראָפּקומען קיין קרעמעניץ פאָרשטייער פון דער צענטראַלע, וועלכע פלעגן מיטהעלפן אין דער דורכפירונג פון פאַרשידענע אַקציעס לטובת דער שול.

דער מאַגיסטראַט האָט אויך אַסיגנירט פון זיין בודזשעט באַשטימטע סומעס פאַר דער שול. דער ליצעאום האָט צוגעשטעלט אַ באַשטימטע צייט בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער געביידע און האָלץ אויף באַהייצונג, פון זיינע וועלדער.

דאָס אַלץ האָט דערמעגלעכט צו פאַרשפּרייטן מלאכה און בילדונג צווישן די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1932 איז געווען דער לייטער פון דער שול אינזש. אברהם רוזין, און אין דער צייט האָט די שול באַקומען מלוכה־רעכט אַלס האַנטווערקער־שול.

אין יאָר 1936 האָט די „אָרט" שול געציילט 160 שילער. זי האָט שוין געהאַט 7 אַרויסלאָזן מיט 39 קאַנדידאַטן צום עקזאַמען פון שניידער־געזעל און 14 קאַנדידאַטן צום לאָסער־געזעל. ס'האָבן אויך עקזיסטירט ספּעציעלע שניידער־קורסן פאַר דערוואַקסענע פרויען, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען.

אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט אין די „אָרט״־שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול פאַר טראַקטאָריסטן.

פיל אַבסאָלווענטן פון דער שול געפינען זיך אין ארץ־ישראל און זענען באַשעפטיקט ביי זייער פאַך.

די „אָרט״־שול האָט לאַנגע יאָרן גענאָסן אויך פון דער שטיצע פון קרעמעניצער „רעליעף״ אין אַמעריקע. ווי ווייט „אָרט״ שול איז געווען פּאָפּולער און געאַכטעט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, באַצייכנט דער פאַקט, אַז מען האָט פאַרשריבן דאָס שטיבל פון יצחק בער לעווינזאָן אויפן נאָמען פון „אָרט״ — די איינציקע דורך דער מאַכט באַשטע־טיקטע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו קויפן אומבאַוועגלעכע גיטער.

צווישן די עסקנים פון „אָרט״ אין די לעצטע יאָרן זענען געווען: גאָלדרינג מאיר, וויינשטאָק, טראַכטענבערג מ., מרגלית ישראל, עובדיהס חיים, קרויט און אינזש. ראזין.

דאָס יידישע טעאַטער־לעבן

פון צייט צו צייט פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן קיין קרעמעניץ פאַרשידענע אַרטיסטן־גרופּן, יידישע, אוקראַינישע און פּוילישע טרופּן און געגעבן פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען געווען גאַנץ גוט באַזוכט דורך דער יידישער באַפעלקערונג.

די יוגנט האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט דערמיט, נאָר האָט געשאַפן דראַמאַטישע קרייזן ביי פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. דורך זיי זענען געגעבן געוואָרן אַלערליי פאָר־שטעלונגען, טיילמאָל זייער געלונגענע. צום שבת זייערן מוז ווערן צוגעגעבן, אַז מען איז נישט געוואָרן אַנטמוטיקט אויך פון אַ דורכפאַל. דער עולם האָט זיי באַזוכט און מוחל געווען אַ דורכפאַל, ווייל עס זענען דאָך אייגענע מענטשן... וואָס „שפּילן טעאַטער״ און די אַרטיסטן זענען דאָך נישט מער ווי אַמאַטאָרן.

עס איז געגעבן געוואָרן די „נבלה״ פון פרץ הירשביין, געשפּילט דורך דעם דראַמאַטישן קרייז ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אונטער דער אויספירונג פון רעזשיסער בלאָשטיין; „די פּוסטע קרעטשמע״ פון פרץ הירשביין, אויפגעפירט דורכן קרייז פון זעלבסשטענדיקע יתומים, אויך אונטער דער רעזשי פון דעמזעלבן; „בראָדיאַגע״ געשטעלט דורכן אַמאַטאָרן־קרייז פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטער דער רעזשי פון פינחאַסעוויטש; „כל נדרי״, בר־כוכבא״ דורך דעם זעלבן קרייז א. א.

אויך די „תרבות״ און „אָרט״ שולן פלעגן איינאָרדענען פון צייט צו צייט מוזיקאַליש־אַרטיסטישע אָוונטן, וועלכע פלעגן אַדורך מיט דערפאָלג, דער אינהאַלט פון די „אָוונטן״ איז באַשטאַנען פון דעקלאַמאַציעס, געזאַנג, בילדלעך סיי אין העברעאיש און סיי אין יידיש, און פלעגן באַזוכט ווערן הויפּטזאַכלעך דורך די עלטערן פון די קינדער, וועלכע האָבן מיט התלהבות אויפגענומען די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען.

אויך אָרגאַניזאַציעס פלעגן אָרגאַניזירן ספּעציעלע אָוונטן, ווו מען האָט גאָר־נישקשהדיק פאַרבראַכט. שוין אָפּגערעדט, ווען מען האָט איינגעאָרדנט אַ סאַטיריש־הומאָריסטישן אָוונט אויפן חשבון פון די אָרטיקע כלל־טוער און אָרגאַניזאַציעס, איז די גאַנצע שטאָט געאַנגען כאַדאָראָם.

די גמילות־חסדים קאַסע

איינע פון די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציעס אין שטאָט איז געווען די גמילת־חסדים־קאַסע, וואָס איז געווען אין אַ געוויסן זין אַ המשך פון דער אַמאָליקער „הלוואת חן״. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927, און מיטן חורבן פון דער קהלה איז אויך דידאָזיקע שיינע און וויכטיקע אינסטיטוציע חרוב געוואָרן.

די גרינדער און פאַרוואַלטער האָבן אַרויסגעוויזן פיל איניציאַטיוו צו פאַרגרעסערן די הכנסות. מען האָט איינגעפירט מאָנאַטלעכע באַשטייערונגען, יעדעס יאָר האָט מען פּראָקלאַמירט אַ חודש פאַר דער גמילות־חסדים־קאַסע, אָרגאַניזירט „הילפס־רינגען״ אין דער אָרטיקער פּרעסע, איינגעאָרדענט מנינים אין שמחת־תורה א. אַז. וו.

צו דער פינף־יעריקער עקזיסטענץ פון דער קאַסע, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן פּנקס און איינגעאָרדנט אַ פייערונג. דער שטאָטראָט און די קהלה פלעגן אויך אַסיגנירן באַשטימטע סומעס פאַר דער גמילות־חסדים־קאַסע.

צו דער אַנטוויקלונג פון דער גמילות־חסדים־קאַסע האָט פיל מיטגעהאָלפן דער „דזשאָינט״, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די קאַסעס. אויב די הכנסות זענען געקומען דורך פילאַנטראָפּישע וועגן און מען האָט אַפּעלירט צום רחמנות־געפיל, זענען אָבער די געשעפטן געפירט געוואָרן אויף ריינעווירטשאַפטלעכע יסודות. מען האָט פיל געזאָרגט, אַז די הלוואות זאָלן פּינקטלעך צוריקגעצאָלט ווערן, ס'זאָלן זיך נישט אָנזאַמלען חובות און די פאַרלעגענע חובות זאָלן איינקאַסירט ווערן.

פאַר אַ יום־טוב, ווען די צאָל באַדערפטיקע אין הלוואות האָט זיך פאַרגרעסערט, האָבן זיך תמיד געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געגעבן דער קאַסע אַ גמילות־חסד פון אייניקע הונדערט זלאָטעס.

די קאַסע פלעגט געבן הלוואות בעלי עגלות צו קויפן פערד, אָרעמע קראַנקע צו היילן זיך , אויף דירה געלט, קליינהענדלער און האַנטווערקער אויף אויסצוקויפן די יערלעכע פּאַטענטן א. א. וו. די הלוואות זענען געווען אָנפּראָצענטיקע, און זענען צוריקגעצאָלט געוואָרן דורך וואָכנטלעכע ראַטעס.

די גמ״ח קאַסע האָט געבראַכט זייער פיל נוצן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. נישט איין משפחה איז אין אַ עת צרה דורך איר און אַ דאַנק איר אַרויסגעהאָלפן געוואָרן. מען האָט די גמ״ח־קאַסע געהיטן, געפלעגט און געזאָרגט אויך, אַז אַ גראָשן זאָל נישט פאַרלוירן גיין. מענטשן וואָס האָבן זיך געשעמט צו נעמען אַ הלוואה, פלעגן עס באַקומען דורך „הלוואה בסתר״.

דער אָרטיקער רב, הרב מינדזיק האָט נישט איינמאָל געהאַלטן אַ דרשה פאַר דער גמילת־חסדים־קאַסע, און פיל מאָל אויך אין אַנדערע דרשות איינגעפלאָכטן געדאַנקען וועגן דער מצווה און נויטיקייט פון גמילת־חסדים.

איינער פון די הויפּט־שטריכן פון דער אַרבעט פון דער קאַסע איז געווען, אַז יעדער נויטבאַדערפטיקער זאָל באַקומען הילף.

אין דער לעצטער פאַרוואַלטונג פון דער גמילת־חסדים־קאַסע זענען געווען: משה גערשטיין, שלמה פינגערהוט, דוד גאָלדענבערג, נטע שטערן.

די גמילת־חסדים־קאַסע איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער צענטראַלע פון די גמילת־חסדים־קאַסעס אין פּוילן, אירע פאָרשטייער האָבן זיך באַטייליקט אין די לאַנד־קאָנפערענצן.

אין קרעמעניץ איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן איין מאָל אַ קרייז־קאָנפערענץ פון די גמילת־חסדים־קאַסעס פון די אַרומיקע שטעטלעך.

אין דובנער ראַגאַטקע איז געווען אַ באַזונדערע גמילת־חסדים־קאַסע.

„קרעמעניצער שטימע"

מ. גרשטיין

פנקס פון גמילות־חסדים־קאַסע „הלוואות־חן"

...די עלטסטע אָנפּראַצעגטיקע קאַסע אין קרעמעניץ איז די חברה „הלוואות חן", וועלכע פלעגט אַרויסגעבן הלוואות אויף משכנות, לויט דעם פנקס, וואָס הויבט זיך אָן פון יאָר ה'תקפ"ז. פונם פנקס איז צו זען, אַז די חברה איז אַ המשך פון אַ חברה מיט דעם זעלבן נאָמען וואָס האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

„ואלה פעולות הלוואות חן — הלא הן כתובות על ספר דברי הימים פנקס ישן", לייענען מיר אויפן שער־בלאַט פון פנקס פון ה'תקפ"ז.

אין יענעם יאָר זענען זיך צוזאַמענגעקומען געזעלשאַפטלעכע טוער, אַנגעזעענע משכילים פון י. ב. לעווינסאָנ'ס עפּאָכע, מיטן ציל צו באַנייען די טעטיגקייט פון דער אונטערגעגאַנגענער חברה „הלוואות חן" און אויסגעאַרבעט פאָלגענדיקע תקנות:

א) די קלפּי מוז פאַרקומען יעדעס יאָר מצ"ש, נישט שפּעטער פון ג' משפטים, אין טאָג ווען די חברה האָט זיך געגרינדעט. אין דער קלפּי זאָלן אָנטייל נעמען די מערהייט מיטגלידער פון דער חברה.

ב) אויף דער קלפּי ציען די מיטגלידער לאָסן (גורלות) און די דריי, וואָס זענען זוכה בגורל, הייסן בוררים. זיי האָבן רעכט צו אָנטשיידן צי די אַלטע גבאים בלייבן, אָדער זיי אַליין ווערן גבאים. צווישן די גבאים טאָר נישט זיין קיין קרובים ביז דער פערטער ליניע, אויב אַזעלכע זענען אויסגעפאַלן — דאַרפן זיי צווישן זיך וואַרפן אַ גורל ווער עס זאָל אַרויספאַלן.

ג) אין פנקס דאַרפן פאַרשריבן ווערן אַלע הוצאות און הכנסות.

ד) דער נאָמן, ביי וועלכן עס וועלן זיך געפינען די געלטער און משכנות, מוז געוויילט ווערן פון דער גאַנצער חברה. דער פנקס דאַרף זיך געפינען ביים גבאי ראשון.

ה) די קלפּי טאָר נישט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער טאָג, אויב זי האָט זיך אין דער נאַכט נישט פאַרענדיקט, דאַרפן צומאַרגנס די מיטגלידער זי דערפירן ביז צום סוף, אָנהויבנדיק צוריק פון אָנפאַנג.

ו) אָן דעם גבאי טאָר דער נאמן נישט אַרויסגעבן הלוואות, אויב ער האָט יאָ אַרויסגעגעבן אַליין אַ הלוואה, ווערט זי פאַררעכנט אויף זיין חשבון. (ווייטער שטייט שוין מיט אַנדער טינט פאַרצייכנט: דער נאמן מעג יאָ אַליין אַרויסגעבן אַ קליינע הלוואה, אָבער ער דאַרף דאָס צושטעלן אויף דער ערשטער זיצונג צו באַשטעטיקן).

ז) מער ווי אַנדערטהאַלבן רובל אַ הלוואה טאָר מען קיינעם נישט אַרויסגעבן. דעם משכון דאַרף האָבן דעם ווערט צוויי מאָל אַזויפיל ווי די הלוואה.

ח) אויב דער לווה קייפט נישט אויס דעם משכון ביז דריי חדשים, באַקומט ער אַ התראה, נאָך וועלכער מען מעג שוין דעם משכון פאַרקויפן.

ט) ביז וואַנען אַ לווה האָט נישט אויסגעקויפט דעם משכון, און נישט באַצאָלט די אַלטע הלוואה, טאָר מען אים קיין נייע הלוואה נישט אַרויסגעבן.

י) יעדער וואָס וויל זיך פאַרשרייבן אין דער חברה נישט אויף צו לייען געלט, איז מחויב אַריינטראָגן איין רובל איינטריט־געלט און צאָלן צען גראָשן אַ חודש.

יא) ווער עס צאָלט נישט די מיטגלידס־בייטראָגן קען נישט אָנטייל נעמען אין דער קלפּי.

יב) יעדער נייער מיטגליד רעכנט זיך ביז דער דריטער קלפּי אַלס קאַנדידאַט.

יג) איינער פון דער חברה ווערט אויפגענומען, כדי צונויפצונעמען ביי די מיטגלידער דאָס וואָכן־געלט.

יד) אויב צווישן די גבאים און אַ פּערזאָן וועט פאָרקומען אַן ערנסטער קאָנפליקט, אָדער סכסוך, דאַרף דער באַטרעפנדיקער רופן די דריי גבאים מיט זיבן חשובע מיטגלידער פון דער חברה, און אַלע צען צוזאַמען דאַרפן דערליידיקן דעם סכסוך.

טו) שבת משפטים „כסף תלוה”. זאָל די חברה רופן אַ מנין צו לייענען און דאַוונען מוסף, אַלע כיבודים און עליות געערן די גבאים.

טז) יעדעס יאָר פאַר דער קלפּי מוזן די גבאים מיטן נאמן אונטערפירן אַ חשבון פון אַלע הכנסות און הוצאות און פון דעם סכום משכנות.

יז) ערב יום כפור זענען די גבאים מחויב צו זיצן ביי דער קערה ביי דער גרויסער שול און בית המדרש.

יח) ג׳ משפטים נאָך דער קלפּי איז דערלויבט די גבאים אויסצוגעבן דריי רובל אויף אַ סעודה, צום כבוד און כדי צו שטאַרקן די חברה. אויב חלילה דער חברה וועט זיך פאַרגלוסטן אַ סעודה מיט אַ וואַרעמער קיך און פאַרשידענע שפּייזן, וואָס קענען פאָדערן גרויסע הוצאות, טאָרן די אויסגאַבן נישט גענומען ווערן פון דער קאַסע, בלויז יעדער דאַרף צאָלן לויט דער מעגלעכקייט פון זיין טאַש.

די דאָזיקע תקנות האָבן פאַרפאַסט די פאַרזאַמלונג פון דער חברה מיט די גבאים וסימנים וחי בהם. אונטערגעשריבן:

סופר משה שלמה מוה״ר יעקב מלודמיר

לויט ווי מיר זעען פון די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן פון די קלפּיס זענען אַ סך תקנות געענדערט געוואָרן. אַזוי למשל, געפינען מיר ווייטער, אַז די גבאים זענען אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען און נישט לויטן גורל. די גרויס פון הלוואות איז מיט דער צייט פאַרגרעסערט געוואָרן ביז דריי רובל. דאַקעגן דער חודש־בייטראָג פאַרקלענערט. דער טערמין פון דער הלוואה איז געהעכערט געוואָרן פון דריי חדשים ביז דריי יאָר. איינטריט־אָפּצאָל — פון דריי ביז זעקס רובל א. א. וו.

ווי גרויס עס איז געווען די צאָל לווים קען מען זיך פאָרשטעלן לויט דער סומע פון די הלוואות. ביי דער אַנטשטייונג פון דער חברה זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אויף קנאַפּע 40 רובל, מיט 52 יאָר שפּעטער שוין איבער 300 רובל, אין 1913 שוין איבער 1000 רובל.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די הלוואה איז אַפילו אין 1913 געווען ביז פינף רובל, קאָן מען זיך פאָרשטעלן גאַנץ לייכט די גרויסע צאָל לווים, און די גרויסע פאַרדינסטן פון דער קאַסע לגבי דעם נישט פאַרמעגלעכער יידישער באַפעלקערונג אין קרעמעניץ.

לויט די פּראָטאָקאָלן פון דעם פנקס זענען די קלפּיס פאָרגעקומען רעגולער יעדעס יאָר, נישט שפּעטער פון ג׳ משפטים, ביי אַ זייער פייערלעכער שטימונג. ביסלעכווייז האָט זיך איינגעבירגערט דער מנהג אַז אויף די סעודות וואָס זענען שטענדיק פאָרגעקומען ביים גבאי ראשון זענען פאַרברויכט געוואָרן דרייצן פאַרשידענע שפּייזן. בראָנפן איז פאַרווערט געוואָרן צו טרינקען, בלויז ביר, און דאָס

פאַר אייגן געלט („סקלאַדטשינע״). די איבעריקע הוצאות פון דער סעודה האָבן געדעקט די אַנטיילנעמענדיקע מיטגלידער. קיין מחלוקתן זענען ביי דער חברה „הלוואות חן״ נישט פאָרגעקומען. פון די געבליבענע שפייזן און מאַכלים, האָט מען פאַר די נייע און אַלטע גבאים איינגעאָרדענט אַ סעודה קטנה.

אין פנקס די נעמען פון די מיטגלידער, זעען מיר אָנגעזעענע מענטשן צווישן וועלכע עס פיגורירן גרויסע למדנים מיט רייכער משכילישער פאַרגאַנגענהייט, ווי די נעמען פון די גבאים חיים לאַנדסבערג, ד״ר אריה לאַנדסבערג, נאָכפאָלגער־יורשים פון אברהם בער לאַנדסבערג ז״ל (קרובים און פריינט פון י. ב. לעווינסאָן. ר׳ אברהם בער לאַנדסבערג איז געשטאָרבן ל״ג בעומר אין 1831 בשעת אַ מגיפה. ער איז געווען דער פאָטער פון אריה לייב לאַנדסבערג, דעם באַקאַנטן ביבליאָפיל און געלערנטן, און שלמה ישעיה לאַנדסבערג. דער מיטאַרבעטער פון „הכרמל״). צווישן די גבאים געפינט זיך נחמן פרילוצקי, דער פאָטער פון דעם רעדאַקטאָר פון „מאָמענט״ צבי פרילוצקי.

עס האָט מיר דערציילט אַ זון פון אַ געוועזענעם גבאי, אַז מיט 41 יאָר צוריק האָט מען אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אַלס מיטגליד אין דער חברה דעם באַקאַנטן עסקן ד״ר הינדעס, ווייל ער האָט געשטאַמט פון בעלי־מלאכות. מען דערציילט, אַז ער מיט זיין חבר צבי פרילוצקי זענען אַוועק צום גבאי און פאַרלאַנגט פון אים, צו באַווייזן אין פנקס דעם פאַרבאָט נישט אויפצונעמען חסידים און בעלי מלאכות.

נאַטירלעך איז אַזאַ פאַרשריפט אין פנקס נישט פאַראַן. דער פאַקט איז אָבער געבליבן, אַז חסידים און בעלי־מלאכות זענען אין דער חברה נישט געוואָרן צוגעלאָזט. ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די טעטיקייט פון דער קאָסע אָפּגעשטעלט. ערשט נאָך דער מלחמה, האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט געפרוווט צוריק באַנייען די טעטיקייט פון דער חברה. איז ענדליך נאָך אַ סך אסיפות און חקירות געבליבן צו ליקווידירן די חברה. די משכנות, מלבושים און קופער האָט מען אומגעקערט די לווים אָן געלט, אַ טייל זילבערנע עס־מכשירים האָט מען אַוועקגעשענקט דעם מושב זקנים. דאָס רעשט זילבער און טייערע חפצים האָט מען פאַרקויפט; גראָד האָט מען דעמאָלט געוואָלט רעמאָנטירן אַ געזעלשאַפטלעכע באָד, וועלכע ס׳האָט געבויט אַ יידישער שניידער, אַ געוויסער מאַלאַכאָוו, וואָס האָט מיט 41 יאָר צוריק אויפגעבויט דעם גרויסן נייעם בית המדרש, וועלכער האָט זיך געזאָלט אויסהאַלטן פון די הכנסות פון באָד.

די פאַרבליבענע מיטגלידער פון דער חברה „הלוואות חן״ האָבן, זעענדיק די אָנשטרענגונג פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין דער באָד־אָנשטאַלט, באַשלאָסן אַוועקגעבן דעם גאַנצן קאַפּיטאַל פון די אויספאַרקויפטע משכנות אויפן רעמאָנט בתנאי, אַז די הכנסות זאָלן גיין אויפן שפיטאָל, יתומים־הויז און מושב־זקנים.

די באָד האָט מען רעמאָנטירט און איבערגעגעבן אַ פאַרוואַלטער, אַ היימלאָזן יידן, אויף פּראָצענטער.

די חברה האָט אויך פאַרמאָגט צוויי געוועלבער, פאַר וועלכע זי פלעגט קריגן דירה־געלט.

צוליב דעם וואָס אין די רוסישע צייטן זענען אַזעלכע חברות נישט געווען רעגיסטרירט, האָט מען פאַרשריבן די געוועלבער אויפן נאָמען פון אַ גבאי. לעצטנס זענען די געוועלבער אַרונטערגענומען געוואָרן, און דעם פלאַץ האָט איינער פון די גבאים־יורשים פאַרקויפט צו אַ קריסט.

אַזוי אַרום האָט פאַרענדיקט איר עקזיסטענץ אַן אַלטע, יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ירושה בלויז די געשיכטע אירע, דעם פנקס...

„קרעמעניצער שטימע״ 8.1.1932.



„תרבות״ פאָלקס־שול, 1922
בית־ספר עממי „תרבות״

דאָס „צווייטע" קרעמעניץ

קרעמעניץ האָט זיך געקויפּט אַ שם מיט אירע אינסטיטוציעס, איבערגעגעבענע כלל־טוער, שיינער יוגנט און אַ פולסירנדיק־געזעלשאַפטלעכן לעבן. למען האמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז עס זענען אויך געווען נעגאַטיווע דערשיינונגען, קריגערייען, מסירות און געשלעגן. געוויס איז קרעמעניץ נישט געווען דערמיט קיין אויסנאַם.

מען האָט נישט־קשהדיק אינטריגירט איין כלל טוער קעגן צווייטן, לאַגערן האָבן זיך געשאַפן און מען האָט געקעמפט...

ערלעכע כלל־טוער האָבן אָבער תמיד געפונען שוץ און סימפּאַטיע ביי דער יידישער געזעלשאַפט.

מחלוקת'ן פלעגן אויסברעכן איבעראַל, אַפילו אין דער שול ביים דאַוונען. מען האָט דיסקוטירט, געהיצט זיך, שטענדערס און פּעטש זענען געפלויגן, און דער סוף האָט זיך אָפטמאָל אָפּגעשפּילט אין געריכט.

די אָרטיקע פּרעסע האָט אַביסל געצוימט מחלוקת'ן. מען האָט זיך געשעמט „צו שטיין אין די גאַזעטן". קעגנער זענען געפאַלן אויף המצאות צו שעדיקן די פּרעסע און זי אונטערברענגען. די „קרעמעניצער שטימע" האָט זיך אַ צייט געדרוקט אין ראָוונע, דורך אַ אַנאָנימע האַנט איז די צייטונג נישט אָנגעקומען אויף שבת, נאָר גראָד אַ פּאָר טעג אַרום, ווען זי איז שוין געווען פאַרעלטערט און דער לעזער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס אין איר.

אַ חברה קדישא האָט עקזיסטירט איבער 100 יאָר, און דאָך האָט זיך געשאַפן אַ חברה „נושאי המטה", וועלכע איז לעגאַליזירט געוואָרן דורך דער מאַכט. די ענינים האָבן זיך דאָרט אַזוי־געפּרובט, אַז ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסאַר, און צוליב אַן אויספאָרשונג איז אַ פאַרוואַלטונג אַרעסטירט געוואָרן.

ווען דער רב איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַ קאָלאָסאַלע צאָל שטימען האָבן באַשטימטע פּאַרשוינען געפּרוווט נישט צו דערלאָזן זיין באַשטעטיקונג דורך דער מאַכט.

אין חסידים שולכל איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צוליב אַ חזן, וואָס האָט דערפירט צו צוויי קעמפּענדע לאַגערן. דאָס זעלבע אין מגיד שולכל.

אַ פּרנס פון דער קהלה איז אַ גאַנץ יאָר נישט געקומען צו די זיצונגען, און אַפילו געפירט אַן אינטריגע קעגן דער קהלה.

פיל עגמת־נפש האָט אַרויסגערופן דער עפנטלעכער אָנפאַל אויף דער קהלה אין יאָר 1931. די קצבים האָבן פאַרשטרייקט, פאָדערנדיק צו פאַרקלענערן דעם אָפּצאָל פאַרן שעכטן די בהמות. די קהלה האָט זייער פאָדערונג נישט אָנגענומען, האָבן די קצבים געפירט קוילן די בהמות אין די אַרומיקע שטעטלעך, און עס איז זיי געלונגען איבער־צורעדן אַ אָרטיקן שוחט צו שעכטן פאַר זיי אין קרעמעניצער שעכטהויז. ווען די קהלה איז וועגן דעם געוווּיר געוואָרן, איז דער ראש הקהל געגאַנגען אַ היים צום דאָזיקן שוחט, וועלכער האָט באַלד אים איבערגעגעבן די חלפים.

צווישן די קצבים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די קהלה האָט צוגענומען די חלפים ביי די שוחטים. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ שטאַרקע אויפרעגונג, האָבן זיי ביי אַ צווייטן שוחט פאַרכאַפּט זיין חלף.

ביי דער באַראַטונג אין דער קהלה מיט די קצבים, וואָס האָט זיך געפירט אין אַ אויפגערעגטער שטימונג, וועגן געפינען אַן אויסגלייך, האָבן אַרום צוואַנציק קצבים

געהאַלטן וואַרע און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט, אָבער אויך קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. אינצווישן האָבן זיי צעשלאָגן דעם סעקרעטאַר פון דער קהלה מיט אייניקע פּרנסים. איין קצב האָט מיט אַ קאַלאָש אויסגעהאַקט אַ פּרנס אַ צאָן, אַ קצבטע האָט בשעת מעשה צוגעשיקט צום ראש הקהל אַ בריוול זיך אָפּזאָגן פון אַמט, אַנדערע האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל שרייבן אַ בריוול זיין פרוי זי זאָל זיי אַרויסגעבן די חלפים. דער ראש הקהל האָט אָבער געשריבן זיין פרוי זי זאָל צושיקן פּאָליציי, וועלכע איז תיכף אָנגעקומען. די קצבים זענען אַוועק, אָבער אויפן אָרט איז געבליבן ממש אַ חורבן — און די פּאָליציי האָט געפירט אַן אויספאָרשונג.

די „אגודת הרבנים" האָט געשיקט דעם ראָוונער רב, הרב מה־יפית, די זאַך אויספאָרשן און דערליידיקן דעם סיכסוך.

די רבנים מיט אייניקע בעלי בתים זענען אַרומגעגאַנגען איבער די יאַטקעס, לויטן באַשלוס פון אַ ספּעציעלער באַראַטונג, אויפפאָדערנדיק די קונים נישט צו קויפן פון שחיטת־חוץ. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די קצבים, און זיי האָבן צעשלאָגן דעם רב מיט די בעלי־בתים.


אַ ספּעציעלער פּראָטעסט־מיטינג איז גערופן געוואָרן. איבער טויזנט מאַן האָבן זיך אין דעם מיטינג באַטייליקט, און געטאַדלט די אויפפירונג פון די קצבים.

די מאַכט האָט זיך אַריינגעמישט און די קצבים זענען געקומען צו אַן אויסגלייך מיט דער קהלה — און דער לאַנגער סיכסוך איז ליקווידירט געוואָרן.

דער ענין האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט אין שטאָטישן געריכט, וואָס האָט אָנערקענט די פולע רעכט פון דער קרעמעניצער יידישער קהלה אין דער שחיטה־פראַגע.

די קהלה האָט דעם משפט געוואונען, איר אויטאָריטעט איז נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן און דער עולם האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

ק. ש.



רעשטלעך פון פעסטונג אויף דער באָנא
שרידי המבצר על ה„בונא"



ביים ליצעאום

ליד הליציאום

די ייִדישע אַרבעטער באַוועגונג

מ. גאָלדענבערג (גבעת השלשה)

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

די שפּראָצונגען פון אַ פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין קרעמעניץ האָבן זיך באַוויזן אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זי האָט דאַמאָלסט נאָך געטראָגן אַ כאַאָטישן כאַראַקטער, און געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אונטער־ערדישער טעטיקייט פון „בונד" אין שטאָט. אירע ערשטע שוואַלבן — די רעוואָלוציאָנערע בראָשורן אין יידיש, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט מיט שטורעם די יידישע גאַס, ארויסשטויסנדיק די העפטן פון שאָמערס סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען. מען האָט זיי געשלונגען מיט גרויסער התלהבות, זיי האָבן פאַרלייכטערט די אומענדלעכע אַרבעט־שעהן אין שווערע נויט, און געשילדערט אַ העלן מאָרגן אין דער צוקונפט.

דער נאָמען „בונד" האָט שוין דאַן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די באַלעבאַטישע איינוואוינער פון קרעמעניץ. דער נאָמען האָט געשמעקט מיט בונט, טורמע, סיביר און אַפילו מיט תליה. און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ספּאָנטאַנע שטרייקן אין אייניקע שניידער און סטאָליער־וואַרשטאַטן מיט אַ פאָדערונג פון אַ צוועלפשעהדיקן אַרבעטס־טאָג, האָבן זיך די בעלי־הבתים מיט פאַרביטערטקייט קעגנגעשטעלט. אָפט זענען אויסגעבראָכן שלעגערייען אויף פאַרשיידענע אַרבעטס־פּלעצער, און די צאַרישע פּאָליציי האָט אין פיל פאַלן אינטערווענירט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז כדאי צו דערמאָנען פאָלגנדיקן עפּיזאָד, וועלכער איז פאָרגעקומען באַלד נאָכן יאָר 1905. אַ קרעמעניצער שערער, אַ טעטיקער מיטגליד אין דער פרייוויליקער פייערלעשער־קאָמאַנדע, האָט אין איינעם אַ זומער־פאַרנאַכט באַפאַלן צוויי שפּאַצירנדיקע שניידער־מיידלעך. ער האָט אויף קולי קולות געשריען „זעט, אָט די סמאַרקאַטע שניידער־מוידן ווילן אומוואַרפן ניקאָלייען"... עס איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף. צזאַ פאָרוואורף האָט, נאַטירלעך, געשמעקט מיט גאָר ערנסטע קאָנסעקווענצן. דער סוף איז געווען, אַז די אַרבעטער האָבן אויף דעם געטרייען צאַרישן חסיד פּראָקלאַמירט אַ באָיקאָט, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט און אים געדראָט צו רואינירן. דער שערער האָט געמוזט בעטן רחמים ביי די אַרבעטער מ'זאָל דעם באָיקאָט אָפּרופן. אַזעלכע און ענלעכע אינצידענטן, אין וועלכע די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אַנטפּלעקט סאָלידאַריטעט, האָבן אַרויסגערופן דרך ארץ צו זיי. אַ צוועלף־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג איז דערגרייכט געוואָרן כמעט אין אַלע וואַרשטאַטן. מיטן כוח פון זייער השפּעה האָבן די אַרבעטער־טוער געצוווּנגען די בעלי־בתים נאָכגעבן, פאַרבעסערן די

באַדינגונגען און העכערן די לוינען. אויך האָבן זיי געמאַכט פּרוּוון צו אָרגאַניזירן די נישט־יידישע אַרבעטער.

אָט דידאָזיקע שפּראָצונגען זענען אָפּגעשווענקט געוואָרן דורך די כוואַליעס פון דער פינצטערער רעאַקציע, וואָס האָבן געבושעוועט ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. אין קרעמעניץ זענען געבליבן רואינירט געוואָרן די האַנטווערקער און מיט זיי אויך די אַרבעטער. אַלע שפּורן פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג זענען אָפּגעמעקט געוואָרן.

קורץ נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917, זענען אין קרעמעניץ אויסגעוואָקסן אויפסניי שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע טעטיקייט. זיי זענען אָרגאַניזירט און געשטיצט געוואָרן דורך די „בונד" און „פּועלי ציון" פּאַרטייען.

דער שטאַרקסטער פאַראיין איז געווען דער נאָדל־פאַראיין, וועלכער האָט אַרומגענומען די שניידער, שטעפּער, קאַמאַשנמאַכער א. א. וו. און געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס. מיטן כ.ח פון רעוואָלוציאָנערן ברען פון יענעם פּעריאָד זענען אין פאַרלויף פון וואָכן געגרינדעט געוואָרן קולטור אינסטיטוציעס, פאַרשיידענע קורסן, און ס'זענען מיט גרויס ערפאָלג געפירט געוואָרן וואַל־קאַמפּאַניעס — די ערשטע קהילה אין קרעמעניץ איז באַהערשט געוואָרן דורך אַ גרויסער אַרבעטער־מערהייט.

שוין מיט דער אָקופּאַציע פון דער דייטשער אַרמיי, אין האַרבסט 1918, האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען פון אַלע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ רעסערע צאָל אַרבעטער טוער. די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען איז ליקווידירט געוואָרן כמעט גענצליך, און די לינקע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך צוריקגעצויגן אין אונטערגרונד.

בעתן בירגער־קריג, ווען די מאַכט אין שטאָט האָט זיך אָפט געביטן (און די פּעטלורישע חיילות האָבן זיך געהאַלטן לענגער ווי אַלע), איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען פון וועלכער ס'איז געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער טעטיקייט. יעדער סימן פון אַ אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געשטעמפּלט געוואָרן אַלס באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישע געפאַר און איז געווען לעבנסגעפערלעך.

די לאַגע אין דער הינזיכט איז נישט געווען בעסער אויך אין אָנהויב פון דער פּוילישער אָקופּאַציע, אין די יאָרן 1920—1921.

ערשט אין 1924, ווען די פאַרבינדונג מיט די צענטערן פון פּוילן איז געוואָרן ענגער און זייער קולטורעלע און עקאָנאָמישע ווירקונג איז געוואָרן שטאַרקער, האָבן זיך יונגע כוחות אין די אַרבעטער־קרייזן (אַ אָנגעזעענער טייל פון די לינקע אַרבעטער־פירער פון עלטערן דור זענען אַוועק מיט די באָלשעוויקעס און פאַרבליבן אין רוסלאַנד) — אַ נעם געטאָן צו אַ בענייטער טעטיקייט. עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן באַציונגען מיט די צענטראַלעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין קראָקע און וואַרשע.

אין קרעמעניץ, ווי אין גאַנץ פּוילן, האָט געהערשט אַ „פּראָספּעריטי" אין מסחר און אין האַנטווערקעריי. עס איז געגרינדעט געוואָרן צוערשט דער סטאָליאַר־פאַראיין, און באַלד נאָך דעם פאַראיינען פון ביורא־און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פון שניידערס, שטעפּערס, בעקערס, פריזירערס, דרוקערס און אַנדערע. דער ערשטער לאָקאַל איז געווען ביי אבא צוקערמאַנען אין הויף, און אַ לענגערע צייט האָט ער זיך געפונען אין אַ דירה אין בערשטיינס הויף, אויף דער גארנא גאַס.

צוזאַמען מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אויך אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט. אַ באַזונדער וויכטיקן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער דראַמאַטישער קרייז, וועלכער איז אויפגעטרעטן אין קרעמעניץ און אומגעגנט מיט גרויס דערפאָלג. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „מאָרגענשטערן”. עס איז פאַרלייגט געוואָרן דער אָנהויב פון אַן אַרבעטער־ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן און דערוואָרבן אַ גרויסע צאָל לייענער פון צווישן דער יוגנט פון אַלע שיכטן.

פיל אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט געוואָרן מצד די אָנפירנדיקע קרייזן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צו די אָוונט־קורסן, אויף וועלכע פיל אַרבעטער האָבן זיך געלערנט שרייבן און לייענען, אַנדערע האָבן פאַרפולקאָמט זייער עלעמענטאַרע בילדונג. זייער וויכטיק זענען געווען אויך די פאַכמענישע קורסן. אַלס לערער און אינסטרוקטאָרן האָבן געדינט די יוגנטלעכע אינטעליגענץ פון דער לינקער באַוועגונג. אויך זענען זייער אָפט פאָרגעקומען רעפעראַטן און לעקציעס אויף פּאָליטישע און אַנדערע טעמעס. חוץ די היגע כוחות פלעגט מען אויך אָפט איינלאַדן לעקטאָרן פון וואַרשע, לעמבערג און אַנדערע שטעט.

די טעטיקייט פון די פאַריינען איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ צענטראַלן ביוראָ, אין וועלכן עס זענען אַריין צו צוויי פאָרשטייער פון יעדן פאַריין. די הויפּט־ווירקונג אין דעם דערמאָנטן ביוראָ האָבן געהאַט די קאָמוניסטישע מיטגלידער.



אַ גרופּע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, 1927
קבוצת חברי האגודות המקצועינת, 1927

די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון אָט דעם צענטראַלן ביוראָ איז די גאַנצע צייט געווענדעט געוואָרן אין דער ריכטונג פון פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און לוינען. אַ שווערן קאַמף איז אויסגעקומען צו פירן מיט די האַנטווערקער, וועלכע האָבן אַליין געאַרבעט לאַנגע שעהן און האָבן אויך דאָסזעלבע געפאָדערט פון זייערע אַרבעטער. פאַר יעדער הוספה האָט מען געמוזט פירן לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און זי איז זעלטן דערגרייכט געוואָרן אָן אַ שטרייק. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז אַ גרויסער טייל פון די וואַרשטאַטן־אינהאַבער איז באַשטאַנען פון געוועזענע חברים פון „בונד״.

איינעם פון די שווערסטע קאַמפן קעגן די אַרבעטסגעבער, וועלכע דער צענטראַל־ביוראָ האָט ווען עס איז אונטערגענומען, איז געווען דער קאַמף מיט די סטאָליאַרעס, אין דער שפּיץ פון וועלכע ס׳איז געשטאַנען איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון „בונד״.

די אַרבעטער האָבן דערקלערט אַ שטרייק וועלכן זיי האָבן געפירט מיט עקשנות. דער פאַריין האָט געציילט אַ גרויסע צאָל חברים, וועלכע האָבן אַלע יאָרן געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען, אין ענגע וואַרשטאַטן און זיך באַנוצט מיט די פּרימיטיווסטע מכשירים. אָט דער קאַמף איז אויך געווען אַ פּרווו צו דערגרייכן אַ 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, און דער סטאָליאַר־פאַריין איז געווען דער פּיאָנער אויף דעם געביט. דער שטרייק איז באַגלייט געוואָרן דורך בלוטיקע געשלעגן מיט די בעלי־בתים און שטרייק־ברעכער. די שטרייקנדיקע זענען פינאַנציעל געשטיצט געוואָרן דורך אַלע פּראָגרעסיווע קרייזן פון שטאָט דערונטער די לינקע ציוניסטישע גרופּירונגען. די עקשנותדיקע מלחמה האָט אָנגענומען אַ וואָס מער שאַרפן כאַראַקטער. צום סוף האָבן אינטערווענירט די פאָרשטייער פון דער מאַכט. דער סטאַראָסטע, אַ געוועזענער פּ. פּ. ס. מיטגליד, האָט מיט דער הילף פון אַרבעטס־אינספּעקטאָר אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף די בעלי־בתים און זיי האָבן נאָכגעגעבן די וויכטיקסטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער: צוערשט אַ 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. דער נצחון האָט געבראַכט דערצו, אַז די איבעריקע פאַריינען האָבן זייערע פאָדערונגען דערגרייכט פאַרהעלטניסמעסיק לייכט.

דער אויטאָריטעט פון דעם צענטראַלן ביוראָ איז דורך דעם זיג געשטיגן. און נאָך אָט די דערגרייכונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָט זיך דער צענטראַל־ביוראָ אַ קער געטאָן צום פּאָליטישן פראָנט. אָט צו יענער צייט זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום שטאָטראַט אין קרעמעניץ. צוויי רשימות זענען געווען צו די וואַלן: די אַלגעמיין־יידישע און די רשימה פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס אירע לאָזונגען האָבן געטראָגן אַ קלאַסן־כאַראַקטער. די וואַל־קאָמפּאַניע איז מאַטעריעל געשטיצט געוואָרן דורך די אַרבעטער גופא. פון דער רשימה זענען אויסגעוויילט געוואָרן צוויי מיטגלידער, בעת די פאַרייניקטע בירגער־רשימה האָט דורכגעפירט צען קאַנדידאַטן. טראָץ זייער קליינער צאָל, האָבן די אַרבעטער פאָרשטייער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין שטאָטראַט, ווייל זיי זענען ביי די אָפּשטימונגען געווען דאָס צינגל פון וואָגשאָל, באַזונדערס אין פראַגן, אין וועלכע דער יידישער בלאָק איז געשטאַנען קעגן דעם קריסטלעכן. די אַרבעטער־פאָרשטייער האָבן אין אַזעלכע פאַלן געשטימט לויטן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־אינטערעס, און זייערע אַרויסטרעטונגען פלעגן אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס.

אָפט פלעגן די יידישע אַרבעטער־פאָרשטייער שטימען צוזאַמען מיט די קריסטן קעגן די יידישע בירגערלעכע ראַטמענער, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן העכערן די

שטייערן אויף סוחרים און בעלי־בתים אָדער דירה־געלט פאַר לאָקאַלן וואָס האָבן געהערט צו דער שטאָט. ווען ס'פלעגט קומען צו פראַגן פון סובסידיעס פאַר שולן האָבן די אַרבעטער געשטימט קעגן סובסידיעס פאַר דער תלמוד־תורה און „תרבות" שול און געפאָדערט סובסידיעס פאַר די יידישיסטישע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי גיבעלבאנקס קינדער גאָרטן א. א. וו. אין דעם האָבן זיי געשטיצט די גרעסטע טייל קריסטלעכע ראַטמענער.

אָבער ווען ס'פלעגט אויפשווימען די פראַגע פון יידישן שפּיטאָל, „אָרט"־שול און געוויסע יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, האָבן די אַרבעטער־פאָרשטייער מיט זייערע שטימען אַריבערגעוויגן די וואָגשאָל פון דער יידישער זייט. די אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון די אוקראַינישע און פוילישע ראַטמענער (און זיי זענען געווען גאַנץ שטאַרק) זענען דורך זיי באַקעמפט געוואָרן מיט גרויס דרייסטקייט.

די דינאַמישע טעטיקייט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט זיך אַלץ פאַרברייטערט, און מיטן עסן איז געקומען דער אַפעטיט. מ'האָט אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע פּאָליטישע אויפקלערונג'ס־אַרבעט. מען האָט אָרגאַניזירט עפענטלעכע פאָרלעזונגען אין דער יידישער און פוילישער שפּראַך, ליטעראַרישע און קעסטל־אָוונדן, קרייזן פאַר פּאָליטישער זעלבסט־בילדונג א. אז. וו.

דערווייל האָט זיך די „סאנאציע", וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביים מלוכה־רודער אין פוילן גענומען מיט שנעלע טריט זיך דערנענטערן צום פאַשיזם. אירע פאָרשטייער אין קרעמעניץ האָבן גענומען קוקן קרום אויף דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די פאַריינען, און עס האָבן זיך אַלץ פאַרשטאַרקט די פארפאָלגונגען פון די אַרבעטער־פירער. צוויי פון זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פון קאָמוניסטי־שער טעטיקייט. די אַרבעטער פאָרשטייער האָבן מיט דער גרעסאַער ענערגיע אונ־טערגענומען אַ פאַרטיידיקונגס־אַקציע, וואָס האָט געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, גרויסע סומען זענען געשאַפן געוואָרן, דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט פּאסכאלסקי מיט זיינע געהילפן זענען אויפגעטרעטן אויפן פּראָצעס (דער ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס אין קרעמעניץ) און אין רעזולטאַט פון אַלע באַמיונגען זענען די צוויי באַשולדיקטע באַפרייט געוואָרן.

אָבער דערמיט האָט זיך דער קורס צו דערשטיקן די אַרבעטער־באַוועגונג ערשט אַנגעהויבן. די פאַרפאָלגונגען קעגן די אַרבעטער־פירער זענען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. פּאָליציי־אויספאָרשונגען פון פּראָפעסיאָנעלע טוער, רעוויזיעס אין אַרבעטער־לאָקאַל און ביבליאָטעק זענען געוואָרן אַ אָפּטע דערשיינונג. די פייערונגען פון ערשטן מאי אין לאָקאַל זענען באַאָבאַכטעט געוואָרן דורך פּאָליציי־אַגענטן, און צומאָרגנס פלעגט מען געוויסע מיטגלידער רופן אין פּאָליציי אויף אַ אויספאָרשונג. אָפט פלעגן פּאָליציי־אַגענטן אַריינדרינגען ביינאַכט און פאַגראָמירן דעם לאָקאַל וואָס איז דעקאָרירט געוואָרן ערב די ערשטע־מאי־פייערונגען.

אָבער די אַלע רדיפות און אַרעסטן האָבן נישט אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער־טוער און יוגנטלעכער אינטעליגענץ. אייניקע פון זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין קאָמוניסטישער אַקטיוויטעט — און ס'איז פאָרגעקומען אַ צווייטער פּראָצעס. דאָסמאָל זענען כמעט אַלע פאַראורטיילט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה.

אין פעברואַר 1937 יאָר האָט די קרעמעניצער מאַכט, לויט די דירעקטיוון פון

זער וואָיעוואָדסטווע, דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. 36 פון זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין אָנגעהערן צו דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אויסגערעכנט אויף צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די מזרח קרעסן. אונטער דעם איינדרוק פון שרעקלעכן טעראָר איז ליקווידירט געוואָרן די טעטיקייט פון די פאַריינען, די קולטור־אַרבעט איז גענצלעך פאַרשטערט געוואָרן. אַ טייל אָנגעזעענע מיטלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן נאָך פריער, אונטערן דרוק פון די פאַרפאָלגונגען און מאַטעריעלע באַדינגונגען, עמיגרירט קיין דרום אַמעריקע.

די אַרעסטירטע מיטגלידער זענען בעסטיאַליש געפייניקט געוואָרן. מ׳האָט צווישן זיי איינגעזעצט פּראָוואָקאַטאָרן, און דאָס האָט געבראַכט צו נאָך גרעסערע אַרעסטן. איינער פון די אַרעסטירטע, אַ לאַנגיעריקער טוער אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט, האָט נישט אויסגעהאַלטן די גרויסע יסורים און איז געשטאָרבן.

ענדלעך איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וועלכן די מאַכט האָט צעבלאָזן, און צוגעגרייט אַ ריזיקן באַשולדיקונג־אַקט קעגן צענדליקער אַרעסטירטע יידן און אוקראַינער. נישט קוקנדיק אויף דער גלענצענדיקער פאַרטיידיקונג פון אַדוואָקאַט לאַנדאו און אַנדערע, זענען זיי פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע יאָרן טורמע.

אָבער קיינער פון זיי האָט נישט באַוויזן אָפּצוזיצן זיין טערמין. די רויטע אַרמיי, וועלכע האָט אַריינגעמאַרשירט קיין מזרח־פּוילן, האָט ברייט געעפנט פאַר זיי די טויערן פון תפיסה און זיי אַלעמען באַפרייט.

די אַלטע טוער אויפן געביט פון פּאָליטישן און פּראָפעסיאָנעלן וועזן, זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גאַנץ נייערווירקלעכקייט. אַ טייל פון זיי איז געבליבן טריי זייער פאַרגאַנגענהייט, אַנדערע האָבן זיך צוריקגעצויגן אין אָנבליק פון דער הארבקייט מיט וועלכער יעדער ווירקלעכקייט אונטערשיידט זיך פון טרוים.

ט. ט—י (ת״א)

דער „בונד״

די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד״ האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט אין אונדזער שטאָט אין די יאָרן 1904—1905, ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך אין קרעמעניץ באַזעצט די אַקושערין יאַמפּאָלסקאַיאַ, באַקאַנט אונטערן נאָמען — שרה מאָיסעיעוונאַ. אַ פרוי פול מיט ענערגיע, באַשאָנקען מיט אַ רעדנער־טאַלאַנט, האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די בונדישע אידעאַלן צווישן די אַרבעטער און יונגער אינטעליגענץ. כאָטש דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט האָט נוטה געווען צום ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען („פּועלי ציון״, „סיים״, „ס. ס.״ וכד׳), איז איר דאָך געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ קליינעם קרייז („קרוזשאָק״) פון יונגע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די שטעטישע אַרבעטער און מיט לערנען די יסודות פונם סאָציאַליזם. עס איז כדאי צו באַמערקן אַז די שפּראַך פונם קרייז איז אין אָנהויב געווען רוסיש, אויך צוליב דעם וואָס ער האָט אַרומגענומען דעם אינטעליגענטערן טייל פון דער יוגנט און איז געווען אַ מכלומרשטער באַווייז פון „פאָרגעשריטנקייט״ און איבערייס מיט דער „רעאַקציאָנערער״


יידישער טראַדיציע. ערשט נאָך דעם ווי דער „בונד" האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטאַרקער פּאָזיציע צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן, האָט יידיש פאַרנומען דעם אָרט פון רוסיש — און דער קרעמעניצער „בונד" איז געוואָרן די פעסטונג פון יידישיזם אין שטאָט.

דער „בונד" איז געווען אין יענער צייט נישט־לעגאַל און געפירט זיין טעטיקייט אין קאָנספּיראַציע. די פאַרזאַמלונגען („מאַסווּקעס") פונם קרייז זענען מערסטנטייל פאָרגעקומען אויף די אַרומיקע בערג ביים וואַלד, און די זיצונגען פונם קאָמיטעט אינם צימער פון שרה מאיסעיעוונאַ.

די מאַכט האָט זיך צום סוף דערוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער פאַרבאָטענער אָרגאַניזאַציע, אַרעסטירט די חברטע יאמפּאָלסקאַיאַ און זי באַפרייט ערשט נאָכן אָפּזיצן 8 חדשים אין תפיסה. נאָך דער באַפרייינג האָט זי פאַרלאָזט די שטאָט נאָך אַ קרוב פינף־יעריקער טעטיקייט.

אינצווישן איז אויסגעוואָקסן אַ נייער דור בונדישע טוער, פון וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען: — יצחק קרעמעניעצקי, דער זון פון אַ רייכן טעקסטיל־סוחר, וועלכן מען האָט אַרעסטירט צוזאַמען מיט דער יאַמפּאָלסקאַיאַ; שלמה פינגערהוט, אַ באַוווּסטזיניקער סאָציאַליסט, אַן איבערגעגעבענער טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַ לאַנגיעריקער ראַטמאַן אין פּוילישן שטאָטראַט; די צוויי ברידער מאַנוסעוויטש, געטרייע יידישע קולטור־טוער, געהאָלפן זאַמלען פאָלקלאָר בעת דער אַנ־סקי־עקספּעדיציע אין יאָר 1912, אַ דאַנק זייער דערפאָלגרייכער טעטיקייט איז געוואָקסן דער אינטערעס אין שטאָט פאַר דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור (זיי געפינען זיך איצט אין אַמעריקע); חיים גובעלבאַנק, אַ לערער, געגרינדעט אַ שול אין יידישער לערנשפּראַך, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט; פראַנץ איידעס, דער זון פון משה איידעס, דעם אייגענטימער פון אַ דראָגעריע — פון די שטעטישע גבירים און אַסימילאַטאָרן — אַן אויסגעפּרוּווטער טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד; חנוך האָכגעלערנטער, אַ געוועזענער ציוניסט און שפּעטער אַן איבערגעגעבענער בונדיסט און יידישיסט, אַ באַוווּסטער קענער פון יידישן פאָלקלאָר, לעבט אין אַמעריקע, טעטיק אויפן קולטורעלן באָדן אין דער קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט; ד"ר שקלאווין, געוועזענע דאָקטאָרין אין די שטאָטישע קינדערהיימען; יאניא גרינבערג, אַן אַדוואָקאַט, פון די ערשטע בונדישע טוערס אין שטאָט. צוזאַמען מיט זיי זענען געווען באַוווּסט: — דער לערער יצחק חרש, אַ זייער אינטעליגענטער און פעיקער פּעדאַגאָג, אין אָנהויב אַ לערער פון רוסיש, ספּעציאַליזירט זיך אין יידיש און געווען פון די באַגאַבטעסטע לערער אין דער דאָזיקער שפּראַך; דער סטודענט גלאזמאן, אַ לערער פון רוסיש; דאָראַ קימעל, די טאָכטער פון יחזקאל דעם סטאָלער, באַוווּסט אונטערן נאָמען די חברטע דבורה; דוד רויכל, אַ זון פון אַ רייכן סוחר, אַ פאַנאַטישער קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אַריבער שפּעטער קיין ווילנע און וואַרשע און געווען טעטיק אינם יידישן פאַרלאַג־וועזן ווי אַ שותף פון קלעצקינען, מחבר פון אַ ריי קינדער־ביכלעך (פּרטים אין זלמן רייזינס לעקסיקאָן), געוואָרן שפּעטער אַ טעטיקער קאָמוניסט, געפינט זיך איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד; ברוך באַרשאַפּ מיטן צונאָמען קאַשטאַן און פיל אַנדערע.

פון דער רשימה פון די בונדישע טוערס אין פאַרשיידענע תקופות קען מען זען, אַז דער „בונד" אין קרעמעניץ האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון „גיין אין פאָלק" יונגע אינטעליגענץ פון בירגערלעכע הייזער, מערסטנטייל אַסימילירט, זענען איבערגע־



א דאָקומענט פון היסטאָרישער חשיבות: געלד־רעכענונג פון קרעמעניצער אָרגאַניזאַציע **פון** „בונד" פון יאָר 1906.

תעודה בעלת ערך היסטורי: חשבון כספי של הסתדרות ה„בונד" בקרמניץ לשנת 1906

נומען געוואָרן מיט סאָציאַליסטישע אידעאַלן און איבערגעפּלאַנצט זיי אויפן יידישן באָדן זיי האָבן נישט געזוכט אָנשליסן זיך אין די אַלגעמיינע רוסישע פּאַרטייען, נאָר געווען טעטיק צווישן אייגענעם פאָלק, אויפשטעלנדיק אין שטאָט אַ יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי. אין זייער אַרבעט האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, באַקענט זיך מיט זייער שפּראַך און אין לויף פון יאָרן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט סיי אויפן דערציערישן און קולטורעלן סיי אויפן פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן באַדן.

די יאָרן 1917—1822 זענען געווען די בלי־צייט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. מיטן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט דער „בונד" געפּרווט איינעמען די יידישע גאַס און עס איז אים געלונגען צו דעראָבערן פאַר זיך וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. ער האָט געפונען אָנהענגער ביי אַ גרויסן טייל פון אַרבעטער, אינטעליגענץ און יוגנט. זיינע פאָרשטייער זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין דער יידישער קהילה און אינם שטאָט־ראַט. אויך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען אַ געוויסע צייט געווען אונטער זיין איינפלוס, ביז זיי זענען אַריבער אין די הענט פון די קאָמוניסטן. אויב אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז דער „בונד" געווען אין דער מינדערהייט, האָט ער אָבער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אויפן פעלד פון פאָלקס־בילדונג און קולטור. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געעפנט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון „דזשאָינט" שולן פאַר פליטים און אומפאַרמעגלעכע. עטלעכע פון די דאָזיקע שולן האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון „בונד", און האָבן זיך אויסגעהאַלטן ביזן יאָר 1922. דאָסזעלבע איז נוגע די 2—3 קינדערהיימען, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין שטאָט, ווי אויך דער יתומים־הויז, די „אָרט"־שול און די „קולטור־ליגע".

פון יאָר 1922 הויבט זיך אָן די ירידה פון „בונד" אין קרעמעניץ, די צאָל פון זיינע מיטגלידער פאַלט, און צוזאַמען מיט דעם זיין איינפלוס אויפן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. די אַרבעטער און יוגנט שטראָמען מאַסנווייז אין די רייען פון די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, און די טוערס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען גייען אַריבער צו די קאָמוניסטן. נאָר די רעשטלעך פונם אַמאָליקן „בונד" זענען געבליבן טריי זייער פּאַרטיי און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער קולטורעלער און דערציערישער אַרבעט.

(איבערגעגעבן פון מאָטיע קאָרניץ און אַנדערע)

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע

מיר האָבן זיך באַמיט צו באַקומען אַן אויספירלעכן איבערזיכט וועגן „בונד" פון פּאַרטיי־חברים, וועלכע געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַרגענטינע, אָבער ליידער אָן דערפאָלג. מיר זענען דעריבער געווען געצוווּנגען צו זאַמלען ידיעות וועגן דער דאָזיקער באַוועגונג פון מענטשן, וועלכע וווינען אין ישראל, און זענען נישט געווען קיין מיטגלידער פון „בונד". צוליב דעם איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז נישט קיין אויסשעפּנדיקע און עס פעלן אין איר וויכטיקע פאַקטן און איינצלהייטן.

מ. ג.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין קרעמעניץ

די בלוטיקע יאָרן 1918, 1920 האָט קרעמעניץ דורכגעמאַכט מיט אַ פאַרהעלטניס־מעסיג קליינער צאָל קרבנות. אָבער דאָך האָט די שפאַנונג און טויט־שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט.

עס איז שוין דאַן געווען אין קרעמעניץ אַ יוגנט, וואָס די קורצע פאָר יאָר פון דער רעוואָלוציע האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ גייסט פון שטאָלץ און פון נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. אָבערליידער איז איר נישט געגעבן געוואָרן די פאַסיקע געלעגנהייט צו פאַרווענדן אָט די פאָזיטיווע אייגנשאַפטן אין טאַט.

ערגעץ־ווו אויף די פראָנטן, האָבן שוין יידן געקעמפט אין די שורות פון דער רויטער אַרמיי קעגן די ווייסע פאָגראָם חיילות און באַנדעס פון כל המינים. יידישע אַרבעטער, סטודענטן און שול־יוגנט האָבן זיך מאַסנווייז מאָביליזירט אין די פאַרשיידענע פאָרמאַציעס פון דער רויטער אַרמיי און פאַרנומען אין איר אַ אָנגעזעענעם פלאַץ.

אין זומער 1919 איז די לאַנג ערוואַרטעטע געלעגנהייט אויך קיין קרעמעניץ אָנגעקומען. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן די יידישע איינוווינער אַרויסקוקענדיק דורך די בוידעם לעכער און דורך די לאָדן שפאַלטן, דערזען די גוט־באַוואָפנטע און זאַטע פעטליורישע אָפטיילונגען, אַנטלויפן אין פאַניק. נאָך אַ קורצער שיסעריי, האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט די ערשטע אויסשפירער פון אָנגרייפנדן טאַראַשטשאַנסקי פאָלק.

פון אַלע געסלעך און גאַסן האָבן זיך די יידישע איינוווינער, קינד און קייט, אַ לאָז געטון אויף דער שיראָקא גאַס, דאָרט צו באַגעגענען די פאַרשטויבטע, פאַררויכערטע אין קאַמף, רויט אַרמייער מיט די רויטע פעלד בלומען אויף זייערע היטלען און באַגנעטן פון ביקסן.

שוין צומאָרגנס נאָכן אַריינטרעטן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך געמאָלדן יידישע יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן, מאַנכע פון זיי זענען געווען אַזוי יונג, אַז די קאָמענדאַנטור האָט זיי אָפגעשיקט צוריק אַ היים לויט דער פאָדערונג פון זייערע עלטערן.

צווישן אָט די פרייוויליקע זענען איניקע געווען שוין דאַמאָלט באַוווסטזיניקע קאָמוניסטן. אַנדערע, חברים פון פועלי־ציון און „בונד" אָרגאַניזאַציעס.

אַ גרויסע דערשטוינונג אין שטאָט האָט אַרויסגערופן די פלוצלינגע אַנטפּלעקונג, אַז דער העברעאישער לערער ליובקין, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ בלאָנדער באָרד, וועלכער איז געווען צווישן די שטענדיקע מתפללים אינם חסידישן שולעכל, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פלאַם־פייערדיקן קאָמוניסט.

פון די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין שטאָט איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון רעווקאָם (רעוואָליוציאָנער קאָמיטעט). אַרומגעגאַנגען מיט אַ רעוואָלווער אין גאַרטל און געהאַלטן אַגיטאַציע־רעדעס אין דעם זעלבן שולעכל, ווו ער האָט איניקע יאָרן געדאַוונט מיט גרויסער כוונה.

מיט ליובקינען צוזאַמען אין רעווקאָם איז געווען זיין יונגער חבר י. שניידער, (דערמאָנט דאָ אין דער שילדערונג „אַלטערמאַנס הויף"). מיט די פרייוויליקע אין קרעמעניץ האָט זיך אויך געמאָלדן דער גימנאַזיסט ציניא גרינבערג — א חבר פון צעירי־ציון וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ קרייז, וואָס האָט שטודירט ציוניזם און די נאַציאָנאַלע

פראַגן, האָט ער שפּעטער אין דער רויטער אַרמיי געפירט אַ טיכטיקע אַרבעט אַלס פּאָליטרוק.

צו די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אויך דאַמאָלס, פון די ערשטע צוגעשטאַנענע בעזדיעזסקי, אַ זון פון פּאַפּיר סוחר בעזדיעזסקי, פון די לינקע פּועלי ציון פירער אין קרעמעניץ. אַ טעמפּעראַמענטפולער מאַסן רעדנער מיט די אייזנשאַפטן פון אַ עלוי. האָט ער נאַכער פאַרנומען אַ גאָר הויכן פּאָסטן אין יוסטיץ קאָמיסאַריאַט פון אוקראַינע.

ביים אויסרעכענען די נעמען פון א טייל פון אט די ערשטע קאמוניסטן אין קרעמעניץ, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פּערזאָן פון שמעון גלעטשטיין. נאָך אין „יעווריעיסקייע אוטשילישטשע״ (די רוסיש־יידישע פאלקס שולע) האט דער פאַר־וואַלטער פון דער שולע, גאָלדפאַרב, אים פאָרויסגעזאָגט א גלענצנדיקע צוקונפט. צו 18 יאָר אַלס סטודענט פון 2־טן קורס פון ביאָלאָגישן אינסטיטוט האָט ער מיטן ברען פון א יונגן אידעאליסט זיך אריינגעווארפן אין דער אגיטאציאָנס ארבעט. מיט א גרופּע באגלייטער, רויט ארמעער, איז ער ארומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל און פון דאָרף צו דאָרף, אַרויסגעטראָטן מיט פייערדיקע רעדעס, רופנדיק צו שטיצן די רעוואָלוציע. באַזונדערס אקטיוו איז ער געווען אין אָרגאַניזירן די אַזוי גערופענע „בעזבאָזשניקי״ באַוועגונג (א אנטירעליגיעזע באוועגונג אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם).

נאָך איינער פון אזא ארויסטרעטונג, אין דער גרויסער שול אין ווישניעוויעץ, איז ער און זיינע באגלייטער אויפן וועג באפאלן געווארן דורך א באוואָפנטן המון פון אויפגעהעצטע פויערים און בעסטיאליש דערמאָרדעט געוואָרן.

כדאי דאָ צו דערמאָנען אויך בארנבוימען, וועלכער איז טעטיק געווען אין די פארשידענע ארמיי פאָרשטייערשאפטן נאָך דער פעברואר רעוואלוציע. ער פלעגט אָפט ארויסטרעטן מיט גלענצנדיקע רעדעס אויף די מיליטערישע מאסן־מיטינגען, וואָס זענען דאן פארגעקומען אויפן גרויסן פלאץ פון אלטן מארק.

עס זענען געווען נאָך אנדערע, וואָס ליידער געדענק איך ניט זייערע נעמען. דינאמישע, שטורמישע נאטורן האָבן זיי פאר אלע זייערע אומרוהיקע יאָרן ערשט געפונען אַ פּלאַץ ווו אויסצולאָדן זייער ברויזנדיקע ענערגיע. אָט דער פּלאַץ איז געווען דער שלאַכט־פעלד פון בירגער קריג. כמעט קיינער פון זיי האָט זיך ניט אומגעקערט. נאָר איינער פון זיי האט זיך אין א יאָר ארום אומגעקערט בראש פון א קאָזאקן אפטיילונג. דאס איז געווען אבראשע בערנשטיין. אויף אָט דעם פאל האָט קרעמעניץ געקוקט, ווי אויף איינע פון די וואונדער פון דער רעוואָלוציע. א בראווער קאָזאקן אָפיציר מיט א קיילעכדיק קובאנער היטל, באריימט מיט קאראקול, מיט רויטע לאמפאסן אויף די הויזן, מיט א שווערד און א נאגאיקע ביי דער זייט, וויזט זיך ארויס צו זיין גאָר א ייד, דער אלעמען באוווסטער, אבראשקע.

געווען אויך קרעמעניצער, באזונדערס פון דער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס זענען צוגעשטאנען צו די רייען פון דער אקטיווער רעוואָלוציע, ערגעץ ווייט אין די אוניווערסיטעט־שטעט פון רוסלאנד. די בולטסט צווישן זיי זענען געווען די ברידער עובדיס, צוויי זין פון דער בכבודיקער עובדיס פאמיליע, וואָס האָט פון זיך ארויסגעגעבן טאלאנטפולע מיטגלידער אויף פיל געביטן. ווער עס פלעגט צו זיי אין שטוב אריינגיין, האט געהאט דאָס געפיל, אז ער געפינט זיך אין א ווארעמער היים נעסט פון אידעאליסטן טוער.

אַט די אַטמאָספער איז געשאפן געוואָרן דורך דעם פאָטער, אַ משכיל און ליבעראַלער עסקן, חיים עובדיס, מיט זיין געבילדעטער פרוי, די טאָכטער פון בעריש פערלמוטער. די צוויי זין זענען נאָך פארן צארישן רעזשים דערמאָנט געוואָרן אין דער רוסישער פרעסע, ווען זיי האָבן אלס 15—16 יעריקע יינגלאך דורכגעמאַכט דעם קאָנקורס עקזאמען אין כארקאָווער פאָליטעכניקום. זיי האָבן געקעמפט ערגעץ ווו קעגן די דעניקין חיילות. קיין קרעמעניץ האבן זיי זיך קיינמאָל ניט אומגעקערט. קלאנגען האָבן זיך געטראָגן, אז איינער פון זיי איז געפאלן, און דער צווייטער איז געווען פון די אָנגעזעענסטע אינזשינערן אין אוקראינע.

סוף זומער 1919 האָבן זיך די רויטע אָפטיילונגען צוזאמען מיט דער קאמוניסטישער אדמיניסטראציע צוריקגעצויגן פון קרעמעניץ אונטערן דרוק פון א פויערים אופשטאנד אין דער סביבה. קעגנאיבער דער באן, אין א ברודעלעכן קבר, וועלכן זיי האבן אליין אויסגעגראָבן, האבן געפונען זייער רו א פאָר צענדליק יידישע רויט־אַרמייער פון דער פרעמד, פון די לעצטע אָפטרעטנדיקע גרופן. אויף דער באַן־סטאַנציע זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די פויערים און צוזאמען מיט נאָך א 20 רוסישע באָלשעוויקעס זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. צווישן זיי זענען געווען אויך אַ פאָר קרעמעניצער יוגנטלעכע, וועלכע מהאָט צופעליק געכאפט אין יענער געגנט.

פרילינג 1920 האבן די אָנגרייפנדיקע בודיאָניס רייטער זיך מיט שטורם אריינגעריסן קיין קרעמעניץ. דאָס פוילישע מיליטער איז אין בהלה געלאפן צוריק פון קיעוו, האבן זיי אין קרעמעניץ נאָך באוויזן צו אנטוואָפנען די שטאטישע זעלבסטשוץ, וועלכע איז כמעט געווען באשטאנען פון יידישע יוגנט און דעמאָביליזירטע זעלנער.

אויף עטלעכע מאָנאטן האט זיך אין קרעמעניץ איינגעשטעלט די קאמוניסטישע מאכט. די אמטן זענען פון טאג צו טאג געוואקסן און מיט זיי די יידישע באאמטע.

א געוויסע צאל פון שול יוגנט זענען אנגענומען געווארן אלס באאמטע אין די מיליטערישע קאנצעלאריעס פון דער בודיאָני ארמיי, און זענען מעט די קעמפנדיקע אָפטיילונגען דערגאנגען ביז לעמבערג.

אין שטאט האט זיך שוין דאן געגרינדעט די קאָמוניסטישע יוגנט ארגאניזאציע (קאָמסאָמאָל). א פאָר צענדליק שילער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אירע רייען.

הארבסט 1920 הויבט זיך אָן די תקופה פון פוילישער הערשאפט. וועגן דעם שיקזאל פון די קרעמעניצער אויף יענער זייט גרענעץ זענען כמעט קיין ידיעות ניט געווען. אין שטאט האט ביד רמה געערשט די פוילישע קעגן־שפיאָנאזש־אָרגאניזאציע „דעפענזיווא", וועלכע האט דורכגעפירט פיל ארעסטן צווישן די פראָגרעסיוו דענקנדע איינוווינער און גלאט בירגער. אונטערן חשד פון קאָמוניזם זענען ארעסטירט געווארן אפילו אזעלכע ציוניסטישע פירער, ווי ב. לאנדעסבערג, י. שאפיר א. א.

גלייכצייטיק איז אנגעגאנגען א פיבערהאפטע פאלאניזאטארישע טעטיקייט. די רוסישע שולן זענען אין פארלויף פון אייניקע מאנאטן פארוואנדלט געווארן אין שולן מיט דער פוילישער אונטעררייכטס־שפראך. די אזוי אויך שיטערע רייען פון דער פריערדיקער רוסיש יידישער אינטעליגענץ זענען ביסלעכווייז פארשוואונדן געווארן פון געזעלשאפטלעכן האריזאָנט. א פאָר צענדליק פון זיי האבן געשאפן די ערשטע חלוצים ארגאניזאציע און עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווו זיי זענען געווען פון די פיאָנערן פון דער דריטער עליה .א טייל זענען געשטאנען אין שפיץ פון די ציוניסטישע יוגנט אָרגאניזאציעס. אייניקע האבן אָנגעפירט מיט דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג

און געווען נאכער די פירער פון דער קאָמוניסטישער ארגאניזאציע. א באדייטנדיקער טייל האט געזוכט א פערזענלעכע קאריערע.

עס איז אויפגעקומען א צווייטער דור יוגנט, וואָס האָבן נאָך אלס קינדער דורכגעמאכט די שטורמישע טעג פון דער רעוואָלוציע. זייער שפראך אין לייענען און שרייבן איז געווען שוין פויליש. די בעסערע פון זיי האבן פארפילט די רייען פון „השומר הצעיר", „החלוץ הצעיר", „התאחדות" א. א. ארגאניזאציעס, וועלכע האבן אין די צוואנציקער יארן געבליט. די אנטיסעמיטישע פארפאלגונגען פון אלע פוילישע רעגירונגען און באזונדערס פון דער סאנאציע, די אפגעשלאסענע וועגן פאר דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט צו העכערער בילדונג און דער כמעט גענצלעכער פארבאָט פון עמיגראציע קיין ארץ ישראל — האָבן אויך אין קרעמעניץ, ווי איבעראל אויף די קרעסן, געדינט אלס כח, וואָס האָט א גרויסן חלק פון אָט דער יוגנט א שטויס געטון אויף לינקס.

די סאָוויעטישע ליטעראטור אין פוילישער איבערזעצונג, די באגייסטערטע ביכער און רעפאָרטאזשן פון אויסלענדישע קאָרעספאָנדענטן איבער דעם ערפאָלג פון די ריזיקע סאָוויעטישע בוי אונטערנעמונגען אין דער ערשטער „פיאַטילעטקע", האָט גערעגט און געצויגן די יוגנט און זי האט זיך לייכט נאכגעגעבן דער ווירקונג פון א גרופּע לאָקאלע קאָמוניסטישע פירער, וועלכע האט פארזיכטיק דורכגעפירט אן אונטערערדישע פּראָפּאגאנדע טעטיקייט.

די קרעמעניצער קאָמוניסטישע אָרגאניזאציע האָט דאַן אָנגעבונדן א קאָנטאַקט מיט דער מערב אוקראַינישער קאָמוניסטישער פארטיי, וועמענס צענטראַלע איז געווען אין לעמבערג (K. P. Z. U.) צו יענער צייט האָט אויך אַנטוויקלט איר טעטיקייט אין קרעמעניץ די אינטערנאַציאָנאלע אָרגאַניזאַציע „מאפּר". די ראשי תיבות מיינען: די אינטערנאציאָנאלע הילף פאר די פּאָליטישע ארעסטירטע.

אין אט דער ארגאניזאציע האבן אנטייל גענומען אויך אזעלכע יוגנטלעכע, וועלכע זענען נאָך ניט ענטגילטיק צוגעשטאנען צו דער קאָמוניסטישער באוועגונג, צוליב פארשידענע טעמים.

גרויסע שטערונגען זענען אנטשטאנען מצד דער נאציאָנאלער, פּעטליורישער אוקראַינישער באוועגונג. זי האט דאן געהאט א קליינע השפעה אויף די מאסן, אבער דאך איז איר געלונגען מיט דער הילף פון דער מאכט צו געווינען א טייל פּייערישע יוגנט, באזונדערס פון די רייכערע שיכטן. פון די רייען פון אָט דער באוועגונג זענען ארויסגעקומען א גרויסע צאל פּראָוואָקאטאָרן, וואָס האָבן געבראכט צו די אָפטע דורכפאלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ניט געקוקט אויף די אלע אנשטרענגונגען איז די השפעה פון דער קאמוניס־טישער פארטיי אין די דערפער ניט געווען איבעריק גרויס.

דאקעגן איז געלונגען צוציען צו אקטיווער טעטיקייט א טייל פון די גוישע שוסטערס, וואס האבן געוווינט אין די פארשטעט פון קרעמעניץ. אייניקע פון אט די שוסטערס זענען בעת דער באפרייִנג פון די קרעסן דורך די באלשעוויקעס אין 1939 געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון די מוניציפּאליטעט־אָרגאנען, איינער פון זיי איז אפילו געווען בירגערמייסטער.

די קאמוניסטישע ארגאניזאציע אין קרעמעניץ איז אפט פארשיט געוואָרן דורך געניטע פּראָוואָקאטאָרן. דעם גרעסטן דורכפאל האט זי געליטן אין 1934 דורכן

טרויעריק באַרימטן פּראָוואָקאַטאָר טריגובא, וועגן וועלכן עס וועט דאָ שפּעטער ד׳רמאָנט ווערן.

אין דער צייט פון דורכפאַלן פלעגט זיך די ארבעט פון דער פּארטיי קאָנצענטרירן אויפן געביט פון זעלבסטבילדונג אין קעמערלאַך פון 5—4 פּערזאָן. די קעמערלאַך פלעגן זיך צונויפקומען אין פּריוואַטע היימען, און דאָרט שטודירן צוזאמען די תורה פון די קאָמוניסטישע לערער.

אט אי דער טעטיקייט האבן זיך אין א גרויסער מאָס באטייליקט די סאלאָן־קאָמוניסטן, וועלכע זענען ביסלעכווייז אריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּארטיי.

די קרעמעניצער פּאָליציי האט געדולדיק נאָכגעפּאָרשט נאָך דער ארבעט פון דער קאמוניסטישער פּארטיי אין קרעמעניץ. זי האט די מיטגלידער פון שורה געקענט צוליב זייער אונפּאָרזיכטיקייט און פּלאַפּלעריי. אָבער דער צוועק אירער איז געווען צו ליקווידירן די אָנפירערשאַפט אויפן פּלאַץ.

די טעטיקייט פון דער מערב אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּארטיי האט אָנגענומען אן ערנסטן און דראָענדן כאראקטער צוליב די אָפטע אויפשטאנדן פון פּויערים איז מזרח־גאַליציע, די אָפּקלאַנגען פון וועלכע עס האָבן זיך געערט אויך אין דער קרעמעניצער סביבה.

עס איז דער פּאָליציי גוט באוווסט געווען, דאָס די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג און די פארצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט ווערט געפירט פון פארבינדעטע און איז אין קרעמעניץ במעט גענצלעך געווען אונטער דער השפּה פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי (זע „פּראָפ. באוועגונג אין קרעמעניץ״).

אָבער זי האט ניט געהאט קיין גענוגנדע באווייזן קעגן זיי. זי האט דאן גענומען סתם רודפן און שיקאנירן די פירער פון פּראָפ. באוועגונג אלס אזעלכע. מיט דער צייט איז דער פּאָליציי געלונגען אויסצופּרעסן ערקלערונגען ביי די שוואכערע מיטגלידער פון דער פּארטיי, אויפן סמך פון וועלכע זי האט דורכגעפירט ארעסטן פון פאראנטוואָרטלעכע מיטגלידער. די ערשטע צייט האבן זיך די ארעסטן געענדיקט מיטן באפרייען פון די ארעסטירטע, צוליבן מאנגל אין באווייזן. מיט דער צייט אָבער האָט די פּאָליציי זיך א נעם געטאָן מיט דער ענערגיע אויסצוראָטן די קאָמוניסטישע נעסט אין קרעמעניץ און סביבה.

נאָך אין 1929 יאָר איז דער פּאָליציי געלונגען צו ברענגען צום געריכט טיובה צינבערג, א שילער פון אכטן קלאס גימנאזיע, הירשקע גוּן און נאך צוויי אנדערע. מ׳האט זיי באשולדיקט אין זאמלען געלד לטובת דער קאָמוניסטישער פּארטיי. א דאנק דער גלענצנדיקער פּארטיידיקונג פון די בארימטע אדוואָקאטן פּאסכאלסקי און עטינגער פון ווארשע, זענען זיי באפרייט געוואָרן.

די פּארטיידיקונג־אקציע איז געווען פארבונדן מיט ריזיקע הוצאות. א גרויסער טייל פון זיי זענען געדעקט געוואָרן דורך די קרעמעניצער סוחרים, וועלכע האָבן זיך באשטייערט מיט גרויסע סומען.

עס זענען אוועק א פּאָר יאָר פון פּאראהעלטעניסמעסיקן שטילשטאנד.

אין 1932 איז די פּאָליציי אריבער צום אָנגריף. זי האט פארוואָרפן א נעץ פון פּראָוואָקאטאָרן און מיט דער הילף פון זיי דורכגעפירט דעם ערשטן עטאַפּ פון ליקווידאציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין קרעמעניץ.

עס זענען ארעסטירט געוואָרן ליורא גורביץ, חנה דער, רוסיע ראָזנבערג און

רויטבערג. דאָס געריכט האָט זיי פאַראורטיילט צו שווערע תפיסה פון 2 ביז 5 יאָר. חנה דער איז דאַן געווען שוואַנגער, זי האָט דאָס קינד שפּעטער געבאָרן אין תפיסה. מיט גרויסער ווירדע און שטאָלץ האָט זי דורכגעמאַכט אירעליידן אין טורמע.

דער צווייטער דורכפאַל פון דער פאַרטיי איז פאָרגעקומען אין יאָר 1934. צום געריכט זענען געבראַכט געוואָרן מער ווי 60 באַשולדיקטע אין צוגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, יידן און אוקראַינער. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען יוניע בערנשטיין (ער איז אין די צייטן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַפּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין קרעמעניצער געגנט), פריידיקס, מישא ראַבינאָוויטש, די ברידער טראָסטינעצקי און אַנדערע. דער פּראָצעס האָט געדויערט עטלעכע טעג און געהאַלטן די שטאָט אין שפּאַנונג. דאָס הויז פון שטיינער, דער „גראַנד האָטעל", וווּ דאָס געריכט איז פאָרגעקומען, איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ באַוואָפנטער פּאָליציי־וואַך.

צווישן אַנדערע האָט אויף דעם פּראָצעס צוגעצויגן די אַלעמיינע אויפמערק־זאַמקייט דער פּוילישער אינזשיניער שפּרונג. ער איז באַשעפטיקט געווען אין קרעמע־ניצער געגנט אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג מצד דעם אַגראַר מיניסטעריום. זייענדיק אין ענגן קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטן אין קרעמעניץ האָט ער געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן זיי און דאָרף — אָט דער אינזשיניער איז אויך געווען אַ רעזערוו־אָפיציר און אין געריכט איז ער דערשינען דעקאָרירט מיט דער גרעסטער פּוילישער מיליטער אויסצייכנונג „ווירטוטי מיליטאַרי", וועלכן ער האָט באַקומען אין דער פּויליש סאָוויעטישער קריג.

זיין ערשיינונג פאַר די ריכטער האָט שטאַרק געטראָפן די הערשנדיקע פּוילישע קרייזן. ער איז מיט שטאָלץ אַרויסגעטרעטן און אויף די פאָרוווּרפן פון די ריכטער געענטפערט, אַז פאַר אַזאַ פּוילן ווי זיי האָבן דאָ דאַן געשאַפן, איז ניט כדאי געווען צו קעמפן. זיין ווירדיקע האַלטונג האָט ערמוטיקט די איבריקע קאָמוניסטן און זייערע דערשלאָגענע עלטערן.

כמעט אַלע אַרעסטירטע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע יאָרן תפיסה. די שרעקלעכע פּייניקונגען, וואָס די באַשולדיקטע האָבן געהאַט אויסצושטיין בעת דער אויספאָרשונג, האָבן נישט אויפגעהערט אויך נאָכן אורטייל. איינער פון די ברידער טראָסטינעצקי, וועלכער האָט געליטן אויף אַ האַרץ קראַנקייט, איז אין טורמע געשטאָרבן. בעת דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין קרעמעניץ אין 1939 האָט מען אויף זיין נאָמען אָנגערופן אַ גאַס.

די לעצטע אַרעסטן אין קרעמעניץ זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1936. דאַן זענען אין די הענט פון דער פּאָליציי אַריינגעפאַלן אייניקע אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער אינטעליגענץ, צווישן זיי סימע מאַקאַגאָן, ווידעראַמאָל מישאַ ראַבינאָוויטש, וועלכן עס איז געלונגען זיך באַפרייען פון שולד אין גרויסן פּראָצעס פון די 60, אויך רוזשקאַ האָלענדער, מאיר פּינטשוקס פרוי. פּינטשוק אַליין איז אַרעסטירט געוואָרן ערגעץ אין ווילנער געגנט. ער איז שוין דאַן געווען פון די אָנגעזעענסטע אונטערערדישע טוער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

בעת די באָלשעוויקעס אין קרעמעניץ איז פּינטשוק און זיין פרוי געשטאַנען אין שפּיץ פון ליצעאום.

אויך די אַרעסטירטע פון יאָר 1936 זענען דורכן געריכט פאַראורטיילט געוואָרן

צו 5 ביז 10 יאר טורמע. אנדערע זענען אויף א אדמיניסטראטיוון אופן געשיקט געוואָרן אין טרויעריק באַרימטן קאָנצענטראַציאָנס לאַגער אין בערעזא קאַרטוזקא. צווישן די לעצטע זענען געווען אברהם רייז און איינבינדער.

אלע קאָמוניסטן, וואָס זענען אָפּגעקומען די שטראָף אין תפיסה זענען באפרייט געוואָרן דורך די באָלשעוויסטישע חיילות נאָכן צוזאמענברוך פון פוילן.

אַן אָנגעזעענער חלק פון זיי איז אומגעקומען אין שטורם פון וועלט קריג. אַ טייל איז לעבן געבליבן און געפינען זיך ווער אין רוסלאנד, ווער אין פוילן, און ווער איבער דער גאָרער וועלט. שווער צו וויסן וויפל זענען געבליבן טריי זייער יוגנטלעכן אידעאל און וויפל עס האָבן זיך אנטוישט.

אין דער יידישער און פוילישער פרעסע פון יענער צייט געפינען זיך שפורן פון שארפע רעאקציע פון דער פוילישער פראָגרעסיווער מיינונג קעגן די פייניקונגן וואָס די באשולדיקטע אין קאָמוניזם האָבן געהאט אויסצושטיין אין דער קרעמעניצער, לוצקער, לובלינער און אנדערע תפיסות. דאָס איז געווען א קאפיטל פון יינגער מארטיראָלאָגיע, אין וועלכן קרעמעניצער יוגנטלעכע האָבן גענומען א גרויסן חלק.



אַ גרופּע פון „השומר הצעיר" אין יאָר 1931.

קבוצת „השומר הצעיר" משנת 1931.



א אַלט הויז
בית ישן

כ׳זע מיין ברודער, כ׳זע מיין שוועסטער,
ס׳קומען אָן פאַר מיר געשטאַלטן—
שפּאַרן זיך דורך טיר און פענסטער,
ווער חלילה קאָן פאַרהאַלטן?
און מיין אַלטע, גוטע מאַמע
מיט די טרויעריקע אויגן,
ווי עס פלעמלען נאָך צוויי פלאַמען,
שטייט צוקנייטשט און איינגעבויגן.
„זעץ זיך קינד מיינס, איצטער שבעה,
ס׳איז שוין קיינער נישט געבליבן״...

א. לעוו
(פון ליד „קינות״)

ג ע ש ט א ל ט ן

צבי פרילוצקי

פון „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע״, זלמן רייזען, 1927, ווילנע, פאַרלאַג ב. קלעצקין.

געבוירן אין קרעמעניץ, וואָלין, אין אַ רייכער סוחרישער פאַמיליע. זיין פאָטער, ריב״ל׳ס אַ חבר, האָט אים דערצויגן אין גייסט פון דער השכלה, געלאָזט אים לערנען אַחוץ יידישע לימודים אויך פרעמדע שפּראַכן — רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש. 1880 איז ער געוועזן פרייער צוערער אין קיעווער אוניווערסיטעט און שפּעטער — אין בערלינער. נאָך אין דער יוגנט געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין העברעאישע צייטשריפטן, האָט ער דעביוטירט מיט אַ מאַמר „שיבת ציון״ אין „הבקר אור״, 1880. זינט דעם אויפקומען פון חיבת ציון, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דאָזיקער באַוועגונג, אַרויסגעפאָרן איבער וואָלין צו פרייִדיקן דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל, געוועזן אַ מיטגליד פון דעם אָרדן „בני משה״ און געשריבן זייער פיל איבער ישוב א״י אין „המליץ״, געפירט דאָרט אין די 90־קער יאָרן אַ שטענדיקע אָפּטיילונג א״ט „פנקס קטן״ א״פ עמינדב, פּאָלעמיזירט מיט משה לייב ליליענבלום וועגן יידישע אַרבעטער אין א״י, אויפגעטרעטן קעגן אחד־העם׳ס איינדרוקן פון זיין א״י־רייזע מיט אַ סעריע פון איבער הונדערט אַרטיקלען א״ט „על דבר תוצאות הבקרת״, זיך באַטייליקט אויך אין „הצפירה״ נאָך אין יענער צייט, ווען די צייטונג איז געוועזן קעגן פּאַלעסטיניזם.

1900 האָט פרילוצקי צוליב שלעכט אָוועקגעגאַנגענע געשעפטן פאַרלאָזט קרעמעניץ. זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, און פון דאַן אָן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער זשורנאַליסטיק. ביז 1903 איז ער געווען אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער, אַ געוויסע צייט אויך פּאָליטישער רעדאַקטאָר פון „המליץ״ און געשריבן אין דער צייטונג זייער פיל אַרטיקלען, אויך א״פ עב, בר־גלותא, פ. בן־טרח א״א, אָדער אַנאָנים. שפּעטער האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם פּעטערבורגער „הזמן״ און אין רוסיש־יידישער וואָכנבלאַט „בודושטשנאָסט״ זיך באַטייליקט אין זאַמלבוך „יעווריייסקי יעזשעגאָדניק״ 1902, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן יל״ג, ד״ר ש. פינסקער, איבערזיכט איבער דער ציוניסטישער באַוועגונג א. א. וו.

אין יידיש צום ערשטן מאָל זיך געדרוקט אין לעאָן ראַבינאָוויטשעס „בלעטער פון אַ טאָגבוך״. האָט ער נאָך אין 1902 אָנגעהויבן זיך משתדל זיין וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג. ער האָט דידאָזיע דערלויבעניש אָבער ערשט באַקומען אין דר צייט פון פּאָליטישן „פרילינג״ אין רוסלאַנד. אין פּעטערבורג איז דאַן אַרויס „דער פריינד״, האָט ער די נייע צייטונג געגרינדעט אין וואַרשע, צוציענדיק אַלס פאַרלעגער דעם אינזשינערטעכנאָלאָג י. ב. איפּא, אַן אָנהענגער פון פאַרשפּרייטן קולטור צווישן יידישע פאָלקסמאַסן דורך דער יידישער שפּראַך, און 14.8.1905 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין פוילן א״ט „דער וועג״ ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון ד״ר עליאשעוו.

ה. ד. נאָמבערג, ד״ר וואַרטמאַן, א. ל. יאקרבאָוויטש, ל. שאַפּירא און דוד דרוק, און ביי דעם אָנטייל פון די באַרימסטע יידישע שריפטשטעלער. צוליב אינווייניקסטע רייבונגען און אַנדערע שוועריקייטן האָט דער אַרויסגעבער, גופא, צוגעלייגט צו דער צייטונג 25 טויזנט רובל, זיך צוריקגעצויגן פון דער אונטערנעמונג, און „דער וועג״ האָט זיך נאָך אַ עקזיסטענץ פון צוויי חדשים פאַרמאַכט, סוף נאָוועמבער ווידער באַנייט געוואָרן, אָבער געפירט אַ שווערע עקסיסטענץ. געפּרוווט זיך ראַטעווען דורך אַן אָוונט־אויסגאַבע, שפּעטער אויך דורך אַ העברעיש טאָגבלאַט „היום״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער צייטונג א״נ פון י. ח. זאגאראָדסקי און ביי דער מיטאַרבעט פון מיכי וועבער און א. ל. יאקובאָוויטש, אָבער סוף סוף האָט זיך די גאַנצע אונטערנעמונג סוף 1906 אָפּגעשטעלט, דער הויפּטמיטאַרבעטער פון דער ניי־געגרינדעטער קאָפּיקענעם בלעטל „אידישעס טאָגעבלאַט״, וואָס ש. י. יאצקאן האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסגעבן.

דאַן איז פּרילוצקי צוגעצויגן געוואָרן אַלס הויפּט צוליב דער קאָנקורענץ פון דעם ערשטן קאָאָפּעראַטיווער צייטונג „אונזער לעבן״, אַרויסגעגעבן זינט 18.2.1907 פון מ. ספּעקטאָר און ש. האָכבערג, און אין משך פון 4 יאָר געשריבן דאָרט אַלגעמיינע פּאָליטישע איבערזיכטן א. ט. „דער מאָמענט״. סוף 18.11.1910 איז זיין זון, נח פּרילוצקי, מיט דער הילף פון אייניקע שותּפים, ווי מ. קרינסקי א. א., געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ נייע צייטונג טאָקע אונטערן נאָמען „דער מאָמענט״, און פון דעמאָלט אָן איז פּרילוצקי דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג, וועלכער האָט זיך, נאָך פאַרשיידענע גלגולים, צופּאַסנדיק זיך צו דעם יידיש־בעלי־בית׳ישן עולם, זיך באַפעסטיקט און איז אפשר געווען די שטאַרקסטע יידישע צייטונג־אונטערנעמונג אין פּוילן. זינט יולי 1914 דערשיינט ביי דער צייטונג אויך אַ מיטאָגבלאַט — די לעצטע יאָרן אונטערן נאָמען „ראַדיא״. 1921 איז אַרויס אַן „אַלמאַנאַך צום 10 יאָריקן יובילעאום פון „מאָמענט״ (וואַרשע ז״ז 232, מיט בילדער פון די מיטאַרבעטער פון „מאָמענט״), וווּ פּ. האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט: „די ראָלע פון דער יידישער פּרוי אין מאָדערנעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן״.

מיכל באַרשאַפּ

מיכל באַרשאַפּ אָדער „מיכל דער קרומער״, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ. אַלע האָבן אים געקענט. אויב די „אָרגאַניזאַציע״ איז געווען אַ שם־דבר איז אָן ספק מיכל באַרשאַפּ געווען דער „נר תמיד״ פון דער „אָרגאַניזאַציע״.

אַ גאַנצן מעת לעת האָט מיכל באַרשאַפּ געלעבט דערמיט, און זיין צימער איז געווען דער צענטער פון דיסקוסיעס צווישן פּאַרטייען, ווי ס׳איז אָנגענומען אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

געשטאַמט פון אַ בכבודיקער משפּחה, וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרן, יונג געוואָרן אַ יתום, געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס חדר, נישט קענענדיק ריכטיק דאַוונען. געלערנט אַ מלאכה, מאָלעריי. ליידער איז אים געשען אַן אומגליק ביי דער אַרבעט, אַראָפּגעפאַלן פון אַ גאַניק און געוואָרן אַ קאַליקע. ליגנדיק אין שפּיטאָל האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען.

אין יאָר 1904/5 האָט ער סימפּאַטיזירט מיטן „בונד״, אָבער מיט דער גרינדונג פון פּועלי ציון איז ער צוגעשטאַנען צו זיי. הויפּטזאַכלעך האָט ער זיך געווידמעט דער אַרבעט פאַר קרן קימת לישראל.

זייענדיק עלנד און אַ קאַליקע, האָט מען אים איינגעאָרדנט אין מושב־זקנים. אויך דאָ האָט ער געאַרבעט פאַרן קרן קימת לישראל. מיט די דורך אים געזאַמלטע גראָשנס האָט מען פאַרשריבן אין ספר הזהב פון קרן קימת לישראל דעם ערשטן גרינדער פון יידישן אַרבעטערקרייז יוסף ראָזענפעלד פון בערדיטשעוו און יצחק בער לעווינזאָן.


מיט דער צייט האָבן גוטע פריינד אים אַרויסגענומען פון מושב־זקנים און איינגעאָרדנט אין דער ציוניסטישער ביבליאָטעק, ווו ער האָט פאַרקויפט קיכלעך און געווען אויך אַ שומר.

דער קריזיס און אַנדערע סיבות האָבן אָבער אים רואיגירט און ער איז צוריק אַריבער אין מושב זקנים. אויך דאָ האָט ער ווייטער גע־דינט דעם קרן קימת לישראל. אין יאָר 1936 איז ער געשטאָרבן.

מיט זיין לויה האָט זיך פאַרנומען די ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע. זיין ארון איז געווען באַדעקט מיט דער ציוניסטישער פאָן.

וואלף גארנפעלד

(געבוירן 1862 — געשטאָרבן 1940)



אַקטיוו אינם יידישן געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן. צווישן די גרינדער פון דער „אָרט" שול און לאַנגיעריקער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. טעטיק אויך א״נם סוחרים פאַרבאַנד און אין דער קהילה. פאָרזיצער פון חברה קדישה. פיל געלייסטעט ביים פאַרשפרייטן דעם געדאַנק פון מלאכה ביי יידן.

דריי פון זיינע זין מיט די משפחות זענען אומגעקומען דורך די נאַציס, די קינדער זענען געבליבן לעבן צווישן זיי אַ טאָכטער, אַ מוזיק־לערערין אין חיפה.

ס.

מ. ב. גאלדפארב

מ. ב. גאָלדפאַרב איז געבוירן אין אָסטרע אין יאָר 1850. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט



מ. ב. גאָלדפאַרב ביים אריינגאנג אין דער פאָלקס־שול פאר יידן

מ. ב. גולדפרב ליד הכניסה לביה״ס העממי ליהודים

די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר איז ער באַ־שטימט געוואָרן אַלס לערער אין טשערניגאָוו, און דאָרט פאַרבראַכט אויפן פאָסטן 5 יאָר.

נאָכדעם האָט ער אין משך פון 14 יאָר פאַרוואַלטעט מיט די שולן אין די שטעט זאַס־לאַוו, ראָוונע און ראַדזעווילאָוו, דאַן איז ער איבערגעפירט געוואָרן אין דער קרעמעניצער שולע אין וועלכער ער האָט געדינט 26 יאָר. אין יאָר 1916 איז ער אַריבער אויף עמעריטור מיט אַ לעבנסלענגלעכן געהאַלט. אויסער זיין פּע־דאַגאָגישער אַרבעט האָט ער געשאָנקען נישט ווייניק צ״יט געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן.

אין די 80־ער יאָרן, בעת און נאָך די פּאָגראָמען, האָט ער זייער פיל מי געווידמעט די פאַרצווייפלטע יידישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן מאַסנווייז פאַרלאָזט זייערע ערטער און געלאָפן אין דער גאָרער וועלט אַריין — און ווי ווייט מעגלעך געשאַפן פאַר זיי די מעגלעכ־קייט, אַ דאַנק זיינע באַקאַנטשאַפטן מיט די

העכערע בעאַמטע איבערצוגיין די רוסיש־עסט־רייכישע גרענעץ ביי ראַדזיווילאָוו.

אין יאָר 1903 האָט ער מיטגעהאָלפן שאַפן אין קרעמעניץ די קאָמערץ־שולע.


ער איז אויך געווען במשך פון עטלעכע יאָר אַ דעלעגאַט אין דער שטאָט־דומע.

פאַר די אַלע פאַרדינסטן זיינע איז ער אויף דער עלטער נישט פאַרגעסן געוואָרן, און לויט דער איניציאַטיוו פון אַ פאָר תלמידים זיינע איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו פייערן זיין 80־יעריקן געבורטסטאָג. אין טאָג פון דער פייערונג, דעם 8־טן מאַרס, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינע געוועזענע תלמידים, כדי צו באַהערן דעם בעל־היובל, דעם גרייז־גרויען לערער.

„קרעמעניצער שטימע" 11.4.1930

מאיר גאלדרינג

(געבוירן 1886 — אומגעקומען 1942)



צווישן די עסקנים אין קרעמעניץ פאַרנעמט מאיר גאָלדרינג ז"ל איינעם פון די אָנגעזעענ־סטע ערטער. מער ווי אַ פערטל־יאָר־הונדערט איז ער געשטאַנען אויף די ערשטע פּאָזיציעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און געדינט די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער, געקעמפט פאַר זיינע פּרינציפּן און מיטגעריסן אויך אַנדערע. טעטיק אין אַלערליי געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס און אַן אַקטיווער ציוניסטישער עסקן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך באַצויגן צו אים מיט כבוד און פולן צוטרוי.

אין שריפט און אין וואָרט האָט מ. גאָלדרינג געקעמפט, אַז די יידישע קהלה זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגן פון יידישן לעבן און ווערן די אמתע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַלס ערשטן מיטל דערצו האָט ער געזען דאָס אויסנוצן די פולע רעכט, וואָס עס גיט דאָס קהלה־געזעץ, הגם עס האָט זיך באַשרענקט נאָר אויף רע־ליגיעזע ענינים. ער האָט געקעמפט פאַר דער באַשטעטיקונג פון דעם קהלה־בודזשעט כדי צו זיכערן די נויטיקע הכנסות, און פאַר איבערנע־מען דעם בית־החיים דורך דער קהלה. כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אים זענען די ווערטער מיט וועלכע ער פאַרענדיקט אַן אַרטיקל אין דער „קרעמעניצער שטימע" וועגן די קהלה־פראַגן:

„...די קהלה איז דאָס קערענדל פון אונדזער זעלבסטפאַרוואַלטונג, גלייך ווי דער מאַגיסטראַט, און אויב מען צאָלט פאַר דעם מאַגיסטראַט שטייערן, דאַרף מען אויך צאָלן פאַר דער קהלה. מען וועט זיך שוין געוויס דאַמאָלט פאַראינטערעסירן אויף וואָס די שטייערן ווערן פאַרווענדעט, און מען וועט אויך טאַקע וועלן אַז דער בודזשעט פון דער קהלה זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די איצטיקע פינאַנציעלע מעגלעכ־קייטן פון דער פאַראָרעמטער יידישער מאַסע, וועלכע דאַרף דעם בודזשעט אויסהאַלטן".

דאָס איז אויך געווען דער צוגאַנג פון מ. גאָלדרינג צו אַלע צווייגן פון יידישער און ציוניסטישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: די זאָרג, קודם־כל, פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ער האָט געקעמפט מוטיק פאַר זיינע שטע־לונגען און ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס עס האָבן זיך געפונען אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געפירט נישט קיין שיינע אַגיטאַציע קעגן אים. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַרום 60 פאָרשטייער פון אַלע

געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען זיך צונויפגעקומען אין ועד הקהלה און געטאַדלט די דאָזיקע אַגיטאַציע. ספּעציעלע רעזאָלוציעס זענען אָנגענומען געוואָרן, אויסדריקנדיק דעם פולן צוטרוי צו מ. גאָלדרינג און פאַרעפנטלעכט אין אַלע בתי מדרשים. ס'איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלער באַנקעט לכבוד אים, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אַרום 300 פּערזאָן און פאָרשטייער פון איבער צוואַנציק געזעלשאַפטן. דער דאָזיקער באַנקעט איז געווען אַן אויסדרוק פון ליבע און צוטרוי צו גאָלדרינגן, דעם ערלעכן און מוטיקן כלל־טוער.

זיין פופציקיעריקער יובילעאום איז אויך געפייערט געוואָרן זייער אימפּאָזאַנט. די „קרעמעניצער שטימע", וועמענס מיטגרינדער און רעדאַקטאָר ער איז געווען, איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לעבן פון יידישן קרעמעניץ. דאָס וואָכנבלאַט האָט געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, אינפאָרמירט וועגן אַלעס וואָס ס'איז פאַרלאָפן אין שטאָט און אין דער פּראָווינץ, און געקעמפט פאַר די יידישע אינטערעסן.

די „קרעמעניצער שטימע" איז געווען אַ שטיק פון זיין לעבן און אויך פון קרעמעניץ. וואָך־איין וואָך־אויס האָט ער געזאָרגט פאַר דער רעגולערער דערשיינונג פון דער צייטונג, פאַר איר אינהאַלט, פיל געשריבן און געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער צייטונג. יאָרן איז די צייטונג דערשינען און געדינט ערלעך די אינטערעסן פון יידישן כלל.

מ. גאָלדרינג איז אומגעקומען אין דער שחיטה פון קרעמעניץ. געטריי האָט ער געדינט דעם יידישן פאָלק זיין גאַנץ לעבן.

אברהם יעקב וויינבערג

אין יאָר 1931 איז געשטאָרבן דער ערשטער ראש הקהל פון דער ניי־געגרינדעטער דעמאָקראַטישער קהלה אין קרעמעניץ אברהם יעקב וויינבערג. דעם אַמט האָט ער כשר פאַרדינט, און מיט כבוד אים געטראָגן, ביז די קהלה איז צוליב פאַרשיידענע אומשטענדן אויפגעלייזט געוואָרן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט פיל עגמת־נפש און צרות.

א. י. וויינבערג איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, מיט בילדונג און שיינעם כאַראַקטער. געווען טאָלעראַנט, כמעט ווי נישט רעאַגירט אויף די עוולות קעגן אים אין דער קהלה.

אַ אינדוסטריעלער, אייגנטימער פון דער באַוווּסטער גיסעריי אויפן שאָסיי, נעבן דער ווישנעוויצער ראָגאַטקע, בשותפות מיט חיים אוואדיס און פישל פערלמוטער. אַ ייד אַ אינדוסטריעלער — איז געווען אַן אויסנאַם אין יענע צייטן. באַהאַוונט אין דער טעכנישער זייט פון דער פּראָדוקציע.

אַ ציוניסט בלב ובנפש. זיין גאַנץ באַוועגלעך פאַרמעגן, דערונטער די רייכע ביבליאָטעק, האָט ער פאַרשריבן דעם קרן קימת לישראל. כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז די יידישע קהלה איז אים שולדיק געבליבן געלט, פון וואָס ער האָט מאַטעריעל געליטן.

אַ שיינער טיפּ פון אַ יידישן כלל־טוער, און קרעמעניץ האָט שטאַרק באַדויערט זיין פרי־צייטיקן טויט.

חייקל פון די קרעמעניס
(חייקל בערנשטיין)

אַ טיפּ פון אַ שיינעם בעל־בית'ישן יידן פול מיט רעספּעקט, אַ מיטל־וווּקסיגער מיט אַ ברייטער באָרד. געוווינט האָט ער אין זיין דירה אין דער שמאָלער גאָס, נעבן שמעון בעקער, אויף אַ אויבערשטיבל — גרויסע צימערן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויפן „פּאָטיק". אַ ייד מיט אַ ברייטער האַנט צו געבן אַ נדבה בסתר — און זיין פרוי חנה אברהם משה'ס. — ווער ס'האָט דאָס פּאָרל נישט געזען אין אַ פּורים־סעודה, דער האָט קיין שיין בילד נישט געזען: דער טיש אויסגעפּוצט מיט כל טוב און אַלע קינדער, קוזינס און אייניקלעך, אַלע האָבן געדאַרפט זיין ביי דער סעודה. ר' חייקל מיט אַ גרויסער גאָלדערנער קייט אויפן זשילעט און מיט אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, און חנה מיט די שנירלעך פּערל אויף דעם האַלדז און די גוטע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פרייד און שמחה. יעדער האָט


באַקומען פורים־געלט, און די טיר האָט זיך נישט געשלאָסן דעם גאַנצן טאָג און אָוונט. אַ טיפּ פון אַ שיינעם יידישן גביר.

מאַכט זיך אַ פרימאָרגן, ווען ר׳ חייקל בערנשטיין איז נאָך אַ נאַכט פון ניט שלאָפן געזעסן און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און אַזוי קוקנדיק זעט ער ווי זיין מילך־טרעגערין גיסט אַריין מיט אַ גלאָז וואַסער פון פּאָטיק אין דעם מילך־קרוג. אין אַ שעה אַרום קומט זי אַריין די מילכטרעגערין, און ר׳ חייקל זאָגט איר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל: ביז היינט האָב איך נישט געוווּסט ווי איר כשר׳ט דאָס מילך, אָבער היינט האָב איך געזען. איך בעט אייך איר זאָלט מיר ברענגען דאָס מילך באַזונדער, און די פּאָטיק־וואַסער באַזונדער, איך וועל שוין אַליין כשר׳ן מיין מילך...

ר׳ חייקל האָט געהאַט צוויי זין און דריי טעכטער. אַלע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע קינדער. ס׳האָבן זיך געראַטעוועט בלויז פינף אייניקלעך: ריבע און צירע בערנשטיין אין ישראל, ביילע בערנשטיין אין אַרגענטינע, יצחק וינשטין אין ענגלאַנד און אהרן גערמאַן אין ירושלים.

יצחק וואַקמאַן (ניו־יאָרק)

אלי חייקעל׳ס (בערנשטיין)



פ׳ין מאָל צו מאָל שווימען פאַר מיינע אויגן אויף געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער האַרציקייט און געשפרודלט מיט הומאָר. יידן וואָס האָבן טעג און נעכט זיך אָפּגעגעבן לטובת הכלל, נישט זוכנדיק דערביי קיין אייגן נוצן און כבוד. איינער פון אָט יענע געשטאַלטן אין אונדזער שטאָט איז געווען אלי חייקעלס (בערנשטיין).

עפּעס האָב איך געפילט אַ באַזונדערע נאָענטקייט צו אָט דעם יידן מיטן געלבליכן בערדל און שיינענדיקע אויגן, שטענדיק בין איך גרייט געווען אים מוחל זיין דאָס קנייפּן אין די באַקן... די דאָזיקע געפילן מיינע זענען אָן ספק, טיילווייז, געווען אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס אלי חייקעלס איז געווען אַ וואַלד־סוחר. זיין אויסזען אַליין, מיט דעם צוגעקערטן קאָרק, האָט מיר דערמאָנט אַ באַיאָרטן בוים ערגעץ אין די וועלדער, אין וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען ס׳רוב יאָרן זיינע.

גאָר אַנדערש פון אַנדערע יידן איז ער געווען אין מיינע אויגן אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט זיין פרנסה געצויגן נישט פון די ד׳ אמות פון אַ קלייט אָדער וואַרשטאָט, וואָס האָט פ׳ין אים געשמעקט מיט סאָסנע און בערעזענע בוימער, און וואָס אין טעג פון זאַווערוכעס ווי אויך אין ברענענדיקע היצן איז זיין פלאַץ געווען ערגעץ צווישן וואַלד אי׳ן פעלד אונטערן פרייען הי׳מל. ער האָט געגאָסן צוטרוי און ליבשאַפט אויך פון די גויים מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג.

אין געזעלשאַפט פון פויערים אָדער פון יידן, איז ער שטענדיק געווען גרייט מיט אַ אוקראַאי־נישן אָדער יידישן ווערטל, וואָס פלעגט אַריינברענגען צווישן זיי אַ פריילעכע שטימונג.

אלי איז געווען איינער פון די איינגעוואָרצלטע איינוווינער פון אונדזער שטאָט, וועלכע האָבן אין זיך איינגעזאַפּט איר רייכן פאָלקלאָר, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, און ער האָט שטענדיק ציטירט ווערטלעך און געשיכטעס פון יידן וואָס האָבן געלעבט מיט פיל יאָרן צוריק. זיין פילזייטיקע צדקה טעטיקייט האָט ער תמיד באַגלייט מיט אַ חכמה, מיט אַ הלצה וואָס האָבן פיל אַנגענעמער געמאַכט די לאַגע פון די נצרכים.

בשעת ער האָט זיך שווער געמאַטערט צו געפינען פרנסה פאַר זיין אייגענער משפחה, האָט ער אָפּגעגעבן זיין בעסטע צייט כדי צו העלפן די פילע נויטבאַדערפטיקע פון אונדזער שטאָט, און געטאָן האָט ער דאָס אַזוי אַז פרעמדע זאָלן דערפון נישט וויסן — „מתן בסתר״. געווען אין פרעזידיום פון הכנסת אורחים, הכנסת כלה און ביקור חולים. נעכטיקן ביי אַ חולה איז ביי אים געווען אַ גרויסע מצווה. אַלע יאָר ערב יום כפור פלעגט ר׳ אָלי פראַוון אַ מיטאָק אין מושב זקנים. אויך פלעגט מען אים אָפט רופן צו זיין אַ בורר.

כדאי באַזונדער דאָ צו באַצייכענען זיין טעטיקייט איפן געביט פון צושטעלן מצות פאַר די אָרעמע־לייט לויט אַ גערעכטער פאַרטיילונג. כדי צו פאַרזיכערן, אַז זיי זאָלן האָבן די מצות צו דער צייט און אויך זיין פון אַ גוטער קוואַליטעט, האָט אלי געמאַכט אַ ריזיקאַלישן שריט: ער האָט מיט נאָך אנדערע, געחתמעט וועקסלען און געקריגן אויף זיי א גרויסע סומע געלד, פאַר וועלכע ער האָט געקויפט א מצה־מאַשין. נישט איין מאָל פלעגט ער זאָגן: „שוין אַ סך יאָרן טוט מיר וויי, וואָס די אָרעמע לייט עסן מצות מיט בלוט״...

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער איינגעריכטעט אַ מצה־בעקעריי, וואָס האָט זיך גערופן „די קליינע מאַשין״, און האָט פאַרזאָרגט מצות צו אַלע נצרכים. ס׳איז נישט געווען קיין גרענעץ צו זיין פרייד, ווען ער האָט געזען די טרעגערס מיט די ווייסע קוישן טראָגן די מצות אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך פון שטאָט פאַר די נויטבאַדערפטיקע. אויך זיי, ווי די נגידים, האָבן באַקומען די מצות אין זייערע הייזער אַ פאָר וואָכן פאר יום־טוב. פיל נעכט פלעגט ער ווידמען, ווי אַנדערע, כדי בייצוזיין אין האָבן אויפזיכט איבערן באַקן די מצות.

פיל האָט ער אויפגעטאָן פאַר די אָרעמע קינדער פון שטאָט. ווי אַ טאַטע געווען צו זיי. ווען ער פלעגט זען אַן אָרעם קינד אָן שיך אָדער קליידונג, האָט ער נישט גערוט ביז ער האָט באַקליידט און באַשוכט, און זיך משתתף געווען אין זיין פרייד. ווען אין קרעמעניץ האָט עקזיסטירט אַ ישיבה, איז אלי געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אירע, און האָט אַ סך פון זיין ענערגיע געווידמעט כדי צו באַזאָרגן איר עקזיסטענץ.

נישט געווען קיין צדקה־חברה, ווו ער זאָל נישט געווען זיין אַ טיכטיקער מיטגליד.

אין אָט דער טעטיקייט זיינער איז אים אויסגעקומען צו שטיין אין קאַמף מיט זיין פרוי, וועלכע פלעגט, נישט אָן געוויסן רעכט, טענהן, אַז זיין אומבאַגרעניצטע איבערגעגעבנהייט נעמט ביי אים צו די מעגלעכקייט פון פאַרזאָרגן זיין אייגענע משפחה.

די קרעמעניצער יידן האָבן געוווסט אָפּצושאַצן זיינע אייגנשאַפטן און האָבן זייערע באַשטייערונגען פאַר די צוועקן פאַר וועלכע ער האָט געפאָדערט, געטראָגן אים אַנטקעגן, זיין איבערגעגעבנהייט און ליבע צו זיינע אונטערנעמונגען האָבן יעדן אָנגעשטעקט.


אויך ער האָט נישט אויסגעמיטן די יסורי גיהינום פון אומקום, מיט אים זענען אומגעקומען זיין פרוי שפרה, זיין זון יצחק און די יונגסטע טאָכטער פאָלאַ.

מ. ג.

ד״ר אריה לאנדסבערג

(געבוירן — געשטאָרבן 1932

די משפחה לאַנדסבערג איז געווען אַ שם דבר אין קרעמעניץ. דריי דורות האָבן געצויגן די גאָלדענע קייט פון ציוניזם. דער ערשטער ר׳ חיים, דער פאָטער, האָט געצויגן צו חיבת ציון און השכלה; דער זון, אריה, איז געגאַנגען ווייטער, געלערנט מעדיצין און געווען אַ ציוניסט אין שענסטן זין פון וואָרט. געווען אַ יידישער דאָקטאָר, איבערגעגעבן דעם יידישן פאָלק, געשעצט די יידישע טראַדיציע און געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר יידישע צוועקן. געווען ביי אים דער נוהג, אַז אויפן ערשטן פלאַץ איז געשטאַנען קרן קימת און קרן היסוד. און געגעבן האָט ער בצניעות, אַזוי, למשל, האָבן אַפילו זיינע נאָענטסטע נישט



געוווּסט, אַז אין 1917 האָט ער געשפּענדעט 500 רובל דעם נאַציאָנאַלפאָנד פאַר דער אַקציע צו בויען הייזער פאַר תימנער יידן אין ארץ־ישראל, אַ סומע וואָס נישט יעדער דורשניטלע־כער פאַרמעגלעכער ציוניסט האָט געגעבן. ער איז אויך געווען אַ ערן־מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פאַר ישוב ארץ ישראל.

זיין פרנסה האָט ער געצויגן פון זיין פרייער פּראָפעסיע, געווען איבערגעגעבן ביז גאָר זיינע קראַנקע.

נישט קיין ווּנדער, וואָס אַלע האָבן אים געשעצט און באַצויגן זיך צו אים מיט כּבוד און דרך ארץ.

געווען אַ דעלעגאַט אויפן אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און פון דאָרט באַזוכט ארץ ישראל.

צוריקקומענדיק פון ארץ ישראל האָט ער באַגייסטערט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אין קרעמעניץ, און אָנגעשטעקט אַלעמען מיטן ווילן צו אַרבעטן פאַרן ציוניזם.

אין דער צייט ווען ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען פאַרבאָטן, — פלעגן אַלע ביכער און זשורנאַלן אָנקומען צו אים אַלס מעדיצי־נישע ליטעראַטור, און דאַן איבערגעגעבן ווערן בשתיקה צו די מיטגלידער פון דער אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע האָט דאַן געאַרבעט אומלעגאַל.

ד״ר אריה לאַנדסבערג איז געווען פון די ע ר ש ט ע, וואָס האָט גערופן און געאַרבעט פאַר ציוניזם. אַ זכיה האָט ער אויך געהאַט וואָס אויך זיין זון, דער באַגאַבטער אַדוואָקאַט בנימין לאַנדסבערג, דער דריטער דור פון דער משפחה, איז געווען מעסיק פאַרן ציוניזם און געגאַנגען אין זיינע וועגן.

כבוד זיין אָנדענק.

ד״ר מאיר ליטוואַק

(געבוירן 1861 — געשטאָרבן 1932)

איינע פון די שענסטע פערזענלעכקייטן אין יידישן קרעמעניץ איז געווען ד״ר מאיר ליטוואַק ז״ל.

געבוירן ביי אָרימע עלטערן, געענדיקט די פאָלקסשול, באַזוכט די גימנאַזיע אין זשיטאָמיר, געלערנט מעדיצין און ווען ער איז געוואָרן דאָקטאָר, אַריבער אין זיין געבורטס־שטאָט קרעמעניץ און זיך דאָרט באַזעצט. אַלע האָבן געקאָנט ד״ר מ. ליטוואַק, וואָס האָט אַזויפיל געלייסטעט פאַרן יידישן קרעמעניץ. געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון דער גרופּע „חובבי ציון״, אַקטיוון אָנטייל גענומען אין דער גרינדונג פון דער האַנדלסשול, רעאָרגאַניזאַציע פון תלמוד־תורה, אינם שאַפן קאָאָפּעראַטיוון, די אָרט־שול און די העברעאישע שול „תרבות״, אויב מען האָט געדאַרפט גרינדן עפּעס — איז ד״ר ליטוואַק געווען דער אַדרעס. פיל האָט ער מיטגעווירקט ביים קויפן אַן אייגן הויז פאַר דער תלמוד־תורה. זייענדיק אין אַמעריקע האָט ער געזאָרגט פאַר מיטלען אויף אַ בנין פאַרן הכנסת אורחים א. אַז. וו.

אַ געוויסע צייט איז ער געווען פּרעזעס פון דער גרויסער שול, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון „טאָז״, און דאָרט געהאַלטן לעקציעס וועגן היגיענע.

אויפן ציוניסטישן געביט איז ער געווען זייער אַקטיוו און יאָרן לאַנג פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַ כאַראַק־טעריסטישער שטריך: אין יאָר 1904 איז פאָר־געקומען אַן אומלעגאַלע ציוניסטישע פאַר־זאַמלונג און פלוצלינג איז אָנגעקומען דער „נאַדזיראַטעל״ און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, און פאַרשריבן אַלע אָנוועזנדע, ד״ר ליטוואַק

איז בשעת מעשה נישט געווען, ווייל ער האָט געמוזט פריער פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג. ווי נאָר ער האָט געוווּיר געוואָרן וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען, איז ער תיכף אַוועק צום „נאַדזיראַטעל״ און אים געבעטן פאַרשרייבן אויך זיין נאָמען אין פראָטאָקאָל, אַלס איינעם וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג.

אַ ערלעכער כלל־טוער. ווען ער האָט זיך די לעצטע יאָרן נישט געקאָנט צופּאַסן צו די נייע ווינטן און וועגן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — האָט ער זיך צוריקגעצויגן.

פון פּראָפעסיע אַ דאָקטאָר מעדיצין, האָבן אַלע געזוכט הילף ביי אים. און נישט קיין וווּנדער דעריבער, אַז ווען ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין יאָר 1904 אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה אַלס מיליטערישער דאָקטאָר אין וויטן מזרח, האָט עס אויפגעטרייסלט די יידישע באַפעלקערונג פון שטאָט. פינף טעג צייט האָט מען אים געגעבן אָפּצופאָרן קיין כאַרבין. אַפילו די לעצטע טעג האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט און פאַרברענגען אין דער סביבה פון זיין משפחה. פאַרקערט, די קראַנקע האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, און ער האָט דערפילט זיין פליכט. אַוועק איז ער קיין כאַרבין, און פון דאָרט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין כאַבאַראָווסק, ווו ער האָט פאַרבראַכט ביז דעם 11־טן אָקטאָבער 1905 און באַפרייט געוואָרן צו פאָרן אהיים.

שווער איבערצוגעבן די שמחה און קרעמעניץ ווען ד״ר מ. ליטוואַק איז צוריקגעקומען. דער שטאָלץ פון דער יידישער באַפעלקערונג איז נאָך מער געוואָקסן, ווען מען איז געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז דערגאַנגען פאַר זיינע מעדיציניש פאַרדינסטן אין דער מלחמה צו דעם ראַנג פון אַ גענעראַל. די האַרץ פון יעדן קרעמעניצער ייד האָט זיך ממש געקוויקט פון שמחה צו זעען אים אין דעם גענעראַלסקן מונדיר און גענעראַלסקע עפּאַלעטן — און דאָס ביי די צאַרישע צייטן.

ד״ר ליטוואַק איז באַלד צוריק אַריין אין



ד״ר מאיר ליטוואַק אויף קבר אבות

זיין פּראָפעסיאָנעלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. לאַנגע יאָרן האָט ער נאָך געדינט זיינע קראַנקע, וועלכע האָבן געהאַט צו אים אומבאַגרענעצטן צוטרוי, דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און ציוניסטישער באַוועגונג וואָס האָט געגאָסן פון זיין ראָט און טאַט.

די לעצטע יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אָרטיקער פּרעסע. פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט דאָרט אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס. געהאַט מוט צו באַקעמפן אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט. און געפאָדערט זיי צו באַזייטיקן און אויסצובעסערן.


אַ גרויסער פאַרערער פון ריב״ל און זיך געזען אַלס איינער פון זיינע תלמידים. פיל צייט האָט ער אוועקגעגעבן צו פאַראייביקן זיין אָנדענק, מיטגעאַרבעט ביים שאַפן די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ריב״ל אין דעם הויז ווו ער האָט געוווינט, אָבער די נייטיקע מיטלען האָבן געפעלט. בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע אין יאָר 1928, האָט ער זיך אויך דערמיט פאַראינטערעסירט.

ווי געזאָגט, איז ד״ר ליטוואַק געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן, זיין פאָטער איז געווען אַ שניידער און געהייסן אבא. פלעגט מען רופן ד״ר ליטוואַקן „אבא׳צי שניידערס זון״ — בעלי מלאכות מיט שטאָלץ, נגידים מיט שפּאָט.

ד״ר ליטוואַק איז אויך געווען דער דאָקטאָר פון דעם פּראָוואָסלאַוונעם סעמינאַר פון גלחים, אַזוי ווייט איז געווען דער צוטרוי צו אים.

יעדן שמחת תורה פלעגט ער איינאָרדענען אין דער גרויסער שול אַ ספּעציעלע פייערונג — שחרית פאַר קינדער.

אין טיפן עלטער איז ד״ר ליטוואַק אַוועק.



די לווייה פון ד״ר מ. ליטוואַק און די מצבה אויף זיין קבר
לווית ד״ר מ. ליטוואק והמצבה על קברו

די גאַנצע שטאָט האָט אים באַוויינט און באַ־גלייט צו דער אייביקער רו, יונג און אַלט, אָרעם און רייך, יידן, אוקראַינער און פּאָלאַקן. די פאָרשטייער פון די אַלע דריי פעלקער האָבן אים וואַרעם מספיד געווען און אָפּגע־שאַצט די גרויסע אבדה פאַר קרעמעניץ. זיין נאָמען וועט תמיד בלייבן אין זכרון פון די אַלע וועלכע האָבן אים געקענט און געהערט וועגן אים.

הרב ר׳ שרגא-אריה מארדער

פאָריקן דאָנערשטאָג, ב׳ שבט תרצ״ז, איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער דער רב פון דער דובנער ראָגאַטקע, הרב ר׳ שרגא־אריה ז״ל. דער נפטר איז אַלט געווען אָכציק יאָר און האָט געהערט צו די רבנים פון אַלטן דור, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לומדות און בקיאות אין תלמוד און פוסקים. דער נפטר האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן מרביץ־תורה געווען און זיינע תלמידים פאַר־נעמען באַקאַנטע רבנות־פּאָסטנס, וויצ.ב.ש.: דער ראַדזיווילער רב און דער געוועזענער שומסקער רב ז״ל.

הרב ר׳ פייוויש מארדער האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין שטאַרקער זהירות ביי שאלות־ותשובות, און האָט געשעמט אין זיינע יונגע יאָרן מיט זיין חריפות אין לערנען און מיט זיינע פעהיקייטן ביים דורכפירן דין תורה׳ס. ער איז געווען אַ מעורב בין־הבריות און פאַרמאָגט אַ גרויסן לעבנס־פאַרשטאַנד, מיט צניעות און באַשיידענהייט איז ער זיך געגאַנ־גען אין זיין תורה־און־יראה־וועג.

פרייטאָג איז פאָרגעקומען זיין לוויה. סו ז דעם שטאַרקן פראָסט איז געקומען אַ גרויסער עולם פון דער דובנער ראָגאַטקע און פון שטאָט אָפּגעבן דעם נפטר דעם לעצטן כבוד. דער שטאָט־רב מ. מענדיוק האָט געהאַלטן אַ גייסט־רייכן הספד אין וועלכן ער האָט כאַראַקטערי־זירט די פערזענלעכקייט פון פאַרשטאָרבענעם און פאַרענדיקט, ווענדנדיק זיך צום נפטר, מיט פאָלגענדע ווערטער: איר קאָנט רויק זיין, מרא דאתרא, ווייל אייער תורה און מצוות וועלן אייך באַגלייטן למנוחת־עולמים, און איר האָט איבערגעלאָזט אַ איידעם, אַ בן־תורה, אַ ממלא־מקום, וועלכער איז ראוי צו דעם אין אַלע הינזיכטן או איז ביי אַלעמען באַליבט. נאָכער האָט מספיד געווען דער דיין.

מ. סאמבירער
„קרעמעניצער לעבן“,

שמעון חיים מוליאר (קארש)

שמעון חיים איז געווען אַ מויערער, פון די גאָר ווייניק וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין פאַך אויף דער יידישער גאַס.

עס איז געווען ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז שמעון חיים זאָל זיין אַ פאַרברענטער ציוניסט. עפּעס האָט זיך שטענדיק געפּאַסט אָט דאָס פּאָרל ציוניסט און מויערער, ארץ־ישראל און בויען. ער איז צוגעטרעטן צו דער באַוועגונג נאָך אין דער תקופה פון חובבי־ציון. און דאַמאָלסט, ווי אויך שפּעטער, זענען די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע געווען שטאָלץ מיט אָט דעם פּראָדוקטיוון חבר זייערן.

ער האָט שטענדיק געהיט גלייכגעוויכט, געווען תמיד גוטמוטיק, אָבער דאָס אַלץ נאָר ביז מהאָט נישט אָנגערירט ארץ־ישראל. ווי נאָר ס׳פלעגט עמעצער מיט אים פאַרפירן אַ ויכוח אין דעם ענין, איז ער געווען אַן אַנדער מענטש, נישט צו דערקענען. דאָס פנים מיט דער קאָלטענעוואַטער באָרד פלעגט זיך צור־פלאַקערן, די הענט האָבן זיך באַוועגט און קיינער האָט נישט געטאָרט זיך שטעלן אין זיינע ד׳ אמות.

„אָט דאָס איז טאַקע אייער אומגליק“, פלעגט ער טענה׳ן, אַז איר ווילט וואַרטן ביז משיח וועט קומען אויפן ווייסן פערדל, ביז דאַמאָלסט ווער ווייסט וואָס פון אונדז וועט בלייבן“.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען אים געזען איינ־געשפּאַנט אין פאַרטוך, שטענדיק פאַרטאָן אין זיין אַרבעט. ער איז געווען אַ מומחה

אויף אויפצושטעלן הרובעס און אויוונס, אויף דעם געביט האָט ער שטענדיק געהאַט די אויבערהאַנט אויף זיינע קאָנקורענטן, די גוייִשע מויערער. זיינע אַ הרובע אָדער אַ האָט געפאָדערט אַ העכערן פּרייז פאַר זיין אַרבעט, פלעגט מען חדשים־לאַנג וואַרטן אין דער ריי ביז ער האָט באַוויליגט צו קומען מיט זיינע זין אַלס געהילפן צוואַרפן די אַלטע הרובע און אויפשטעלן אַ נייע. פאַר די עטלעכע אויוון פלעגן נישט רויכערן. און כאָטש ער כעטעג וואָס ער האָט אין אַ שטוב געאַרבעט, האָט ער מיט זיך אַריינגעבראַכט אַ ציוניסטישע אַטמאָספער: „שקלים“, „אַקציעס“, „קרן הקיימת“, „באַראָן ראָטשילד“, „הרצל“ א. אַז. וו. האָבן געקלונגען אין חלל אָן אויפער.

ער איז געווען דער איינציקער ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָס צוליב צוטרוי צו אים פלעגט ער בויען געהיימע באַהעלטענישן אין די הייזער, ווו יידישע יונגעלייט האָבן זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון צו גיין אויפן שלאַכטפעלד. זיי זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַזאַ קונסט, אַז זעלטן, זייער זעלטן איז דער פּאָליציי געלונגען זיי צו אַנטדעקן. ער האָט אָט די אַרבעט געטון מיט אַ באַזונדערן פאַרגניגן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין גרענעץ צו זיין שנאה צום צאַרישן רעזשים. ווען עס זענען דורך דער שיראָקא גאַס מיט אַ גרויסן אימפּעט ג̃עלאָפן די רוסישע אָבאָזן צוריק, און די עסטרייכישע האַרמאַטן האָבן זיך שוין געלאָזט הערן, האָט מען אים געקענט זען טאַנצנדיק אין גאַס. ער איז געווען דער ערשטער פון די, וועלכע האָבן שפּעטער גערופן צו צעשטערן די באַהעלטענישן און צו אַ פרייוו ליקן מאָביליזירן זיך פון די יידישע דעזערט̃ירן אין דער אַרמיי נאָך דער רעוואָלוציע.

אין דער תקופה פון דער פּוילישער אָקופּאַציע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון עולים קיין ארץ־ישראל, האָט שמעון חיים מיט זיינע זין גענומען טראַכטן וועגן עולה זיין. כדי דערווייל צו פאַרווירקלעכן כאָטש אַ טייל פון זיין חלום, האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ ציג... און געפּריידיקט ערד אַרבעט אין ארץ־ישראל.

פון זיין משפחה האָט קיינער נישט זוכה געווען עולה צו זיין.

י צ ח ק   ו ו א ק מ א ן, ניו־יאָרק

מענדל קארש



אין דער פּערספּעקטיוו פון פאַרניכטעטן עבר לויכטן מיט אַ באַזונדערן שיין די געשטאַלטן פון געזעלשאַפטלעכע טוער, פאָלקס־מענטשן, אויף וועלכע ס'איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק: „נקי כפים ובר לבב“. די וואָס האָבן אין זיך געטראָגן אַ טיפן גלויבן אין מענטש און מענטשלעכן געוויסן און האָבן מיט פלאַם אָפּגעגעבן מי און צייט לטובת הכלל, גרייט ביי יעדער געלעגנהייט צו העלפן זייערע ליידנדיקע ברודער. ווי זעלטענע עקזעמפּליאַרן, אַנטיקן, היטן מיר זיי אין אונדזער זכרון.

איינער פון אָט די געשטאַלטן — איז געווען מענדל קאַרש. אַ פאָלקס־מענטש אין בעסטן זין פון וואָרט — זיין גוטמוטיקער שמייכל אויפן ברייטן פּנים האָט אויסגעדריקט ברייטהאַרציקייט און געאָטעמט מיט פרייַנטשאַפט. טראָץ זיין באַשיידנקייט, האָט זיך אַרום אים געשאַפן אַ דינע אַטמאָספער פון שטאָלץ וואָס שטאַמט פון יחוס, אָבער פון אַ באַזונדערן מין.

ער האָט שטאָלצירט מיטן יחוס פון זיין פאַך, אַ מויערער, אַ מיטגליד פון דער איינציקער משפחה פון יידישע מויערער אין דער גאַנצער געגנט.

זיין פאָטער, שמעון־חיים, פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט מיט אַ באַזונדערער גרויסקייט זיך פאַררופן אויף „מיין מענדל". און מענדל האָט אים טאַקע פאַרשאַפן פיל נחת אין זיין קורצן לעבן. אין חדר און אין תלמוד־תורה האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס גוטער תלמיד. אָבער שמעון חיים׳ס זין זענען נישט געבוירן געוואָרן צו זיין בנים עוסקים בתורה, קיינער פון זיי האָט נישט פאַרראַטן דעם פאַך פון זייערע עלטערן, נישט פאַרביטן די קעלניע און האַמער אויף אַן אַרשין און וואָגשאָל, אָדער שער און אייזן.

מענדל האָט אין זיין פריער יוגנט פאַרלאָזט דאָס לערנען, כדי צו העלפן זיין פאָטער. ער האָט אָבער באַוויזן צו נאַשן געבוג, כדי צו באַנוצן זיך ביי יעדער געלעגנהייט מיט אַ פסוק פון תורה און תלמוד. ער האָט נאָכער פאָרגעזעצט זיין זעלבסטבילדונג דורך לייענען, און אַריינגעזאַפט אין זיך אַ סך פון דער העברעאישער או יידישער פובליציסטיק פון יענער צייט.

שוין אין יאָר 1905 איז ער געווען פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון „פועלי ציון" אין קרעמעניץ. ער איז געווען פון דעם מין פאַרטיי־טוער, אויף וועלכן די פאַרטיי לייגט איר שטעמפל אויפן גאַנצן לעבן זייערן. ווען איינער, למשל, פלעגט דערמאָנען דאָס וואָרט „פועלי ציון", האָסטו פאַר זיך באַלד געזען מענדל קאַרש — און פאַרקערט: גענוג געווען צו דערמאָנען דעם נאָמען קאַרש, און די האָסט באַלד פאַר זיך געזען די „פועלי ציון" אָרגאַניזאַציע.

שפּעטער, אין די צייטן פון דער פוילישער אָקופּאַציע, ווען די „פועלי ציון" פאַרטיי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, נאָכדעם ווי די פירענדיקע חברים אירע זענען אַוועק צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע באָלשעוויקעס, איז מענדל געוואָרן טעטיק אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויסגעוועלט געוואָרן אין די פאַרשיידענע קאָמיטעטן און קאָמיסיעס. דאָרט האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין „לינקן פליגל". באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען אויפן געביט פון קרן קיימת. דאָ האָט ער גענאָסן די גרעסטע שטיצע און דערמוטיקונג פון זיין חבר מערל באַרשאַפ, וועלכער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן זיך מיט התלהבות געווידמעט די קרן קיימת זאַמלונגען.

ווען ס׳האָבן זיך אין קרעמעניץ געגרינדעט די ערשטע חלוצישע גרופּן זענען אַלעמענס אויגן געווענדעט געווען צו מענדלען, אַלס דעם פּאַסיקסטן מענטשן אָנצופירן מיט די הכשרה־גרופּעס. און ער האָט טאַקע גענומען באַשעפטיקן איייניקע חלוצים ביי בוי־אַרבעט, ווען ער האָט דאָס נאָר געקענט טאָן. ער אַליין איז געווען אַ קאַנדידאַט אין דער צווייטער קבוצה חלוצים, וועלכע איז עולה געווען קיין ארץ ישראל אין 1921־טן יאָר. ליידער קען איך מיר נישט דערמאָנען די סיבות, וועלכע האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון פאַרווירקלעכן זיין באַשלוס. מעגלעך, משפחה־אָנגעלעגנהייטן, אָדער געלט־שוועריקייטן, קען זיין די קרענק.

מיטן זעלבן ברען, מיט וועלכן ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער פּאָליטישער און פאַרטיי־טעטיקייט, האָט מענדל זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן אויך דער אַרבעט אין פאַרשיידענע צדקה־אינסטיטוציעס. ווען די לאַגע אין שפּיטאָל איז געווען שלעכט פלעגט מענדל גערופן ווערן צו הילף, און ער פלעגט מיט זיין ענערגיע און התלהבות שאַפן די נויטיקע מיטלען. דאָסזעלבע אויך אין פאַרשיידענע חברות, אומעטום איז ער געווען צווישן די וואָס שלעפּן דעם שווערסטן עול. אָבער זיין וואָרט איז שטענדיק געווען דאָס וואָגיקסטע, ווייל די מאַסן האָבן מיט דעם גרעסטן דרך ארץ זיך באַצויגן צו אים, אָפּגעשאַצט זיין יושר און פיינעם כאַראַקטער. אַפילו אין דער חברה קדישא, דאָרט ווו ס׳האָט לאַנגע יאָרן געהערשט אַ דיקטאַטור און אייניקע תקיפים, איז מענדל קאַרשס דעה געווען געגוג, כדי צו ענדערן זייערע באַשלוסן.

געשטאָרבן איז ער אין 1931, אין בליענדיקן עלטער פון 41 יאָר.

מ. ג.

הרב ר׳ יחיאל יצחק ראַפּאַפּאָרט



הרב ר׳ יחיאל יצחק ראַפּאַפּאָרט איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין יאָר תרנ״ו, ביי אָרעמע עלטערן. אין די יונגע יאָרן איז ער שוין באַקאַנט געוואָרן אַלס עלוי און באַקומען סמיכה אויף רבנות. מען האָט באַוווּנדערט זיין בקיאות און חריפות אין ש״ס און פוסקים. צו זיבעצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט, און ווייטער פאָרגעזעצט מיט התמדה צו לערנען תורה און אויך וועלטלעכע לימודים, געווען אַ „מזרחי״ און פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די ציוניסטיש־רעליגיעזע אידיי צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. אַ גלענצענדער רעדנער.

די ערשטע רבנות־שטעלע זיינע איז געווען זשיכלין, פונדאַנען פלעגט ער אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פריידיקן לטובת דעם רעליגיעזן ציוניזם און געגרינדעט „מזרחי״־אָפּטיילונגען. אין עלטער פון 21 יאָר, איז ער אין תרע״ח, אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט־רב אין לוצק, צווישן אַנדערע שטעט האָט ער אויך באַזוכט קרעמעניץ, און געגרינדעט די „מזרחי״־אָרגאַניזאַציע מיט דער באַטייליקונג פון דאַמאָלסדיקן רב סענדעראָוויטש ז״ל.

אין יאָר תרפ״ג האָט הרב ראַפּאַפּאָרט קאַנדידירט אַלס סיים־דעפּוטאַט פון „נאַציאָנאַלן בלאָק״, און געפירט אַ ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע ביי די סיים־וואַלן.

אין יאָר תרפ״ח ווען דער אַמט פון רבנות אין קרעמעניץ איז פריי געוואָרן, איז ער אָנגענומען געוואָרן אַלס שטאָט־רב.

דעם ערשטן יאָר האָט ער געהאַט אויסצושטיין פיל צרות פון קעגנער, וועלכע האָבן נישט געלאָזט אים באַשטעטיקן אַלס רב, וואָס ס׳איז זיי נישט געלונגען.

הרב ראַפּאַפּאָרט איז קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער אויגן־קראַנקייט, געוואָרן אָפּערירט און זיין צושטאַנד דערשיטערט געוואָרן. אָנגעהויבן ליידן אויך אויף אַ האַרץ־קראַנקייט איז ער אין בליענדיקן עלטער — 35 יאָר — געשטאָרבן אין יאָר תרצ״א. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער נישט נאָר אין קרעמעניץ נאָר אויך אין אַ סך שטעט און שטעטלעך וועלכע ער האָט באַזוכט.

צו צוויי זאַכן האָט ער געשטרעבטביים לעבן: זיין איידעם הרב מינדיוק זאָל ווערן זיין ממלא מקום, און דער חיבור פון אַלע זיינע דרשות „אור היהדות״ זאָל דערשינען אין דרוק.ביידע זאַכן זענען מקוים געוואָרן.

צו זיין ערשטן יאָרצייט איז אים געשטעלט געוואָרן אַ מצבה. סיי אויפן בית עלמין און סיי אין בית המדרש זענען געהאַלטן געוואָרן רירענדע הספדים. אַ ספּעציעלער נומער פון „קרעמעניצער שטימע״ איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם מיט אַרטיקלען פון זיין איידעם הרב י. מ. מינדיוק, ראש הקהל א. פּערלמוטער, ל. פעלדמאַן, ד״ר מ. ליטוואַק, מ. דיטון, ד. לעווינטאַן און א. סאמבארער.

אין ארץ ישראל געפינט זיך זיין יונגסטע טאָכטער, איידים און קינד.

ק. ר.

זכרונות און שטייגער

ח. גילערנט (ניו־יאָרק)

די אַנסקי־עקספּעדיציע אין קרעמעניץ

ווי אין יעדער פּראָווינץ שטאָט אינם „תחום" פונם צאַרישן רוסלאַנד אַזוי אויך אין קרעמעניץ, האָט די יוגנט אין אָנהויב פונם היינטיקן יאָרהונדערט, על פּי רוב, געלעבט אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעז לעבן. אַ חוץ אַ קליין פּראָצענט קינדער, בערך אַ פּאָר הונדערט, וואָס האָבן געלערנט אין אַלגעמיינע מלוכה אָדער פּריוואַטע שולן, איז דער רוב דורכגעגאַנגען אַ חדר, אָרעמע קינדער אַ תלמוד תורה. די לעצטע האָבן גענאָסן פון „פּראָטעקציע" פון יידישע בעלי־בתים וואָס האָבן אויסגעפּועלט אויפצונעמען אַ פּאָר אָרעמע קינדער צו לערנען אָן שכר לימוד.

דער רוב קינדער פון מיטלשטאַנד האָט נאָכן חדר גענאָשט אַלגעמיינע קענטענישן אויפן שפּיץ בעסער ביי פּריוואַטע „שרייבער" און לערער. קינדער פון בעלי־מלאכות האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין טאַטנס מלאכה. חוץ קרעמער, מלמדים און סתם כלי קודש זענען ביי באַשעפטיקונג־פאַכן געווען פאַרנומען: סטאָלאַרעס, טעסלער, שינדל־מאַכער, בלעכער, רימערס, טאָקערס, באָנדערס, שוסטער, לעדער־שטעפּער, סטעלמאַכס (אויסגעאַרבעט רעדער פאַר וואָגנס), ציגאַרן־שפּיצלעך, שניידערס, שניידערקעס, וועש־נייטאָרינס, טאַנדעטניקעס, קירזשנער, גלעזער, בייטלמאַכערס, ויאַטנמאַכער (קאָטנמאַכערס), קעמלמאַכער, מולאַרעס, שלייפער, זייגערמאַכער, יוועלירן (גאָלד־שמידן), ציגלמאַכער, בעקער, צירולניקעס, טרעגער, בריקערס, ליכטמאַכער, און אַנד. פאַרשטייט זיך, אַז פון קצבים און וואַסער־טרעגער איז אָפּגערעדט. יוגנט איז אויך געווען האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פּראָוויזאָרס און פאָטאָגראַפער.

קיין אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג איז ביזן יאָר 1905 נישט געווען. על פּי רוב איז מען געווען באַשעפטיקט אין דער היים ביי די עלטערן. נאָר איין שוך־אונטערנעמונג וואָס דאָט באַשעפטיקט אַ צוואַנציק אַרבטער (פון הערצע און דבורה פרישבערג), האָט איר פּראָדוקציע האָט דערגרייכט דעם אַלגעמיינעם שוך־מאַרק אין רוסלאַנד.

אין אָנהויב פונם היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער שטראָם פון אַלגעמיינער בילדונג. די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט האָט שוין געצויגן אינגאַנצן צו פרעמדע קולטור־פעלדער. זי וואָלט אפשר פאַרפאַלן געוואָרן פאַרן יידישן פאָלק, ווען נישט דאָס יאָר 1905, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע ענדערונג אין זייער באַציונג צו יידיש לעבן, אויף מאָדערנע יסודות.

די פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען וואָס זענען באַלד אויפגעקומען, ווי ציוניזם, בונדיזם, ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָבן אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און סאָציאַל־קולטורעלן באַוווסטזיין. די פריערדיקע איינשטעלונג אויף קענטענישן לשם קאַריערע איז ווי ביטאָמאָל אויסגערונען געוואָרן. די אָריענטאַציע איז פאַרקירעוועט געוואָרן אויפן וועג צום יידישן פאָלקס־מענטש.

דאָס יידישע וואָרט האָט באַקומען חשיבות און פאַרנומען דאָס אָרט פון רוסיש. דער יידישער אַרבעטער, דער פאָלקס־מענטש איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון דער יוגנט־אינטעליגענץ. יידישע צייטונגען און זשורנאַלן זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די יידישע הייזער. „אונזערלעבן", „דער מאָמענט", „דער פריינד", „הצפירה", „הזמן", „דאָס יידישע פאָלק", „דער שטראַל", „לעבן און וויסנשאַפט", „די צייט", „דער וועג", און אַנד. אויך דער „העולם", „ראַזסוויעט", „יעווריעיסקאַיא זשיזן". ווען דער ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג האָט אָנגעהויבן אַרויסצו־געבן דעם חודש־זשורנאַל, „די יידישע וועלט" איז ער ממש פארצוקערט געוואָרן. פונקט אַזוי איז געווען מיט דעם אומלעגאַלן אָרגאַן וואָס איז אַרויס, דווקא אין פעטערבורג, — „די צייט", (אין צייטונגס־פאָרמאַט). פון די רוסישע טעגלעכע צייטונגען זענען פאַרשפּרייט געווען נאָר צוויי, פון ליבעראַלן שניט, דער פעטערבורגער „ריעטש" און קיעווער — „קיעווסקאיא מיסל". אַפילו דער ראַדזינער חסיד משה ברעזעצער פלעגט ברענגען אין שטיבל פון די ראַדזינער חסידים דעם „פריינד" און צווישן מנחה און מעריב לייענען בקול רם. דער מבין און אויסטייטשער פלעגט זיין בנימין יאספע, צדוק שוחט׳ס זון. האָבן טאַקע זיינע קינדער די שטוב פאַרפלייצט מיט כלערליי ליטעראַטור, וואָס פלעגט געלייענט ווערן פון דער גאַנצער פאַמיליע.

דאָס יידישע בוך אַרויסגעגעבן פון וואַרשעווער „שימין" פאַרלאַג און „צענטראַל", און שפּעטער — „קלעצקין" אין ווילנע איז מיט גרויס התמדה געלייענט געוואָרן. עס איז געגוג געווען, אַז עס זאָל זיך באַוויייזן דער שליח י. טריוואוס מיט די מוסטערן נאָר פון די איינבונד־טאָוולען פאַר אלע בענדער פון מענדעלע, פרץ און שלום־עליכם, אַז ער זאָל נישט דאַרפן פאַרלירן קיין איבעריקע טרחה אויף איינצורעדן צו באַשטעלן דעם גאַנצן קאָמפּלעט. דער פון זיך אַליין געקרוינטער באַזאָרגער פון יעדן געדרוקטן וואָרט, אַ זון פון אַ באַלעבאַטיש פרום הויז, דוד רויכל, איז געווען דער מלך פון די יידישיסטן אין קרעמעניץ. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין ווילנע, וווּ ער האָט איבערגעזעצט פון רוסיש און דייטש מעשה׳לעך פאַר קינדער. שפּעטער, בימי פוילן, האָט ער איבערגעזעצט בוכבינדערס געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג פון רוסיש אין יידיש. ווי אַ קאַסירער ביי זיין פאָטער אין דער גרויסער שניט־קראָם, פלעגט ער אָפּט, פון די איינגעקאַסירטע געלטער באַצאָלן פאַר גאַנצע טראַנספּאָרטן יידישע ביכער, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין יידישע הייזער און יוגנט קרייזלעך. אים האָט אויך אָפּגעגליקט דאָס מזל ביים זשאַנדאַר קאָוואל, ער זאָל „פאַרקוקן" אויף די צוגעשטעלטע אומלעגאַלע רוסישע בראָשורן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ס.ר.׳ן, וואָס פלעגן אויסבאַהאַלטן ווערן ביי לייבעלע שוחט׳ס זון, אהרון האָכגעלערטער, און אַריבערגע־פעקלט ווערן צום איינבינדער, אויף אַ בוידעם־שטיבל. אַזאַ מין עסקן איז אויך געווען, דער אַרבעטער־אינוואַליד מעכל באַרשאַפּ, אַ פועל־ציוניסט יאַשע ברויטמאַן, שלמה בעקערס זון, פלעגט זיין דער גייענדיקער דעקלאַמאַטאָר פון ציוניסטישע אויסגאַבעס אויף רוסיש. ישעיה בלאהוז, אַ בן־יחיד׳ל ביי אַ פאַרמעגלעכער געשיר־קרעמער איז געווען דער אָפּנעמער פון אַלץ וואָס איז דערשינען אין אַלע דריי שפּראַכן.

נאָך דער „טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" האָט די קרעמעניצער יוגנט באַקומען פרישע פליגל פאַר פאַרשפּרייטן יידישע קולטור. מיט אַ באַזונדער התמדה האָט מען זיך געוואָרפן אויף די וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פון נ. שטיף און ב. באָראָכאָוו וועגן יידיש לשון אין דעם ווילנער „פנקס".

דעמאָלט האָט מען אויך אָרגאַניזירט אומלעגאַלע קורסן פאַר יוגנטלעכע און אַ אומלעגאַלע שול פאַר קינדער.

די גרופּע אויסבאַהאַלטער פון דער אומלעגאַלער שול איז באַשטאַנען פון: דויד רויכל,

ישעיה בעלאָהוז, יאַשע ברויטמאַן, מ. ביבערמאַן, ה. געלערנט, ברוך באַרשאַפּ און די צוויי שוועסטער פייגע און מינדל, נייטאָרינס, גוטיע אַקסעל, פישל דעם טרעגערס טאָכטער. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, און די ש״ל איז געוואָרן באַקאַנט און מען האָט זי געמוזט אַריבערטראָגן אין קיך פון אברהם דעם קצב, פייגע און מינדלס פאָטער. די לימודים פלעגן פאָרקומען ביינאַכט, ווען די עלטערן זענען געווען פאַרנומען אין שעכטהויז. אָבער וויילביידע שוועסטער, בונדיסטקעס, זענען געווען אויפן אויג פון דעם יידישן העלפער פונם זשאַנדאַר, קלמן פינקל (קלמן „מיט דער גאָלע אונטערן אויג״), איז דאָס הויז דורך אים געוואָרן אָבסערווירט, און ער האָט אַליין גוטמוטיק דערציילט, אַז ער ווייסט, וואָס מען טוט דאָרט יעדע נאַכט. האָט מען ווידער געוואַנדערט, דאָסמאָל אין אַ מין בוידעם־שטיבל, אין הויז פון משה קאַדושקע, דער וואַסערטרעגער. דאָס אַלץ איז געווען ווינטער. אין די זומער חדשים האָט מען זיך געקליגלט, אין אַ וועלדל אויף דער „ווידימקע״. דאָס זעלבע איז געווען מיט די קורסן פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער. אַזאַ איז אויך געווען דער גורל פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק וואָס איז געלעגן בעיקר אין די הענט פון ציוניסטישע יוגנטלעכע.

די יוגנטלעכע „קולטור־טרעגער״ זענען געווען פאַרטון אין דער אַרבעט אויף אַ ראָמאַנטישן שטייגער. אין 1910 האָט א. ליטווין (אַ סוחר) אַריינגעטראָגן אין דער ראָמאַנטיק אַ נייעם שוווּנג. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן מיט זאַמלען פאָלקלאָר, און אַ דאַנק זיין באַזוך אין קרעמעניץ איז געוואָרן זייער פּאָפּולער דער ענין פון פאָלקס־לידער. די אַקאַדעמישע יוגנט,



אַנסקי־עקספּעדיציע אין קרעמעניץ (1913). פון רעכט צו לינקס: פּיקאַנגור, יעקב רויטמאַן (יאַשקע פּאָנימאַיעש), ש. אַנסקי, קאָמפּאָזיטאָר קיסעלהאָף, פאָטאָגראַף־מאָלער יודאָוויץ.
משלחת אַנסקי בקרמניץ בשנת 1913 (הגלופה הומצאה לנו ע״י ד״ר י. לוינסקי).

בפרט די ברידער מאַנוסאָוויטש, האָבן זיך מיט אַ חסידישן ברען אָפּגעגעבן מיט פאָלקס־מוזיק. סענדער ראָזענטאַל, אַ צירולניק, פלעגט באַגלייטן דאָס געזאַנג אויף אַ מאַנדעלינע. דורך זיי, איז די גאַנצע רוסיפיצירנדיקע יוגנט געוואָרן פאָלקסטימלעך. אין איינעם פון די הייזער, ביי פ. ווייצער, האָט מען דורכגעפירט אַ ליטעראַרישן יובל פון מענדעלע מוכר ספרים.

דורך דעם באַזוך פון א. ליטווין, און שפּעטער פון נח פּרילוצקי, איז באַקאַנט געוואָרן דער צינאָמען פון דער שטאָט — „ראש חודש קרעמעניץ", ווי אויך דער צווייטער צו־נאָמען „קרעמעניצער פיליסטראַנטן", און האָט געגרייכט קיין פּעטערבורג. דאָ האָט דער גרויסער יידישער מעצענאַט, באַראָן גינצבורג, דאַן געגרינדעט און אויסגעהאַלטן די „יידישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט", מיט אַ העכערן קורס פאַר עטנאָגראַפיע, אויסצובילדן אַ קאַדר פון זאַמלער און פאָרשער.

די יוגנט מיט ש. אנסקי אין קרעמעניץ

ביי דער נאָנטער באַטייליקונג פונם באַקאַנטן פאָרשער אין סיבירער פאַרשיקונג און שפּעטער פאַרוואַלטער פונם אַזיאַטישן מוזיי אין פּעטערבורג, מ. שטערנבערג, האָט די דערמאָנטע געזעלשאַפט מיט ש. אַנסקי בראש, אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון דער אָנגעצייכנטער סעריע „דער מענטש". דאַן איז אָרגאַניזירט געוואָרן די באַקאַנטע אַנ־סקי עקספּעדיציע.

אין יולי 1912 איז די קרעמעניצער יוגנט־אינטעליגענץ אויפגעריכט געוואָרן מיט אַ שפּאָגל נייעם נוסח פון פאָלקישקייט. יידיש לשון האָט אויפגעהערט צו זיין נאָר אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער סימן, נאָר האָט באַקומען אַ נשמה'דיקייט און כאַראַקטער פון פאָלק. אַלע מנהגים און שטייגערן, מעשיות, לעגענדעס, דאָס אָפּשפּרעכן פון אַ „גוט אויג", לייגן קנאָבל אויף מצבות, נאָכוואַרפן אַ שטיינדל ווען מען באַגעגנט אַ גלח אויפן וועג, די שיר המעלותן וואָס מען הענגט אויף איבערן בעט פון אַ קימפּעטאָרן, דאָס קריאת שמע לייענען דורך קינדער ביים בעט פון דער קימפּעטאָרן, דאָס אויסקאַטשן אייער אויפן פּנים פון אַ איבערגעשראָקן קינד, וכדומה — דאָס אַלץ וואָס ביי יידן אין קרעמעניץ פלעגט באַנוצט ווערן אין לעבן האָט באַקומען אין די מוחות פון דער יוגנט אַ תיקון פון אַ הויכן קולטור ווערט. אויך די יידישע אָרנאַמענטיק אין אותיות פון אַ ספר אָדער ספר־תורה, די אויף כלים, אויף מצבות, צי די צייכנונגען אויף חנוכה־קוויטלעך איז דערהויבן געוואָרן צו אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער חשיבות אין די אויגן פון דער יוגנט, בפרט ביי דער טיילווייז רוסיפיצירטער אַקאַדעמישער.

ש. אַנסקי איז געקומען קיין קרעמעניץ מיט זיינע צוויי באַגלייטער פון דער עקספּעדיציע ב. קיסעלגאָף, אַ לערער פון דער רעפאָרמירטער תלמוד תורה אין פּעטערבורג, (אָנגעפירט פונם ראַבינער ד"ר משה (מאיסיי) אייזנשטאַדט (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1942), וואָס האָט געזאַמלט יידישע נגינה און פאָלקס לידער, אַריינגעזונגענע אין פאָנאָגראַף, און י. יודאָווין, אַנ־סקיס קרוב פון וויטעבסק, אַ קינסטלער, ספּעציאַליזירט אין יידישער אָרנאַמענטיק, פלעגט אַלץ פאָטאָגראַפירן. געווען איזעס אין אַ פּרייטיק. איינגעשטאַנען זענען די געסט אין האָטעל פון משה מעלאַמעד, דורך אים האָט אַנ־סקי פאַרבעטן צו זיך דויד רוכל און הענעך געלערנט. מ. מ. איז אָפּנים געווען פאַרחידושט פון די געסט, וואָס קומען אַזש פון פּעטערבורג און רעדן צו אים אין יידיש.

„עפּעס מאָדנע יידן זענען געקומען. אין האָטעל בוך האָבן זיי אָנגעגעבן, אַז זיי זענען פּעטערבורגער. זיי האָבן אַפילו נאָך נישט באַוויזן זיך אַרומוואַשן פון אַזאַ ווייטער נסיעה און האָבן שוין געבעטן איך זאָל אייך רופן"... ווען ה. געלערנט האָט זיך געווייגערט צו גיין ווייל ער האָט חושד געווען, טאָמער זענען עס פאַרמאַסקירטע געהיים־אַגענטן, האָט מעלאַמעד באַשטאַנען מיטצוגיין באַלד מיט אים.

ביים איבערטרעטן די שוועל פֿונם צימער האָט ה. ג. דערזען דאָס אים פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיע באַקאַנטע פּנים. ש. אַנ־סקי האָט זער וואַרעם געענטפֿערט אויפֿן עליכם שלום. אינצווישן איז אָנגעקומען דויד ריכל. פֿון צווייטן צימער זענען אַריינגעקומען אַנסקיס מיטהעלפֿער ב. קיסעלגאָף און י. יודאָווין. מ׳האָט זיך געוויצלט איבער דעם מאָדערנעם רבי (אַנסקי) וואָס טראָגט נישט קיין שטריימל נאָר אַ הוט אויפֿן קאָפּ... עס זענען אַריינגעקומען די ברידער אָשר און סענדער מאַנוסאָוויטש און כינקע באַרשאַפּ. דאַן האָט אַנסקי אָנגעהויבן דערקלערן דעם ציל פֿון זיין קומען. ער איז אָבער איבערגעשלאָגן געוואָרן דורך אַ קלאַפּ אין טיר: דער בעל־הבית האָט געמאָלדן, אַז דער שטאָט־איספּראַווניק מיטן „נאַדזיראַטעל" און אַ „גאָרדאָוואָי" פֿרעגן זיך נאָך די געסט. אַ דערשראָקענער האָט ער געבעטן דעם גאַסט אַרויסצוגיין. אַנסקי איז אַרויס און זיך פֿאַרנומען מיט דער „נאַטשאַלסטוואָ" און די גרופּע האָט געמאַכט אַ ויברח... ביז זיי האָבן פֿאַרלאָזן דאָס האָטעל.

פֿאַרטיפֿט אינם שמועס האָט מען קוים באַמערקט דאָס אָנרוקן זיך פֿון דעם פֿרייטאָג צו־נאַכטיקן בין השמשות. אַנסקי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, און מיט נייגיר אַריבערגעקוקט אויף די שבת׳דיק אויסגעפּוצטע יידן וואָס גייען אין די בתי מדרשים. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ חוט של חסד. ער האָט געבעטן יודאָווינען אַוועקוואַרפֿן דעם פּאַפּיראָס.

ווי אַ וויכער האָט זיך אין שטאָט פֿאַרשפּרייט די ידיעה וועגן די מיסטעריעזע יידישע „שליחים"... געשיקט אַזש פֿון דעם מיניסטער אין פּעטערבורג... געוויינטלעך פֿלעגן די גאַסן פֿרייטאָג צו נאַכטס זיין אָנגעפֿילט מיט יונגעלייט, דאָס מאָל אָבער האָבן אַלע זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם האָטעל און געיואָרפֿן בליקן צום פֿענצטער. מען האָט מקנא געווען די גרופּע יחסנים... וואָס זענען פֿריי אַריין אין האָטעל. דאָס מאָל איז צו דער דערהאַנטער גרופּע צוגעקומען דער שערער סענדער ראָזענטאַל און שלמה דעם בעקערס זון יאַשע רויטמאַן.ביידע האָבן שוין געהאַט געוואַרט אין האָטעל. זיי האָבן זיך בשעת מעשה דערוווסט, אַז אַנסקי האָט אָפּגערעדט מיטן בעל־הבית ער זאָל אים ברענגען, שבת אין דער פֿרי אין דער חסידים קלויז; און אַז דער בעל־הבית איז אַוועק צו פּייסי דעם בלינדן, דעם שמש, אים אָנזאָגן, אַז דער גאַסט קלייבט זיך אין זיין קלויז, אויף שבת אינדערפֿרי. ווייטער האָט אַנסקי זיך אויסגעפֿרעגט אויף די חסידישע מנהגים אין קלויז און פּרטים וועגן חסידישן שטייגער. שטאַרק פֿאַרחידושט איז ער געוואָרן וועגן דעם שלום בית צווישן די חסידים, אַז דאָרט דאַווענען טריסקער, סטאָלינער, רוזשענער, הוסיאַטינער, טשערנאָבאָלער חסידים, און אַז אַלע דאַווענען מיט איין און דעם זעלבן נוסח. מיטן אויסנאַם פֿון די ראַדזינער, וואָס האָבן אַ אייגן שטיבל און טראָגן תכלת אין די אַרבע כנפֿות. וועגן דעם, אַז אויך משכּילים דאַווענען דאָרטן, האָט אים נישט געחידושט. נאָך אַ קורצער אונטערהאַלטונג זענען די יונגעלייט אינאיינעם מיט קיסעלגאָפֿן און יודאָווינען אַוועק אויף אַ שפּאַציר צום באַרג באָנאַ, ביים געזעגענען זיך האָט אַנסקי באַנוצט „אַ גוטן שבת", דערביי באַמערקט צו זיינע מיטאַרבעטער זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן אַנשטענדיק, וואָס דאָס האָט געמיינט, זיי זאָלן נישט רייכערן און נישט רעדן רוסיש... זיך פֿירן, הייסט עס, יידישלעך.

צווישן חסידים

יענעם שבת האָט אַנסקי פֿאַרבראַכט צווישן די חסידים. פּייסי דער שמש האָט אים געבראַכט אין קלויז אַריין. ווי צו אַ „גוטן יידן" האָבן הענט זיך געצויגן צו אים אָפּצוגעבן שלום עליכם. נחמן דער חזן און סופֿר האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אים אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה. מען האָט אים אַוועקגעזעצט ביי דער מזרח־וואַנט, צווישן דעם פּיעטריקאָווער רב סענדעראָוויטש און דעם גרויסן בעל סיפּור המעשיות בנציון האָפֿמאַן. צו קריאת התורה האָט מען אים אויפֿגערופֿן מיט ששי. נאָך איידער מען האָט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן מיט מוסף, האָט

פייסי דער שמש שוין געגרייט דעם גרויסן טיש נעבן אויוון צום קידוש, מיט אַ שניי־ווייסן טישטוך איבער דעם גרין־סאַמעטענעם. אַ חוץ אַלע מתפללים האָט נאָר איינער, שלמה אליהנקעס, דער אַלטער מלמד מיטן בלינדן אויג וואָס פלעגט מיט זיין באַסאָווער, שטענדיק בייזער שטימע אַלעמען מוסרן, זיך אויסגעדריקט, אַז דער גאַסט, איז מן הסתם אַ פאַרשטעלטער בעל דבר.

דער דאָזיקער שבת האָט פאַר אַנסקין געעפנט דעם צוטריט צו אַלע מיני כלי־קודש, אויף צו שעפן ביי זיי אוצרות פון פאָלקלאָר, נגינה. אויך האָבן די מענטשן זיך נישט קעגנגעשטעלט די אויף זיי דורכגעפירטע אַנטראָפּאָלאָגישע אויסמעסטונגען. עס איז אים אויך גרינג אָנגעקומען צו באַקומען ביי די גבאים פון דער גרויסער שול צוויי גאָר אַלטע קופּערנע הענג־לייכטער, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין עטנאָגראַפישן מוזיי אין פעטערבורג.

אַ גאַנצע ריי פון חסידישע ניגונים און תפילות האָט אַריינגעזונגען דער קאָטערבורגער חזן, און בפרט, די בטעם׳טע נגינה פון דעם חזן מטות קאָפּ. מיט זיי האָט אַנסקי שעהנלאַנג פאַרבראַכט. אויך דער חזן פונם קאָזאַצקע בית מדרש האָט נישט פאַרפעלט. אמת נאָר צוויי ניגונים...

אין דער גרויסער שול האָט אַנ־סקי געפראַוועט פאַרנאַכטיקע יאָרצייט־טישן. דאָרט האָט ער געפּאַמפּעט מעשיות פון מענדל דעם שמש. אַזוי אויך פון יאָסל חיים הענעכס (פרידמאַן) אין חסידים קלויז. ער האָט דורך זיי גענאַשט וועגן אַלטע קברים און מצבות אויפן בית עלמין, וואָס איז אים שטאַרק צונוץ געקומען. ער, יאָסל, האָט דעמאָלט נאָכדערציילט אַ וויץ פון יצחק בער לעווינזאָן׳ס אַ כלומרשטן חלום וועגן דעם מלאך דומה און זיינע קטיגורשע טענות צו אַ חסידישן רבין אויף יענער וועלט, און אַז מנצח געווען דעם מלאך דומה האָט דווקא ליטוואַק, וואָס האָט אין צוואה אָנגעזאָגט, אַז נאָך זיין טויט זאָל מען אים מקבר זיין מיטן פנים אַראָפּ, אַזוי, אַז דער מלאך דומה, איז געבליבן אַ אָפּגעחוזקטער, ווען ער האָט דעם מת געפרעגט מה שמך... אָט די מעשה זאָל האָבן צירקולירט אין קרעמעניץ, פונם מויל פון לעווינזאָנען, אויף אָפּחוזק׳ן פון די חסידים.

אין דער צייט ווען אַנסקי איז געווען פאַרטאָן מיט חסידישע זאַמלונגען, האָבן די יונגעלייט געאַרבעט אויף אַן אַנדער פעלד. מען האָט געזאַמלט, פאַרצייכנט פאָלקס־לידער, געבראַכט די פאָלקס מענטשן אַריינצוזינגען פאָלקס־מאָטיוון אין פאָנאָגראַף. גאַנצע העפטן מיט פאָלקס־מעשיות האָט מען דעמאָלט פאַרשריבן. דאָס יידישע פאָלקס־ליד האָט פון דעמאָלט אָן באַקומען גרויסע חשיבות, מען האָט קולטיווירט שטאַרק יידיש געזאַנג. פאַרגוויישטע נעמען פון דער אַקאַדעמישער יוגנט זענען געוואָרן פסול. אין דעם פרט פלעגט מען באַנוצן דאָס יידישע ווערטל: ער וויל דעם רוח נישט זען, ווייל ער וויל קיין קריאת שמע ניט לייענען.

אויפן אלטן בית-עלמין

אויף אַ זייער דעליקאַטן אופן האָט אַנסקי זיך דערשלאָגן צו אַ הכשר אויסצוגראָבן אַלטע מצבות. דאָס איז געווען, בעת אַ שמועס מיט יידן אין דער גרויסער שול, ווען ער האָט אַ זאָג געטון, אַז דער מהר״ל מפּראָג׳ס קרובים ליגן אויפן אַלטן בית עולמין. פאַר די מיטשמועסער איז דאָס געווען אַ גרויסע אַנטפּלעקונג פון יחוס. מיט דעם וועכטער פון דעם הייליקן אָרט, מרדכי חיים יאָס פון דער חברה נושאים (אין קרעמעניץ פלעגט מען טראָגן דעם מת צו קבורה) האָט מען זיך אָוועקגעלאָזט זוכן די סימנים פון אַלטע קברים, איינגעזונקענע מצבות. אַנסקי איז געווען אַ מאַדים צו געפינען אַזעלכע סימנים. וועגן דעם וועט די רייד זיין שפּעטער, אין שטעטל זישנעוועץ. איבער פאַרוואָקסענע, צעגויפגעקנוילטע דערנער האָט מרדכי געפירט און מיטאַמאָל האָט אַנסקי אַ ווונק געטון אויף איינעם אַ אָרט, אַז דאָ מוזן זיין די גאָר אַלטע קברים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קבר ניט ווייט פון י. ב. לעווינזאָנס און מרמז געווען אויסצוגראָבן די מצבה.

מרדכי האָט זיך גענומען האַסטיק פאַר זיין לאַפּאַטע. אָבער אַנסקי האָט אים אָפּגעשטעלט. אַליין גענומען גראָבן, צו באַווייזן אים וויאַזוי מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק ביים גראָבן. און עס איז געשען דער נס: מען האָט געפונען אַ מצבה פון רבי שמשון, דער ברודער פונם מהר״ל און אַ ריי אַנדערע. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בולט־שריפט האָט זיך אָפּגעהיט בשלימות. יודאָווין האָט באַלד די און אַנדערע מצבות פאָטאָגראַפירט. ער איז גאָר געווען באַגייסטערט פון דער אָרנאַמענטיק. אויך רבי שמשון׳ס שוועסטער איז דאָרט געפונען געוואָרן.

ביים אַריינגאַנג אויפן בית עלמין איז געווען אַ מין אוהל אַרום דעם ארון פונם צדיק רבי מרדכי׳לה, איז דער ארון געווען פון אינווייניק אָנגעלייגט מיט „קוויטלעך״ וואָס יידן פלעגן אַריינוואַרפן, בעתן גיין אויף קבר אבות. דער אוהל איז געשטאַנען אין אַ אויסגעבויט שטיבל, ווו מען האָט יעדן געבראַכטן מת אַוועקגעשטעלט, איידער מען האָט אים „געטון זיין רעכט״. אויך דאָס שטיבל און די אינעווייניקסטע קברים אַרום זענען פאָטאָגראַפירט געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן, האָבן די יונגעלייט, וואָס פלעגן תשעה־באב אָפּהאַלטן זייערע אומלעגאַלע פאַר־זאַמלונגען נעבן י. ב. לעווינזאָנס קבר, נישט מער טרעטן אויף די צוימען פון די שכנותדיקע קברים, אויך זיך נישט אַוועקזעצן אויף די הילצערנע טרעפּלעך וואָס פירן צום אַלטן שטיבל. ווי דער עדות פונם חורבן קרעמעניץ, ב. שוואַרץ דערציילט, האָבן די היטלעריסטישע מערדער מורא געהאַט אָפּצערוימען דאָס שטיבל, בעת זיי האָבן ליקווידירט דעם גאַנצן בית עלמין...

יידישע פּאַטאַנשטשיקעס ווילן פירן אנסקין

אַ שווער „לייענען״ האָט ש. אַנסקי געהאַט אויסצושטיין, ווען ער האָט זיך פאַרנומען צו פאָרן אין דעם שטעטל ווישנעוויץ. ער האָט דווקא געוואָלט מיטגיין מיט זיין באַגלייטער, דער שרייבער פון די שורות, צו באַשטעלן אַ פּאַטאָן. זיין כוונה דערביי איז געווען, אַ קוק טאָן אויף די יידישע בעלי־עגלות וואָס פלעגן זיצן אויסגעזעצט אויף די פּאָדערשטע טרעפּלעך פון דוויד זייגערמאַכערס הויז.

אַרויס איז מען פון שטאָט, ווען דער טאָג האָט זיך אָפּגעקילט. דער פּאַטאָנשטשיק האָט אַ זאָג געטון צו זיינע סוסים :—„אַני קונדסים, געפּאָרן זאָל ווערן אויף פּאַרע, מיט א גרויסן ויברח״...

ס׳זאָט אָנגעהויבן צופאַלן דער בין השמשות, ביים עק פונם באַרג אַראָפּ האָט זיך באַוויזן אַ איינציק שטיבל אויף אַ ברייטן נאַקעטן פּליין. די פערד האָבן זיך מיט אַ פּלוצלומדיקער איילעניש געטראָגן און דערנענטערט צום שטעטל. דער פּאַטאָנשטשיק צוקומענדיק צו דער אכסניה איז אַראָפּ פון דער קאָזלע, אַריינגעשריגן אַהין אַז גרויסע געסט פון פּעטערבורג האָט ער געבראַכט. אין איין הרף עין איז געוואָרן אַ אָנגעלויף פון קינד און קייט. איינער, אַ נידעריק־ווּקסיקער האָט זיך דורכגעשטופּט, און מיט אַ „זדראַסטוויטע״ דערלאַנגט אַנסקין אַ ברוך הבא. דאָס האָט דער לערער פון דער קרוין־שול, בערגער, זיך פאָרגעשטעלט און פאַרבעטן די געסט צו זיך אויף נאַכטלעגער. אַ גאַנצע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן נאָך די געסט און באַגלייט צום לערער אין דער שול. דער לערער וואָס איז אינצווישן ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן, איז אין אַ ווײַלע אַרום געקומען מיט אַ ביכל אין האַנט, און באַוויזן אַנסקין זיין בילד, דערקלערנדיק, אַז דאָס ליד בילד האָט ער געלערנט מיט זיינע תלמידים.

איבערגעריסן דעם באַקאַנטשאַפט־שמועס האָט אַן אויסגעדאַרט יידל אין אַ לאַנגן פאַרסמאָלצעווען כאַלאַט, דאָס איז געווען ווי מען האָט אים גערופן אברהם׳צע דער חזן שני. ער איז געקומען אָפּגעבן שלום און פאַרבעטן די געסט צו מנחה־מעריב אין דער אַלטער שול. אַנסקי האָט אים וואַרעם געדאַנקט און אין זיין באַגלייטונג איז מען אַוועק אין שול. שוין דער דרויסנדיקער אויסזען פון דער שול האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז אַלט ווי דאָס שטעטל גופא.

פון דער סקריפּנדיקער הי׳לצערנער שווערער טיר ביים אַריינגאַנג אין פּאָליש האָט אַראָפּגעהויכט אַלטערטימליכקייט, ווי פון די אַלטע טויערן פון פּאַרצייטיקע „שלעסער״ פון דעם גראַף ווישנעוועצקעס צייטן. ווי אין אַ קעלער האָט מען זיך באַדאַרפט אַנבויגן ביים אַריינגאַנג אין פּאָליש. די זייטן־ווענט אויסגעקרימט פון דער שווערער משא אויף זיי פונם אַלטן געלאַטעטן שינדל־דאַך, נאָר די מזרח וואַנט איז געווען אַ גלייכע, די פאַררויכערטע לאָמפּן־גלעזער האָבן פאַרטונקלט די צאַנקנדיקע פלעמלעך אין זיי. גרויקייט און חושך האָבן געווייעט פון די מתפללים.

בעת דער עולם האָט זיך געשאָקלט האָט אַנסקי אָנגעדייטעט זיין באַגלייטער וועגן פאַרבעטן אברהם׳צען נאָכן דאַוונען צו זיך אינם גאַסט־הויז. בשעת מעשה האָט ער גענישטערט מיט די אויגן די מזרח וואַנט. דאָ האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זיין געוואַלדיקער חוש ווי פון אַ געניטן פאָרשער. נאָכן דאַוונען האָט אַנסקי מכבד געווען דעם עולם מיט בראָנפן און צובייסן. בשעת מעשה האָט ער זיך דערוווסט, אַז די מזרח־וואַנט איז מיט יאָרן צוריק איבערגעבויט געוואָרן און, על פי מסורה, האָט מען אַהין אַריינגעבויט „עפּעס״ אַ אַלטן שטיין, אַ הייליקייט.

פאָלקס־מעשיות

אין הויז פון דעם לערער בערגער איז דער טיש געווען געדעקט מיט כיבוד.

אַנסקי האָט אַליין מכבד געווען די געסט מיט טיי פונם טיש־סאַמאָוואַר. ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן דעם לעבן פון די יידן, ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דער וואָס איז געקומען מיט אברהם׳צען איז דער „לץ״ פון שטעטל. דאָס איז געווען דער בדחן, פריילעכער קבצן. אויף אַ רמז פון אַנסקי איז געבראַכט געוואָרן בראָנפן מיט הערינג און אייער־קיכלעך, און אַ פרישער סאַמאָוואַר טיי. ער האָט געשעפּט פון אברהם׳צען גאַנצע קוואַלן מיט מעשיות, זיין מיטהעלפער האָט געהאַלטן אין איין פאַרשרייבן. פאַנטאַסטיש רייך זענען געווען די מעשיות פונם בדחן וועגן די שוואַרצע כוחות וואָס פלאַטערן אַרום דער חתן כלה אין דער נאַכט ערב דער חופה, וועגן די מכשפות מיט צעפּאַטלטע לאַנגע שוואַרצע האָר, וועמענס טומאה עס ווערט אָפּגערייניגט אין דער טבילה פון חופה־טאָג. רבי אברהם׳צע ווידער האָט געשאָטן מיט סגולות פון רבי לייב שרה׳ס קוואַל, נעבן דעם שטעטל, פון וואַנען מען פלעגט שעפּן רפואה־וואַסער פאַר קראַנקע יידן, רחמנא ליצלן. יידן זענען אפילו אַמאָל אויפגעריכט געוואָרן פונם פריץ פאַר אָפּראַטעווען זיינע אַ טאָכטער וואָס איז געווען אַ נוטה למות, קיין שום דאָקטאָר האָט איר נישט געקענט העלפן און נאָר דאָס וואַסער פון דעם קוואַל האָט זי געראַטעוועט... אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דעם פאַרשרייבער אָנגעהויבן גרוילן דער קערפּער, ווען פון אברהם׳צעס מויל האָבן זיך צעשפּרייט גאַנצע מחנות שדים און כלערליי רוחות וואָס פלעגן פייפן אין די קוימענס פון די הרובעס אין אַ געוויסער ווינטער נאַכט, וואָס צומאָרגנס האָט באַדאַרפט זיין אַ ברית. דער תוך פון דער מעשה איז געווען וועגן בעל ברית וואָס איז געפאָרן קיין קרעמעניץ נאָך אַ געניטן מוהל. ער האָט באַדאַרפט מיט אים אָנקומען צו דער קריאת שמע נאַכט. כאָטש דער וועג אַהין און צוריק איז אים געלעגן אויף דער האַנט ממש, האָט ער גאָר אויפן צוריק־וועג פאַרבלאָנדזשעט. די נאַכט איז געווען אַ חושכדיקע. בעתן פאָרן אַ היים האָט זיך אים געדוכט, אַז אין פראָנט פאַר אים האַלט מען אין אויסשרייען וויאָ, וויאָ, אין דער לופטן הערט זיך אַ שטאַרק סווישטשען מיט לאַנגע בייטשן. אַזוי איז ער די גאַנצע נאַכט נאָכגעפאָרן נאָך אַ־דעם סווישטשען אין דער לופט. אַרויסבאַוויזן האָט זיך אינם פאַרטאָג, אַז ער האָט זיך געדרייט די גאַנצע נאַכט, אַרום נאָר איין ווינקל, אַזאַ, וואָס על פי מסורה איז עס אַ פאַרפירעריש פונם סמ״ך מ״ם... אין יענער וואַך־נאַכט האָבן די שדים זיך געריסן צו דער קימפּעטאָרן דורכן קוימען אַוועקצורויבן דאָס קינד און די קימפּעטאָרן האָט זיך צעשריגן אויף קולי קולות, זיך געראַנגלט מיט זיי. אין יענער וואַך־נאַכט האָט אַ מנין יידן נעבן

די אויפגעהאַנגענע שיר המעלותן אויף די אַרומגעהאַנגענע ליילעכער אַרום דעם בעט פון דער קימפּעטאָרן געלערנט אַ גאַנצע נאַכט, און די שדים זענען פאַרטריבן געוואָרן. ערשט נאָכן פראַווען פון חצות, ווען דער פאַרטאָג האָט געשאַריעט, האָט זיך באַוויזן דער מאַן מיטן מוהל, מעז האָט דעם בעל־ברית אָפּגעגעבן מזל טוב און מען איז אינאײנעם מיטן מוהל אַוועק אין מקוה צו טבילה, די טומאה אָפּצווײיניקן.

אויף אַנסקיס בלאַסן פּנים האָבן זיך אויסגעלייגט מאָדנע פייערלעך. אברהם׳צע האָט די מעשה דערציילט מיט אַזאַ כשוף־קראַפט, אַז מען האָט ממש דערזען דעם „ניט־גוטן״... פאַר אַ עדות וועגן דער אמת׳דיקייט... דערפון, האָט ער אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ נאָך לעבעדיקער זקנה, פון העכער הונדערט יאָר, וואָס לעבט נאָך, און טאַקע אויף מאָרגן האָט מען אים געפירט אַהין צו איר.

אין דער שפּעט נאַכט, נאָכן „פאַרבייסן״ מיט אַ ביסל משקה, האָט דער בדחן אויסגעלעגט זיין לעקסיקאָן אויף אַ פאַרשטעלטן לשון מיט ליצנות. אברהם׳צע ווידער האָט אים נישט געלאָזט זיך אויסשפּרייטן... און ער האָט בכיוון אָנגעהויבן אַ נייעם שמועס וועגן דער מזרח־וואַנט פון דער שול. איצט האָט דער געניטער אַנסקי זיך דערגריבלט ביז ער האָט אַרויסבאַקומען פון אברהם׳צען, אַז נאָר דער פּאָליש איז געבליבן אַ זכר פון דער אַלטער שול. דאָס האָט אַנסקין געפירט אויפן געדאַנק בודק צו זיין די ווענט פונם פּאָליש. כך הוה. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער אין איינער פון די פּאָליש ווענט מיט די פינגער ממש אויסגעטאַפּט אותיות אין אַ ווינקל־שטיין, אַנסקי אַליין האָט זיך געפּאָרעט אַרום אים, ביז ער האָט אים אַרויסגענומען פונם איינגעמויערטן ווינקל. לויט אברהם׳צעס רייד זאָל מען האָבן איינגעמויערט אַזאַ שטיין אין דער מזרח־וואַנט. ס׳איז אָבער געווען קלאָר, אַז צו דערגרונטעווען צום מזרח וועט זיין זייער אַ שווער „לייענען״. נאָך אַ ישוב הדעת האָט אַנסקי אָפּן געזאָגט די גבאים, אַז מען וועט מפייס זיין פאַר די שול־הצטרכותן. די בעלי־בתים האָבן זייער רשות געגעבן, בתנאי, אַז מען זאָל חלילה, נישט דאַרפן צעוואַרפן די גאַנצע וואַנט. און אַנסקי האָט אַרויסבאַוויזן ממש ווונדער. ווי אַ כשוף־מאַכער האָט ער אויסגעטאַפּט די וואַנט און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ווינקל און אַ זאָג געטון: אָט־דאָ איז עס. ווי אַ געניטער כירורג האָט ער געפירט מיט דער רעכטער האַנט די שאַרפע זייט פון שרויפן־ציער. נאָך אַ קורצער צייט האָט אַנסקיס פּנים זיך צעשיינט, האַלטנדיק דעם שטיין אין האַנט ווי אַ אבן טוב. נאָכן זויבערן דעם שטיין מיט אַ כעמיש פליסיקייט, האָבן זיך אַרויסגעהויבן אותיות, וואָס זאָלן האָבן מרמז זיין אויף שדי און אפרים. מען האָט מנדב געווען אַ שיינע נדבה פאַר דער שול. און ביידע שטיינער האָט אַנסקי באַקומען פאַרן מוזיי אין פּעטערבורג. פאַר איין וועג האָט ער שוין אויך אָפּגעקויפט אַ פּאָר אַלטע הענג־העסעס, קופּערנע, מיט אויסגראַווירטע פּיסלעך פון אַ פּאַווע.

פאַר אַנסקין איז דער אברהם׳צע געווען ממש אַ אוצר. אין שמועסן מיט אים איז ער געווען זייער געוואָרנט אויפן וואָרט, כדי נישט צו פאַרלירן זיין צוטרוי. מאַכט זיך אַ מכשול דורך אַ נישט פאָרזיכטיקער פראַגע פון האָכגעלערנטן צו אברהם׳צען. דער פרעגער האָט אויפן וועג צום בית עלמין געוואָלט דערגיין ביי אים, צי ער ווייסט פון אַ מצבה פון יצחק בער לעווינזאָנס פרוי. „איר מיינט, האָט אברהם׳צע סאַרקאַסטיש זיך געאויסערט, דעם קרעמעניצער חוצפה׳דיקן אַפּיקורס, די ביינער זאָלן אים דאָרט... אַנסקי האָט די גאַנצע זאַך „פאַרווישט״ מיט אַ שאַרפן זאָג: ווייס איך וואָס די פאַרשייטע, היינטיקע יונגע „פריצן״ פאַלט איין, צו פלוידערן. און האָט פאַרפירט דעם שמועס וועגן דעם בית עלמין, וואָס דאַרף זיין אַ אַלטער. דאָ איז אברהם׳צע אַריין אין זיין ראָלע פון נאָכדערציילן מסורת.

„עס זאָלן דאָרט זיין קברים, ווי מ׳זאָגט, פון אַזוינע, וואָס זענען געווען אויף דער אסיפה פון

ועד ארבע ארצות, אויפן יאַריד אין יאַראָסלאַוו״. ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז מפני כבודו של המה, מעג מען, אויב מען וועט געפינען, אויסגראָבן אַזאַ איינגעזונקענע מצבה.

אויפן בית עלמין האָט אברהמ׳צע געפירט צו די אַלטע פאַרוואָקסענע מיט מאָך מצבות. גראָבנדיק אויף אַ געוויסן אָרט, האָט אַנסקי געפרוווט אָפּווענדן דעם בליק פון אברהמ׳צען אויף אַ דערווייטערטן אָרט, וואָהין ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן. אויף דער מצבה האָט זיך טאַקע געפינען לעזיונזאָנס אַ שיר אויף זיין פרוי. די אָרנאַמענטיק איז געווען פון צוויי הענט בייב ליכט בענטשן. נאָכן פאַרלאָזן דעם בית עלמין, האָט מען זיך שפּעטער, שוין אָן אברהמ׳צען צוריקגעקערט מיט אַ פאָטאָגראַף און אַ רייע מצבות פאָטאָגראַפירט.

צום סוף איז כדאי צו דערציילן פאַרוואָס אַנסקי האָט פון אַלע שטעטלעך אַרום קרעמעניץ אויסגעקליבן נאָר ווישנעוועץ.

דאָסדאָזיקע שטעטל איז נאָך אין 18־טן יאָרהונדערט געווען באַרימט מיט די קונסט־„שלעסער״, וואָס די פירשטן פון דער משפחה ווישנעוועצקי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט. באַזונדער איז געווען באַרימט דער „שלאָס״ פון יערעמיע ווישנעוועצקי, וואָס האָט געוועלטיקט איבער גרויסע שטרעקעס און קנעכט־אַרבעטער אין פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער, פּאָדאָלער און וואָלינער געגנטן. ער האָט מיט אכזריות אונטערדריקט די פּראַוואָסלאַווע קירך. ער איז געווען איינער פון די שווידערלעכע אונטערדריקער פון די אוקראַינער, צוליב וועלכן עס איז אויסגעבראָכן דער בל טיקער כמעלניצקי אויפשטאַנד.

דער ווישנעוועצער „שלאָס״ פון דעם פריץ ווישנעוועצקי האָט געשמ׳ט מיט מוזייאישע אַנטיקן און געמעלן פון גרויסער יקנסטלערישער חשיבות. דעם קרימער כאַנס טאָטערן, בעת זיי האָבן פאַרנומען ווישנעוועץ האָבן זיי דעם מוזיי געשעאַנעוועט. שפּעטער, ווען נאָך זיי האָבן די טערקן פאַרנומען דאָס שטעטל, האָבן זיי דעם „שלאָס״ חרוב געמאַכט. ער איז שפּעטער רעקאָנסטרואירט געוואָרן פון יאַן סאָביעסקי.

דוד רויכל (וואַרשע)

ווי מ׳האָט אַמאָל פאַרשפּרייט יידישע ליטעראַטור

(אַ בלעטל זכרונות)

געווען איז דאָס זומער 1909. איך בין דאַמאָלט געקומען אויף זומער פעריען פון אָדעס, ווו איך האָב געלערנט, קיין קרעמעניץ. אין אָדעס בין איך געווען אַ מיטגליד פון אַ „קרייזל״, און קומענדיק צוריק אין מיין היימשטאָט, האָב איך געוואָלט עפּעס וואָס אויפטאָן.

איך האָב דאַמאָלט געהאַט פאַרבינדונגען מיט נאָך אייניקע חברים־שילער פון אייניקע שטעט אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניע, און געפרוווט איינשטעלן אַ מין פאַרבינדונג, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו פאַראינטערעסירן די יוגנט אין די שטעט און שטעטלעך מיט דער טעטיקייט פון די „וועסטניק זנאַניאַ״ קרייזלעך.

שוין גלייך ביי די ערשטע שריט אינדזערע האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ אומדער־וואַרטעטער שוועריקייט: מיר זענען געווען האַלב און גאַנץ אַסימילירט, און ס׳איז אונדז גאָר אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַז אַ־נדזער אַרבעט אויב מיר ווילן נאָר זי זאָל האָבן אַ פּעולה צווישן די יידישע מאַסן, דאַרף געפירט ווערן אויף יידיש.

מיר האָבן געוויינלעך אויסגעשריבן אַ גאַנצן פּאַק ביכער פון „וועסטניק זנאַניאַ״, בראַשורן

פון דעם שוין דאַן ליקווידירטן פאַרלאַג פאַנאַמאַראַוואַס „דאָנסקאַיאַ רעטש", גאַרבונאָור־פאָסאַדאָווס „פאָסרעדניק" און אויך די זאַמלביכער געווידמעט דעם לעבן און שאַפן פון די פאַרשיידענע פעלקער אין רוסלאַנד, וואָס זענען דערשינען אונטער ש. אַנסקיס רעדאַקציע. מיט אָט דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור האָבן מיר געוואָלט אָנהויבן אונדזער טעטיקייט. אָבער ביים סאַמע אָנהויב האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ מאָדנע שטערונג. די ביכער האָבן די וואָס מיר האָבן געוואָלט אַז זיי זאָלן זיי נעמען, נישט גענומען. דער ענטפער איז געווען אַ פשוטער: מיר קענען נישט קיין רוסיש...

איך האָב דאַמאָלט גלייך געשטעלט די פראַגע, אַז מען מוז געפינען צו דעם אַן עצה און פאָרגעלייגט, מיר זאָלן זיך צונויפשרייבן מיט דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" אין פעטערבורג, זי זאָל אונדז רעקאָמענדירן, וואָס מיר האָבן אין אַזאַ פאַל צו טאָן. אייניקע האָבן זיך קעגנגעשטעלט און פאָרגעלייגט, אַז פיל גלייכער וואָלט געווען צו לערנען די אַרבעטער רוסיש, נאָר סוף־כל־סוף האָט מען באַשלאָסן, אמת מיט אַ שווער געמיט, אַריבערצוגיין צו אַרבעטן אויף יידיש.

אויף אונדזער ווענדונג קיין פעטערבורג האָבן מיר גלייך באַקומען אַן ענטפער, אין וועלכן מען האָט אונדז רעקאָמאַנדירט זיך פאַרבינדן מיט דעם זשורנאַל „לעבן און וויסענשאַפט" אין ווילנע.

אויף ווי־ווייט מיר זענען נישט געווען באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור קאָן דינען דער פאַקט, אַז די ידיעה, אַז עס עקזיסטירט אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „לעבן און וויסענשאַפט" — אַ מין אָנצוהערעניש פון קרובהשאַפט צו דעם נאָמען „וועסטניק זנאַניאַ" — האָט אונדז געטראָפן ווי אַ באָמבע... מיר האָבן גלייך אַרויסגעפאָדערט אַ פראָבע־נומער פון דעם זשורנאַל. באַקומענדיק דעם נומער, בין איך גלייך מיט אים אַוועק צו מיינס אַ חבר הירש יאשפע, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטן (געפאַלן אין דער מלחמה) און אים געבעטן, ער זאָלט מיט מיר איבערליינען דעם זשורנאַל, עס איז מיר דאָ געגאַנגען מער אין דעם איינדרוק, וואָס דער זשורנאַל וועט אויף אים מאַכן. מיר האָבן אויך איינגעלאַדן שמערל פעלדמאַן, אַ פועלי ציוניסט (זיך געסאַמט אין יאָר 1910) — און גלייך ביים באַקאַנען זיך אויבנאויפיק מיט דעם פראָגראַם־אַרטיקל און מיט דער כראָניק אין דעם „שפרעך־זאַל", איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן געפונען דאָס, וואָס מיר דאַרפן.

איך האָב אַוועקגעלייגט די רוסישע ליטעראַטור און זיך גלייך גענומען מיט עקשנות לערנען יידיש און לייענען מיט דעם גרעסטן ערנסט די יידישע ליטעראַטור. איך האָב אַרום מיר גרופירט עטלעכע חברים און ס׳איז אַוועק אַן אַרבעט. דער זשורנאַל „לעבן און וויסענשאַפט" איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין קרעמיניץ אין אַ צאָל פון 34 עקזעמפּלאַרן. מיר האָבן פאַרשפרייט דעם זשורנאַל אויף אַזאַ אופן: מען האָט באַקומען די הסכמה פון איינעם אַז ער וויל אַבאָנירן דעם זשורנאַל, און גלייך אויף זיין אַדרעס אים באַשטעלט. דאָס געלט פלעגן די אַבאָנענטן (100 פראָצענט אַרבעטער) אויסצאָלן ראַטעסווייז צו 10 קאָפּיקעס אַ וואָך. און אַז דער דאָזיקער פרווו האָט זיך איינגעגעבן, האָט מען שוין אויך אָנגעהויבן פאַר׳שפרייטן די ווערק פון מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, שלום אַש א. אַנד. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער בוכהאַנדלונג ש. שרעברעק אין ווילנע, שפּעטער מיט „צענטראַל" אין וואַרשע. באַקומען דעם גרעסטן ראַבאַט (40 פראָצענט), געצאָלט פאַר די ביכער במזומן — אין דעם זעלבן ראַבאַט געגעבן אויך די קויפער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו ווערבירן אַ סך קויפער, וועלכע פלעגן באַקומען די ביכער און אויסצאָלן קאָפּיקעסווייז, כאַראַקטעריסטיש איז דערביי צו פאַרצייכנען, אַז פון קיין „נישט באַצאָלן" האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. עס איז אַפילו געווען אַ פאַל, ווען איינער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע — האָט ער גלייך פון דאָרט אָפּגעשיקט זיין חוב.

דעם פאָנד, דעם אָנהויב־פאָנד, האָט מען געשאַפן צווישן אייניקע פאַרמעגלעכע פריינד. מען

פלעגט אויך אָפט מאַכן אַ הלוואה. די פּעולה וואָס די דאָזיקע אַרבעט האָט געהאַט האָט אויפגע־מונטערט, צוגעגעבן חשק, און מיט דער צייט האָט כמעט יעדער אַרבעטער — פון די מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע — געהאַט זיין אייגן ביבליאָטעק, דער עיקר האָבן זיך אין דעם פּרט אויסגעצייכנט די שניידערס, די ברידער מיכל און לעמעל שערמאַן (איצט אין רוסלאַנד), דער „קרומער״ מיכל באַרשאַפּ א. אַנד. שפּעטער זענען צוגעקומען די ברידער סענדער און אשר מאַנוסאָוויטש (איצט אין שיקאַגאָ,ביידע יידישע קולטור־טוער) — און די אַרבעט האָט זיך נאָך מער פאַרצווייגט.

דער זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט״ איז פאַר אונדז געוועזן אַ לערער און וועגווייזער. די אָרעמע דינע העפטלעך, וואָס פלעגן דערשיינען זייער נישט רעגולער, האָבן אונדז געליפערט מאַטעריאַל פאַר דער בילדונג־און־אויפקלער־אַרבעט. די בעלעטריסטיק האָט אונדז אַמווייניקסטן אינטערעסירט און אָנגעגאַנגען. אין יענע יאָרן זענען אַזעלכע אַרטיקלען, ווי בלומשטיינס און רודניאַנסקיס וועגן פילאָסאָפיע, יידישע שפּראַך־פּראָבלעמען, די איבערזעצונגען פון עלען־קער, א. א. אַרטיקלען וועגן יידישער גראַמאַטיק און וועגן לאַטיינישן אלף־בית פאַר יידיש פון ד״ר ז׳ (ד״ר זאַמענהאָף, דער שעפער פון עספּעראַנטאָ), די פאָלקסטימלעכע, פּשוטע מאָנאָגראַפיעס פון א. ליטווין וועגן א. מאַפּו, י. ב. לעווינזאָן, א. מ. דיק, שמ״ר א. א. וו., די היסטאָרישע אַרטיקלען פון ח. שויס און ג. הורוויץ, די אָפּהאַנדלונגען פון ש. ניגער, די איבערזיכטן, דער „שפּרעכזאַל״ — דאָס אַלץ איז געווען פאַר אונדז אַ נייעס, און מיר האָבן זיך צוזאַמען מיט אונדזערע חברים־אַרבעטער געלערנט אויף זיי, זיך דערצויגן אויף זיי.

ס׳איז שוין דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס דער זשורנאַל האָט ביי אונדז געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, אויסער די „ליטעראַרישע מאַנאַשטריפטן״, דעם ריין־קינסטלערישן זשורנאַל, וואָס איז נישט געווען אויסגערעכנט אויף דעם מאַסן־לייענער — איז „לעבן און וויסנשאַפט״ געווען צוגעפּאַסט צו די צילן וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט.

„קרעמעניצער שטימע״, 12.8.1932

ה. ג.

די לוויה פון אַ ספר־תורה

געשען איז עס אין אַ אייז־פראָסטיקן ווינטער־טאָג, אין יאָר 1909—1910.

די בעדריק קלויז מיט די פון האַלץ־פאַלירטע איינריכטונגען, דער גאַנצער ארון־קודש מיט די ספרים, אַלץ איז אויפגעגאַנגען אין פלאַמען. יידן האָבן זיך מוסר נפש געווען צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך פון די ספרי תורות. נאָר קליינע פאַר׳שרפה׳טע טיילן האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוכאַפּן פון די פייער־צונגען, און זיי אָפּלעשן אין דעם צעמאַלענעם שניי. אויך שטיקלעך טליתים. אין זיי האָט מען די פאַרסמאַלעטע יריעות איינגעוויקלט.

איינגעבראַכן, אַ צענויפגעקאָרטשעטער איז געשטאַנען דער גבאי, אבא צוקערמאַן. זיין געוויינלעכע באַסאָווע שטימע האָט זיך געשטיקט אין די ווערטער — נפלה עטרת ראשנו. און ער האָט ביטער געוויינט. כורעים׳דיק זענען יידן געשטאַנען אַרום די פאַרברענטע „הייליקייטן״ איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך. די גאַנצע שטאָט האָט געשטראָמט צום פאַרברענטן מקום קדוש.

דעם רב׳ס שמש האָט געבראַכט הויכע ערדענע כלים די „הייליקייטן״ אַריינצוטון. אינם הויז

פון רב האָבן זיך צונויפגענומען דער דיין, רבי הערצעלע, די שטענדיקע מקורבים, די לומדים: יאָסל, חיים הענעכס (פרידמאַן), משה וועליס, דער שטענדיקער בורר אויף דין תורות, שלמהלע (דיטון), דער למדן פונם חסידים שול, לייבעלע שוחט, דער שטענדיקער בעל יועץ פונם רב אין פּסקענען שאלות, און נאָך און נאָך. אַ באַרג מיט ספרים איז געלעגן אויפן טיש, ווען מען האָט זיך מפלפל געווען וועגן אופן פון גניזה, אָדער קבורה... מיטאַמאָל איז געוואָרן בית־עלמינדיק שטיל. פון זיין חדר מיוחד איז אַריינגעקומען דער רב, אָנגעטון אין אַ שוואַרץ טוכענער קאַפּאָטע, אַרומגענומען מיט אַ ברייטן גאַרטל און שטריימל אויפן קאָפּ. זיין פסק איז געפאַלן: די מתעסקים מיט דער גניזה דאַרפן זיך טובלען. יעדן ערדנעם קרוג פאַר די יריעות דאַרף מען טובל זיין אין מם סאה, מיט דער כוונה פון טבילת־ברכות. דער טאָג פון דער גניזה איז אַ תענית ציבור. אַלע קלייטן דאַרפן זיין געשלאָסן. יידן דאַרפן אָוועקלייגן זייער מלאכה. די תינוקות של בית רבן זאָלן מלווה זיין די ארונות ביז צו דער גרויסער שול. דער רב זאָל מספיד זיין ביי דער קלויז, דער דיין — ביי דער גרויסער שול. די גניזה טעפּ זאָל מען טראָגן אויף אַ טהרה־ברעט. די חברה טהרה זאָלן גיין פריער צו טבילה. אָפּשטעלן זאָל מען זיך אינם לוויה־גאַנג ביים „בית תפילה״, ביים נייעם בית מדרש, ביי דער חסידים שול, ביים מגיד־שולכל און ביים אַריינגאַנג אין דער גרויסער שול. יעדער חזן זאָל מספיד זיין נעבן זיין מקום קדוש. די חברה טהרה זאָל נאָר באַקומען די מצוה פון אַריינטראָגן אינם גניזה אָרט. די חברא קדישא, נאָך טבילה, זאָל גרייטן די גניזה קברים. אינם „קבורה־שטיבל״ פונם צדיק רבי מרדכה׳לע, בשכינות פון זיין ארון.

אינם לויה־טאָג איז די גאַנצע שטאָט געווען איינגעהילט אין טרויער. די גויישע שכנים האָבן פאַר פחד זיך נישט באַוויזן. עס איז בפועל ממש געווען אַ טרויער.

נאָך דעם גרויסן הספד פונם רב, ווען אַלע געמיטער זענען געווען טיף דערשלאָגן און צעבראָכן, האָט אַ טויט־בלאַסער זיך באַוויזן אויף די טליענדיקע האַלאָוועשקעס פון דער קלויז מטות דער חזן, דער פאַרריסענער קאָפּ צום אָפּגעבערענטן פנים פון קלויז, האָט ער אויסגעזען, ווי ער גייט זיך אויסטענהן מיטן אָפּגעבערענטן „ושויתי״. ווי נאָר ער האָט די דריי ווערטער — אל מלא רחמים אַרויסגעוויטיקט פון זיך, האָט זיין קול זיך צעברומט, ער האָט אַרויסגעהויבן פסוקים פון קינות, צעוויינט זיך ביי בכה תבכה בלילה. דער ענג־געפּרעסטער עולם האָט פאַרטויבט די שניידיקע לופט מיט יללות.

איין מאָל אין לעבן איז מטות חזן געווען אינגאַנצן פון זיך אויסגעטון. אינגאַנצן אַריין אין קדושה, ווי דער גאַנצער יידישער עולם אין קרעמעניץ.

נאָך זיין הספד האָבן יידן זיך געריסן צו די פיר שטאַנגען מיט דער טהרה־ברעט אויף וועלכער עס זענען געטראָגן געוואָרן די יריעות אין די טעפּ, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. יעדער האָט געוואָלט כאָטש אַ ריר טון אין די שטאַנגען וואָס טראָגן די „הייליקייטן״ אויפן עולם האמת. ווי אַ שווערע לאַווינע האָט דער עולם זיך אַ ריס געטון נאָך דער לוויה און דעם גאַנצן וועג געזאָגט תהילים.

משה שניידער (רחובות)

דער יריד אויף דער דובנער ראָגאַטקע

אין איינער פון די הערבסט־נעכט, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים, איז די דובנער ראָגאַטקע שוין געשלאָפן איר טיפן שלאָף. אַ סימן, אַז די נאַכט איז פרי צוגעפאַלן, ווייל צומאָרגנס איז דער יריד — און מען דאַרף באַגינען שוין זיין אויף די פיס.

ווי אַ פאַרשולדיקטער וואָס שטערט די רו האָב איך אָנגעקלאַפּט אין טיר, מיין גוטע מוטער האָט מיר געעפנט, זיך נישט געקענט איינהאַלן מיט אַ גוטהאַרציקן פאַרוואורף, צי האָב איך נישט געוווּסט, אַז מאָרגן איז דער יריד.

יעדן דינסטיק פלעגן פאָרקומען די ירידים, און אַ טומל איז געווען דעם טאָג.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט דער פאָטער באַוויזן אָפּצודאַווענען. אין דרויסן קעגנאיבער אונדז איז שוין געשטאַנען אונדזער שכנה ברײנע, אָנגעטון אין איר יריד־פאַרטוך מיט די ברייטע טאַשן, און געוואָרט אויף אירע „גויים״. איך בין פּטור געווען צו גיין אין שול, ווייל דעם טאָג דערוואַרט מען אַסאַך „היימישע״ גויים און מען דאַרף צוהעלפן.

דער הימל איז פאַרנעפּלט, מען ווערט נערוועז און באַזאָרגט פון דעם וועטער וואָס קען, חלילה, שטערן דעם יריד. די וואָלקנס גייען זיך אָבער פונאַנדער און די שטראַלן פון דער זון ברעכן דורך דעם נעפּל. די געזיכטער ווערן פריילעכער. די קראָמען געעפנט — און די טירן אויפגעפּראַלט.

די ראָגאַטקע איז נישט צו דערקענען. אַלץ ווערט אַרויסגעבראַכט אויף דער גאַס: שניט סחורה, גאַלאַנטעריע, רעדער א. א. וו. אָט זיצט אַ אַלטע יידענע ביי אירע פעסלעך מיט סמאָלע; איינער לויפט און איז מקבל פנים יעדן וואָגן. עס איז נישט אַדורך אַפילו אַ שעה זינט דעם זון אויפגאַנג, עס ציען זיך דורך דער גאַס אומצייליקע פורלעך מיט תבואה, גרינס, גענז, הינער און אינדיקעס, חזירים און פערד צוגעבונדן מיט שטריק צו די וועגענער. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין דער לאַזאַרעט־פּלאַץ נישט דורכצוגיין. די פערד־



דער „דיעוויטשי״ (בתולות) באַרג. לינקס — דובנער ראָגאַטקע.
הר „הבתולות״ — לצד שמאל: הפרבר הדובנאי

העגדלער האָבן שוין אָנגעהויבן זייער מסחר: מען באַקוקט דאָס פערד פון אויבן און פון הונטן, מען עפנט דאָס מויל און מען קוקט אַריין אין די ציין, מען הייבט די פיס פון פערד און מען זאָגט מבינות, אַ רענדל אַרויף אַ רענדל אַראָפּ — און דאָס געשעפט ווערט געמאַכט. מען קויפט און מען פאַרקויפט, פון אַ שפּילקע ביז צו אַ חזיר.

די קוטשערס האָבן נעבעך אַ קאָפּ־ווייטיק ווי אַוועקצופירן זייערע פּאַסאַזשירן צו דער באַן־סטאַנציע, און זיי פאָרן דורך זייטיקע געסלעך. די בארשאפּ׳ס האָבן נישט קיין הענט איבערצונעמען די תבואה; די וואָג שפּילט ביי זיי אין האַנט און דער גוי גלויבט אין זיי ווי אין אַ צלם, להבדיל.

דער יריד גייט דורך אָן אינצידענטן, אָן קאָנקורענץ, ווייל יעדער ייד האָט זיך „זיין" גוי, וואָס איז ביי אים פאַרבאָרגט און פאַרמשכנט. די סאָלידאַריטעט אין דער הינזיכט האַלט אָן, מען איז דאָך שכנים און איינוווינער פון דער דובנער ראָגאַטקע. מען מוז דאָך שבת אַריינקומען אין שול מיט אַ ריין פנים...

דער יריד איז שוין צום סוף, די גאַס ווערט ליידיק. אַ שיכורער גוי, וואָס האָט זיך אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן מיט זיין „קום", טרייבט אונטער זיין פערדל און איילט אַהיים.

די פאַרבליבענע סחורות זענען שוין צוריק אויף די פּאָלעצעס, און די קרעמער ציילן דעם פדיון פון יריד. מען ציט אַרויס דאָס געלט פון די קעשענעס, פאַרטוכער, טישלעך — און מיט אַ צופרידן פנים מאַכט מען דעם לעצטן סך־הכל.

די פּאָליציי מאַכט דעם לעצטן פּראָטאָקאָל פאַר נישט צוריק ריינמאַכן די גאַס, אויך זי איז צופרידן: אויך זי געניסט פון יריד...

אין יעדער שטוב זיצט די משפחה ביים טיש און מען איז זיך מחיה מיט דער וועטשערע, וואָס איז גלייכצייטיק אי אַ מיטאָג און אי אַ אָוונטברויט, ווייל מיטאָג ווערט דאָך נישט צוגעגרייט אין טאָג פון יריד. מיד, אָפּגעאַרבעט וואַרפט מען זיך ווידער פרי אַריין אין בעט, און מען רוט נאָכן גרויסן יריד.

יונגוואַרג מוז, נעבעך, ווידער בלייבן אַ צווייטע נאַכט אין שטוב, און נישט שטערן די רו פון די גרויסע. פון יריד האָט מען דאָך געלעבט אַ גאַנצע וואָך.

ה. גילערנט

פון אַלטן יידישן שטייגער

א. שבועות

מיטן אָנקום פון חודש מאי האָט די שטאָט געכישופט מיט לעבנסלוסט. די גרינע בערג אַרום, די צעפראַלטע קנאָספּן־ריחות, געטראָגן פון מילדע פרילינג־ווינטלעך האָבן דערהויבן דעם געמיט.

שוין ערב שבועות האָבן די שכנים, די ערלים, באַלייגט דעם מאַרק מיט וואָגנס אָנגעלאָדן מיט כלערליי גרינסן. אַ חוץ די אָנגעקרויזטע קרוין־קעפּ פון דיקע שטויסן „בעז" האָבן זיי באַזאָרגט די יידישע יום־טובדיקע הייזער מיט גרינעם וואַסער־טשערעד וואָס איז געשפּרייט געוואָרן אויף אויסגעשייערטע פּאָדלאָגעס. יונגוואַרג פלעגט אין די פאַלדן־בלעטער אויסזינגען און אויספייפן כלערליי געזאַנגען. יידישע טעכטער האָבן באַהאָנגען די געשייערטע גלאַנצנדיקע וואַנט־העסעס מיט בלומען. פרומע טאַטעס האָבן באַצירט די שויבן מיט „הערצלעך" בלעטלעך. פון דעם סופּיט האָט געקרייזלט אַ גרינער קראַנץ מיט אַראָפּגעהאַנגענע בלומען־גירלאַנדן.

די בעלעמערס (בעל אמור׳ס) אין די שולן זענען געווען באַצירט מיט גרינע חופּה־

שטאַנגען, באַהאָפטן פון אויבן מיט אַ קראַנץ, דורכגעפלאָכטן מיט אַלערליי בלומען. די פּאָדלאָגעס זענען געווען באַשאָטן מיט גרינעם טשערעד. געשײַערטע העססעס אויף די געקאַלכטע ווענט, די מעשענע הענג־לייכטער אויף דעם סופּיט, די מנורה אויפן עמוד, אַלץ איז אויפגעריכט געוואָרן מיט צעשטראַלטן יוגנט־חן.

צווישן די חסידישע יידן האָט זיך מענדעלע שוחט אויסגעצייכנט מיט זײַנעם אַ באַזונדערן מנהג פון באַצייכענען דעם קריעת ים־סוף פאַרן מתן תורה. ער פלעגט אין זײַן היים פאַרטאָג, דעם ערשטן טאָג יום־טוב, אַוועקשטעלן אונטערן קראַנץ אויפן סופּיט אַ שעפל וואַסער, אויפן רעכטן אַקסל אַרויפציען אַ טאָרבע, דער סימבאָל פון יציאת מצרים, און אַזוי אַרום גרייט זײַן צו שפּאַלטן דעם ים (אַרומגיין דעם שעפל וואַסער).

קינדער האָבן זיך געפילט באַזונדערס ווי „גרויסע״ שוין צוויי וואָכן ערב שבועות. דער חדר האָט באַקומען ביי זיי אַ אַנדער טעם. אַוועק דער ערנסט פונם מלמד ביים לערנען. פאַרשוווּנדן דער פּחד פון רבין. אַלץ האָט אינם חדר געזונגען. מיט באַזונדער חשק האָבן די קינדער געלערנט די קאַפּיטלעך פון „רות״. זיי האָבן ווי דערפילט דעם ריח פון די זאַנגען וועלכע רות האָט אָנגעקליבן אויף די אָפּגעשוירענע פעלדער...

שבועות־צייט האָט יידיש קרעמעניץ געזונגען. יוגנט אויף בערג, עלטערע אין די בתי מדרשים, קינדער — אין חדר, שטוב און גאַס האָט געזונגען.

ב. ל״ג בעומר

דער דאָזיקער טאָג איז געווען פול מיט שפּאַנונג פאַר דער קינדערשער וועלט. די קינדער האָבן זיך געפילט צוויי מאָל יחסנים׳דיק: אין דעם חודש פלעגט גראָד אויספאַלן דער מאַי־טאָג, ווען דער צאַר איז געקרוינט געוואָרן, און דאָס לאַנד האָט דעם טאָג געמוזט באַצייכענען מיט פייערליכקייט. די שטאָטישע הויפּט־גאַס האָט באַדאַרפט אילומינירט ווערן. נעבן יעדן הויז איז אין יענעם פאַרנאַכט אָנגעצונדן געוואָרן בלעכענע בעכערס (פלאָשקעס) מיט בוימל אויףביידע גאַס־זייטן. דערמיט פלעגן זיך פאַרנעמען די קינדער. זיי האָבן דאָס צעשטעלט די בעכערס אויפן פראָנט פון די טראָטואַרן און אָנגעפילט מיט בוימל, אַרויסגעצויגן די קנויטלעך און פאַרנאַכט זיי אָנגעצונדן. זיי האָבן זיך געפּאָרעט מיט דער אילומינאַציע און זי באַוואַכט. אין יענער נאַכט האָט די גאַס געווימלט מיט קינדערשן טומל און פרייד.

נאָך אַ טאָג פאַר ל״ג בעומר האָבן די מאַמעס באַדאַרפט אָנגרייטן פאַר זייערע חדר־ייִנגלעך ליים אויף אויסצוקנייטן „ליימלעך״ איינצושטעקן אין זיי סטעאַרינעווע ליכטלעך, אָדער אויסקנייטן פון זיי פלאַכע רערלעך אויף אָנגיסן אין זיי בוימל. די קינדער פלעגן אַרומגיין אין אַלע קראָמען זאַמלען ליכטלעך און בוימל. דאָס אָנגעזאַמלטע האָט מען דערנאָך געבראַכט אין די שולן און בתי מדרשים, ווו מען האָט די „ליימלעך״ צעשטעלט אויף די פענצטער, און דעם בוימל אָדער די ליכטלעך אין זיי אַרײַנגעשטעלט. יעדעס קינד האָט געזאָרגט פאַר זײַן טאַטנס מקום תפילה.

אויף מאָרגן האָבן קינדער נישט אָפּגעטראָטן פון די מאַמעס אין קיך, שטוב צי אין קראָם, ביז מען האָט נישט געזען די איינגעקויפטע פרישע אייער אָפּגעקאָכט אויף האַרט, דאָס שנירל מיט פאַרזיסטע פינגערהוט־בייגעלעך און די גרויסע פלאַש אָנגעפולט מיט קוואַס. מיט אַ באַזונדערן חשק איז מען הענדום־פּענדום געלאָפן אין חדר, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט די באַהעלפערס מיט צוגעגרייטע געפאַרבטע פיילנבויגנס (פייל און בויגן). די מאַמעס אַליין האָבן באַגלייט די קינדער אין חדר אַריין, און מיט זאָרגעוודיקייט אונטערגעטראָגן דאָס פאַפּירענע בייטעלע מיט די אייער, בייגעלעך און פלעשער קוואַס. צעשיידט מיט די קינדער האָט מען זיך, ווען זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין רייען : פון פאָרנט דער רבי, הינטער זיי — די באַהעלפערס, האָט מען, ווי סאָלדאַטלעך,

מאַרשירט אַרויף צו דער „ווידומקא״. דאָרט האָט מען זיך צעלייגט אויפן גראָז, אויסגעפּאַקט דעם „פּראָוויאַנט״. דער רבי האָט דערציילט די מעשה פון רבי שמעון בן יוחאי. באַלד דערנאָך האָבן די קינדער אויפגעוואַכט ווי פון אַ חלום, און מיט ברען געגומען שיסן פון זייער „געווער״...


ג. תשעה באָב

תשעה באָב האָט מען אין יעדן יידיש הויז אין קרעמעניץ געפילט אַ אַטמאָספער פון אַ באַהאַלטענעם קומער.

די גאַנצע „ניין טעג״ זענען די קצבים און שוחטים געווען אָן אַ שטאָך אַרבעט. די פיר יידישע שענקערס, וואָס פלעגן פון אַ זונטיק געניסן אויף חיונה פאַר אַ גאַנצע וואָך, האָבן אויך גערוט.

געטראָגן דעם קומער אין די יידישע הייזער האָבן די קינדער. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געלערנט איכה, באַגלייט מיט אַ ספּעציפישן ניגון. אין יענער וואָך האָבן קינדער געשפּילט אין מלחמה. די שפּיל איז געווען אַ ריין יידישע. גערופן האָט מען זי „שלח״. מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות קעגנאיבער. איינער פון יעדער מחנה איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מלך, וואָס איז געשטאַנעןביים רעכטן עק. דער אָפּשטאַנד איז געווען בערך אויף אַ פופצן שפּאַן, וועלכן מען האָט נישט געטאָרט אַריבערטרעטן. די „אַרמיי פירער״ האָבן געהאַלטן שטעקלעך אין די הענט. אַלע „סאָלדאַטן״ זענען שוין געווען אויסגעשטעלט „צו מלחמה״. האָט דער „עלטסטער״ אויסגערופן צו זיין קעגנער דאָס וואָרט: „שלח״, שיק דו פריער דיינע. האָט דער ערשטער זיך ווידער אָנגערופן: מיינע זענען שוואַכער פון דיינע, דעריבער, שיק דו פריער. דער ענטפער איז געווען: מיינע זענען נאָך שוואַכער פאַר דיינע, דעריבער דאַרפסטו פריער שיקן. דעמאָלט האָט זיך די מלחמה אָנגעהויבן. דער אַרויסגעשיקטער סאָלדאַט האָט מיט אימפּעט זיך אַ וואָרף געטון אויף אַ פּאָר צענויפגעפלאָכטענע הענט, זיי איבערצורייסן. די צווייטע רייע האָט זיך איינגעפלאָכטן שטאַרק די הענט, אַזוי אַז דער סאָלדאַט פון דער ערשטער זאָל ניט קענען איבעררייסן די הענט. ער האָט אָבער יאָ איבערגעריסן אַ פּאָר הענט, אוןביידע סאָלדאַטן מיטגענומען צו זיך אין זיין אַרמיי, אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי האָט זיך די מלחמה שפּיל געצויגן...

צו דער אַטמאָספער האָבן מיטגעהאָלפן די באַהעלפערס פון די דרדקי מלמדים. זיי האָבן



ביים אַריינגאַנג צום בית־עלמין
ליד הכניסה לבית העלמין

אין יענער וואָך אויסגעאַרבעט שווערדלעך פון האָלץ, אויף צו פאַרקויפן די קינדער. ווי לאַנגיאָריקע געניטע מייסטערס, פלעגן זיי צוטראַכטן פאַרשיידענע גראַווירונגען, ספּעציעל אויף די קעפּלעך פון די שווערדלעך.

פאַרשפּרייט איז געווען ביי די קינדער דער מנהג צו זאַמלען שטעכיקע „באָזשיקעס״ און קעסקעס (שוואַרצע ניס). מען פלעגט זיי צונויפבינדן מיט פאָדעם און מיט דער פולער קראַפט אַראָפּלאָזן אויף עמעצנס אַ פּלייצע. אויך דערוואַקסענע האָבן מיטגעשפּילט מיט אַזאַ מין קליין געוויקסל, וואָס מען פלעגט אַריינשטעקן עמיצן אונטערן קאָלנער פונם העמד און ס׳פלעגט בייסן דאָס לייב.

דאָס פאַרפאַסטן ערב תשעה באב איז געווען הייליק ווי ערב יום כיפור. קיין ליכט האָט יענע נאַכט ניט געברענט אין די הייזער. אין שול אַריין איז מען געגאַנגען אין איבערגעטוענע לאַפּטשעס, אָדער אין קאַלאָשן. מען פלעגט אויך אָנטון אָפּגענוצטע מלבושים; מענער ווי די פרויען. דער רוב פרויען פלעגט בלייבן אין דער היים, און זיצנדיק אויף אַ פוס־בענקעלע געלייענט צאינה וראינה.

לייבושעכע „די זאָגערקע״ וואָס פלעגט דאָס גאַנצע יאָר איבערטראָגן אין די יאָרצייטן די גרוסן פון די לעבעדיקע צו זייערע פאַרשטאָרבענע, פלעגט אויף צומאָרגנס אָנקלאַפּן מיט איר שטעקן אויף יעדער מצבה און אָנזאָגן דעם מת, אַז זיין אייגענער איז געקומען בעטן מחילה. האָט אַ יתומה באַדאַרפט שטעלן אַ חופה נאָך תשעה באָב, פלעגט זי בעטן אין איר נאָמען מחילה און פאַרבעטן אויף דער חתונה...

אין די יאָרן פון נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן זיך אויפן בית עלמין באַגעגנט צוויי וועלטן: דאָ פלעגן זיך צונויפקומען אויך גרופּעס פון יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ און פראַוון די פאַרבאָטענע „בירזשע״ פאַרזאַמלונגען.

דער זאַמל־אָרט איז געווען אַרום דער מצבה פון יצחק בער לעווינזאָן און אַרום דער מצבה פון בעריש פעלדמאַן, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נאָך דעם דורכפאַל פון דער 1905־רעוואָלוציע.

פון דעמאָלט אָן האָבן צוויי דורות זיך דאָרט באַגעגנט.

ד. סוכות און שמחת תורה

דאָס ערשטע נאָך יום כפור איז געווען — קידוש לבנה... דאַן פלעגן יידן, וואָס האָבן געהאַט אין זייער הויז אַ פליגל־קאָרידאָר מיט פליגל־דאַך, מוצאי יום־כפור אים עפענען און אַרונטערנעמען פאַר־אַ־יאָריקן אויסגעדאַרטן סכך. מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו סוכות. אַנדערע ווידער האָבן אויף מאָרגן אָנגעהויבן זיך פאָרען מיט צוגרייטן דעם געשטעל און ברעטער פאַר אויפשטעלן אין דרויסן, צי אויפן הויף, די סוכה. אויך די שכנים, וואָס פלעגן עסן אין די סוכות, האָבן מיטגע־האָלפן. בעיקר זענען שטאַרק געווען פאַרט׳ן די קינדער.

באַפּוצן די ווענט — דאָס איז געווען די מצוה־מלאָכה פון די מיידלעך. קרעמעניצער גויים האָבן געוווּסט פון אַלץ וואָס יידן דאַרפן, צו יום־טובים, און צו סוכות האָט מען אָנגעהויבן פירן גאַנצע וועגנער מיט סכך. די פריילעכקייט פון סוכות האָבן צומייסט די קינדער אַריינגעבראַכט אין די הייזער און אין גאַס. די גויים האָבן אויך געבראַכט גאַנצע זעק מיט וועלשענע ניס. האָבן די קינדער זיך געגרייט צו שפּילן אין ניס, און אין קאָפּ איז שוין ניט געלעגן דאָס „לייענען״ קוהלת...

דעם טאָג פון ערב סוכות איז מען אינגאַנצן פטור געווען פון לערנען. מען האָט באַדאַרפט אויספּוצן די סוכות מיט די שענסטע הערבסט־בלומען, אויך די הענג־העסעס האָט מען פון די

שטוב־ווענט אָרונטערגענומען און אויסגעקלעפּט אויף די סוכות־ווענט.

פרויען און מיידלעך האָבן אין סוכה נישט געגעסן. זיי האָבן נאָר געגאָסן פון דער מצוה, צו דערלאַנגען די מאכלים אין דער סוכה, אויסהערן דעם קידוש פון מאַן און טאַטן. אויך דאָס גרייטן צום טיש, אויפרוימען אין סוכה איז געווען זייער מצוה.

אויך אין די טעג פון חול המועד סוכות האָט דאָס יידישע קרעמעניץ געאָטעמט מיט יום־טובדיקייט. בעיקר האָט דעם יום־טוב געטראָגן אין גאַס דער יידישער בעל־מלאכה, וואָס האָט נישט געאַרבעט. די טעג האָט מען געלעבט אין גאַס, שפּאַצירט. אין אָוונט פלעגט מען זיך אָפּט פאַרגינען צו גיין מיט די קינדער אין „אילוזיאָן" (קינאָ), אָדער סתם צו גאַסט.

פאַרטון זענען דעמאָלט געווען די דרדקי מלמדים, וועלכע פלעגן גיין אָפּנעמען שכר לימוד, און באַשטעלן די קינדער אויף נאָך אַ זמן, אָדער אויפנעמען נייע תלמידים. די באַהעלפערס זייערע זענען געווען פאַרטון מיט גרייטן די פענער צו שמחת תורה. דער באַהעלפער פלעגט אויך מוזן אויסלערנען די קינדער צו פלעכטן רינגלעך פון די לולבדיקע שמאָלע לאַנגע בלעטלעך. ערב הושענא רבא האָט מען געהאַט צו טון מיט פלעכטן הושענות, דערביי האָט מען באַדאַרפט אַרומפלעכטן די הושענא אַזוי, אַז עס זאָל זיין ווי די רצועה פונם „של יד". פאַרטון איז מען אין דעם געווען אין אַלע הייזער. נאָר די הושענות אַרום דעם לולב האָט געמאַכט נאָר דער שמש אַליין. ער פלעגט זיי אויך צעטראָגן אין די הייזער אינאיינעם מיטן אתרוג.

יידן האָבן די גאַנצע סוכות־וואָך גערופן די וואָך פון שמחת תורה. עס האָט זיך געפילט מער דערהויבנקייט ווי אין פסח, אָנגעפילט מיט פאַרשיידענע מצוות און לייכטער שפּילעוודיקייט. אין קרעמעניץ האָט קינד און קייט זיך משמח געווען דורך יידישקייט.

ה. יידן פראווען א חתונה

פראַווען אַ חתונה איז נישט געווען סתם שטעלן אַ חופה און אָפּזאָגן „הרי את". אַזאַ מין חתונה־מאַכן קינדער האָבן קרעמעניצער יידן גערופן „אַ גוייִשע כאַסלעכע". אויף אַ אמתער יידישער חתונה האָט זיך משמח געווען די גאַנצע יידישע גאַס, אָרעם ווי רייך, אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם חופה־טאָג.

שוין די וואָך ערב דער חתונה איז אַריינגעטרעטן אין הויז פון די מחותנים אַ יום־טובדיקייט. מען האָט געניייט חתן כלה די מלבושים. די סאַרווערינס האָבן אָנגעהויבן באַקן אַלערליי מאכלים צום חתן בראשית. ס'האָט געווימלט מיט געסט, קרובים און שכנים. צו מאָרגנס, שבת אין דער פרי, זענען די זעלבע געגאַנגען צום חתן אַהיים און אים באַגלייט, אין די נייע חתונה מלבושים, אין שול אַריין. די קליינע קינדער אַפילו האָבן זיך געפילט גליקלעך, ווייל זיי האָבן געטראָגן די צוגעגרייטע טערקישע ניסלעך אין דער ווייבערשער שול אַ־יך דאָ בעוואַרפן דעם חתן נאָך מפטיר. דערוואַקסענע האָבן ניט געטאָרט טראָגן, מחמת תחום שבת. אַלע מתפללים אין שול האָבן זיך געפילט אַנדערש. דער חזן האָט פייערלעך אויסגעזונגען דעם ויהי בנסוע הארון. ווען מען האָט אויפגערופן דעם חתן צו מפטיר, האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו זיינע ברכות. די ווייבער אין דער ווייבערשער שול האָבן מיט געשפּאַנטקייט זיך איינגעהערט ווען דער חתן ענדיקט זיין צווייטע ברכה כדי נישט פאַרשפּעטיקן צו וואַרפן אויפן חתן די ניסלעך.

באַלד נאָכן דאַווענען האָבן די בעלי־בתים זיך אַלאָז געטון צום חתן און מחותנים צו זאָגן מזל טוב. דער שמש האָט, צום ערשטן מאָל, געהאָלפן דעם חתן אָנטון דעם אויבער־מאַנטל... אַלע מתפללים האָבן זיך געלאָזט נאָך ביידע מחותנים און חתן (אין דער מיט), צו גיין פראַווען דעם „לעקעך־און־בראָנפן" וואָס האָט זיך געצויגן אַ היפּשע פּאָר שעה.

ביי מער פאַרמעגלעכע מחותנים פלעגט מען אין הויז פונם חתן פראַווען אַ מלוה מלכה, ביז



דאָס „קאָזאַצקע" בית־מדרש און דער וועג צו די „דריי קרעניצעס"
בית־הכנסת „קוזצקי" והדרך אל „שלשת המעיינות"

שפּעט אין דער נאַכט. אויף דער „פולער וואָך" פלעגן אין הויז פון דער כלה שפּילן כלי־זמר, און דער כלה׳ס חברטעס האָבן געטאַנצט.

הערש דער כלי־זמר מיט זיין קאַפּעלע פון זיינע דריי זין, משה מיטן פידל, יאַנקל מיטן טרומפּייט און מעכל אויפן באַס, האָבן זיך צעשפּילט ברייטלעך מיט אַ שער, אַ קאַדריל. די מאַמעס האָבן געקוועלט פאַר נחת, און געווונשן דער כלה׳ס חברטעס „מירצע שעם אינגיכן אויף דיין חתונה"...

די וואָך פון דער חתונה, האָבן די טירן פון די חתן כלה׳ס הייזער זיך נישט פאַרמאַכט. מען האָט געהאַלטן אין גרייטן זיך צום חופּה־טאָג און חופּה־וועטשערע. הינדע די סאַרווערין האָט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאַלטן אין איין באַקן און קאָכן. ווער שמועסט אין חופּה־טאָג, ווען מען האָט געקאָכט די גילדענע יויך פאַר חתן כלה נאָך דעם תענית...

אין טאָג פון דער חופּה זענען די הייזער געווען פול מיט גערויש און דערוואַרטונג. די כלה, נאָך טבילה, איז אָפּגעזונדערט געוואָרן. חברטעס האָבן איר געהאָלפן זיך באַפּוצן, ביזן אָנטון דאָס חופּה־קלייד. די שטוב האָט אויסגעזען שבת׳דיק אויסגעפּוצט. די חברטעס האָבן דער כלה אַרויפגעטון דעם שלייער. הערש כלי־זמר איז דאָס מאָל געקומען מיט זיין גאַנצער קאַפּעלע מיט טאַצן און אַ פּויק. ער האָט אויפגעשפּילט אַ שער, אַ פּאָלקע, אַ ברוגז־טאַנץ. דאָס מאָל האָבן די מחותנים און די מחותנת׳טעס אויך געטאַנצט. די טענץ זענען איבערגעריסן געוואָרן, ווען אַ שטאַפּעט איז געקומען אָנזאָגן, אַז מען פירט דעם חתן צו באַדעקן די כלה. כלי־זמר האָבן דעמאָלט זיך געלאָזט צו דער טיר, מקבל פּנים זיין דעם חתן, געשפּילט דערביי אַ ספּעציעלן חתן־מאָטיוו.

מיט געמאָסטענע טריט, צווישן די אונטערפירערס און מחותנים, איז דער חתן צוגעפירט געוואָרן צו דער כלה, איר אַרונטערגעלאָזט דעם שלייער איבער די אויגן און אָפּגעגאַנגען אויף צוריק. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „באַזעצנס" פון דער כלה. דער בדחן האָט אונטער דער טענער־באַגלייטונג פון פידעלע אָנגעהויבן באַזעצן די כלה, מיט „כלה׳ניו, כלו׳ניו ווייך"

און מחותנת׳טעס, מיידלעך, האָבן געווישט די אויגן, דאָס האָט זיך געצויגן, ביז מען האָט אָנגעזאָגט, אַז מען פירט שוין דעם חתן צו דער חופה. דעמאָלט האָט מען גענומען גרייטן די כלה, מיט די אונטערפירערינס, די מחותנת׳טעס; מיט ווייסע גרויסע ליכט אין די הענט.

אַלע חופות האָט מען געמאַכט אויף דעם שול־הויף פון דער גרויסער שול.

ווען די כלה איז שוין געשטאַנען נעבן דעם חתן, זענען די מחותנים מיט די אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט אַרומגעגאַנגען זיבן מאָל הקפות אַרום דעם פּאָרל. דערנאָך האָט דער רב מסדר קידושין געווען. די חתן כלה האָבן אַ זופּ געטון פון דעם ספּעציעלן חופה־כוס, דער חתן האָט צעבראָכן די גלעזערנע כוסה, און אַלע מסובים האָבן בנשימה אחת אויסגעשריגן מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב. דריי מאָל, לויטן סימן פון חוט המשולש לא במהרה ינתק...

נאָך דער צערעמאָניע האָט מען דאָס פּאָרל אַרויסגעפירט דורך אַ צווייטן אַרויסגאַנג פונם שול־הויף (אַזוי אויך ביי אַ מת), און געפירט דאָס פּאָרל דורך דער ברייטער גאַס. אַ שטאָפּעט פון די באַגלייטער איז געלאָפן פאָרויס, אָנזאָגן אַז מען פירט די חתן־כלה צוריק, די כלי־זמר זענען אַרויס אין פראָנט פון דער חתונה־הויז, אַריינפירן דאָס פּאָרל מיט מוזיק. איינע פון די מחותנת׳טעס האָט זיך געפעדערט און אַרויסגעכאַפּט פון דער האַנט פון אַ וועכטערן דעם גרויסן, ספּעציעל געבאַקענעם, געלן זאַפראַן־קוילעטש, און געטאַנצט אַקעגן דעם פּאָרל הינטערווייליעכץ, ביז מ׳איז אַריין אין הויז. די חתן כלה, האָט מען אָפּגעזונדערט, צו טועם זיין נאָכן לאַנגן תענית. און מחותנים האָבן געטאַנצט...

אַ חופה איז קיינמאָל נישט געשטעלט געוואָרן ביינאַכט, נאָר פאַר שקיעת החמה. ווען אַ חופה איז אויסגעקומען פרייטאָג, איז די חופה־וועטשערע געפּראַוועט געוואָרן שבת ביינאַכט, באַלד נאָך הבדלה. נאָר צו די סעודות פון פרייטאָג־צו־נאַכט, האָט געמוזט זיין אַ מנין געסט, צו די שבע־ברכות. ביי דער חופה וועטשערע, ווען אַלע זענען געזעסן אַרום די טישן, האָט מען צווישן איין מאכל און דעם צווייטן געטאנצט — דאָס מאָל נאָר די יוגנט. ביי חסידים למדנים האָט דער חתן געהאַלטן אַ דרוש מעניני דיומא.

דער בדחן איז דעמאָלט געווען אין זיין פולער ראָל. נאָך דער סעודה, פאַרן בענטשן און שבע ברכות, האָט זיך אָנגעהויבן די אויפשפּילן פון דרשה־געשאַנק. דער בדחן פלעגט טיטולירנדיק יעדן איינעם, אויסרופן ביים געבן די מתנה. פריער פלעגן די מחותנים אַרויסגערופן ווערן, דערנאָך די משפחות פון דעם פּאָרל, דערנאָך די געסט. בעיקר פלעגט מען געבן זילבערנע און מער פאַרמעגלעכע — אויך גאָלדענע זאַכן פון יידישקייט אוןווירטשאַפט.



אַ טייל פון דער שיראָקא גאַס. חלק מרחוב שירוקאַ

די חופה־וועטשערע האָט זיך געצויגן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין, געטאַנצט מיט די העגט פאַרלייגט אויף די אַקסלען, ווי ביי שמחת־תורה, אַ פלאָסקעדריגע מיט חתן כלה, ביז דאָס פּאָרל, איז, ווי אונטער די הענט, פאַרשוווּנדן פון דעם עולם. דעמאָלט האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן צוגיין אַ היים.

אַ גאַנצע וואָך לאַנג איז די חתונה ניט אַרויס פון מויל. מען פלעגט, ביי חסידים, פּראַוועז אַ גאַנצע וואָך שבע ברכות, מיט אַ מנין ביים טיש.

גויישע שכנים אַרום פלעגן אַפשטיין שעהן לאַנג אַרום די פענצטער א׳ן זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער נייגעריקייט צו קוקן אויף דעם אייגנאַרטיקן שטייגער פון פּראַוועז אַ חתונה ביי יידן.

ל. ראָזנטאַל

פּ ו ר י ם

(זכרונות פון קינדער־יאָרן)

דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערעסן. לאַנג האָבן זיך געצויגן די ווינטער־טעג מיט די גרויסע נעכט. מיר, חדר־יינגלעך, האָבן זיך גענומען אויסרעכענען, וויפל עס איז נאָך געבליבן צו פּורים, צו פּסח אין א. וו. מיר האָבן אַזוי לאַנג גערעכנט, ביז דער רבי האָט אין אַ שיינעם פרייטאָג, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אַ היים גיין, דערקלערט, אַז נאָך שבת וועלן מיר זיך נעמען צו דער מגילה. מיר אָבער האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן „גרעגערס״...

ביי אונדז אין חדר האָבן זיך געפונען צוויי יינגלעך, איינער פון וועלכע האָט אַ פאָטער אַ סטאָליאַר און דער צווייטער אַ ברודער — און זיי האָבן געהאַט גרעגערס וועלכע האָבן פאַרהילכט רי גאַס. די גבירישע קינדער האָבן באַלד באַשטעלט ביי זיי גרויסע הילצערנע גרעגערס, די איבעריקע האָבן זיך באַגנוגנט מיט די בלעכענע פאַר דריי קאָפּיקעס ביי לאזיל בלעכער; און ווער ס׳האָט דעם זעקסער אויך נישט געהאַט, האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ שטעקן...

די אַלע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געפירט די גאַנצע וואָך ווען דער רבי האָט מיט אונדז געקנעלט די מגילה.

„אסתר תענית״ זענען מיר געווען „פריי״. אין דעם טאָג האָבן מיר אַרומגעכליאַפּעט אין די בלאָטעס און קאַלוזשעס, אין דער היים האָט זיך גערעשט, מען האָט געראַשטשינעט די חלה. מיר האָט מען מכבד געווען מיט רייבן דעם מאָן פאַר די המן־טאַשן.

אַ פּאָר שעה פאַר נאַכט האָבן זיך לעבן בית־המדרש פאַרזאַמלט אַלע חדר יינגלעך באַוואָפנט מיט פאַרשידענע גרעגערס, שטעקנס, שטיקלאַך האָלץ, ברעטלעך. דער שמש האָט זיך פאַרקייטלט און נישט אַריינגעלאָזט, און מיר האָבן געקלאַפּט אין דער טיר אין געשריגן „א סיא, סיא״ (אַזאַ נאָמען האָט ער געהאַט, ווייל זיין ווייב האָט געהאַדעוועט גענז). לאַנג וואַרטן האָבן מיר נ׳שט געדאַרפט. דער עלטערער עולם האָט אָנגעהויבן גיין דאַווענען און איינציקווייז האָבן מיר זיך אַריינגעגנבעט אינעווייניק, און אַז ר׳ בצלאל דער שמש האָט אונדז געוואָלט אַרויסוואַרפן — האָבן מיר זיך געשוווירן ביי טאַטע־מאַמע, אַז מיר וועלן זיצן שטיל אונטער דעם אויוון.

יעדעס מאָל האָט אַ אַנדערער פּרובירט דעם גרעגער און דער שמש איז צוגעלאָפן, נאָר יעדער האָט געהאַט אַ ענטפער „איך נישט״...

די נאַכט איז צוגעפאַלן און מען האָט אָנגעהויבן לייענען די מגילה. כדי נישט דורכצולאָזן המנ׳ען האָט איינער פון אונדז אַריינגעקוקט אין דער מגילה און יעדעס מאָל „קאָמאַנדעוועט״ אויף צו קלאַפּן, ווייל דער חזן האָט געוואָלט פאַרשווייגן המנ׳ען, כדי דער רעש זאָל זיין קלענער, נאָר דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אייניקע פון אונדז האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו

וואַרטן האָבן זיי אויף מרדכ׳ען „אָנגעקלאַפּט״... דער גבאי, ר׳ בינם, האָט זיך יעדעס מאָל געבייזערט אויף די „שקצים״ און דער שמש, נאָר מיר האָבן אים געהערט ווי „המן דעם גרעגער״.

צופרידענע האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, ווי אמתע זיגער.

אין דער היים האָט מען געה׳קט אין אויוון די חלה׳ס מיט די קיכלעך און המן־טאַשן. אַ פּאָר המן־טאַשן, זענען געווען באַשטימט פאַר דער וועשין, פאַר דער גויה, וואָס פאַרלעשט די ליכט פרייטיק צונאַכט און הייצט די הרובע שבת.

פּורים אין דער פרי, ביי דער מגילה, איז שוין דער רעש געווען קלענער. מיטאָג צייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן „פּאָרלעך״ נאָך נדבות. אויף דעם מאַרק, לעבן די לעדער־קרעמערס, האָבן זיך אויסגעזעצט ווייבער מיט זייער „סחורה״: כלערליי „קישעלעך״ באַשיט מיט קאָלירטן מאָן אין די מולטערס מיט פאַרשיידענע אײפשריפטן: „בעסטער פריינט״, „ליבער חתן״, „ליבע כלה״ און אַז. וו. עס זענען געווען פאַר קינדער פייפעלעך, ליאַלקעלעך וואָס האָבן געשפּילט, סידורימלעך — אַלץ פון צוקער. דאָס בעסטע געבעקס איז געווען ביי „הינדען דער גרויסער״ דאָרט אין קלייטל איז געווען פ׳יל כל ט ב, אַלע גבירישע ווייבער האָבן דאָרט איינגעקויפט.

אין אָוונט האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער סעודה. דער טיש איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן טישטוך, אויסגעשטעלט מיט גרויסע קוילישן מיט „זאַפרען״. די לייכטער אָפּגערייניקט. דער טאַטע איז געזעסן ביי אַ מעשענער טאַץ אויסגעלייגט פאַרשיידענע מטבעות — און יעדן באַזונדער געטיילט לויט זיין איינזען.

צו דער סעודה האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די שלחמנותן! צום ערשט האָט געשיקט דער רבי. עס זענען געלעגן אײף דער שאָל אַ פּאָר קישעלעך, בייגעלעך און אַ מאַראַנץ. דער טאַטע האָט דעם רבין צוריקגעשיקט אַ זילבערן קערבל און דעם ייִנגל 5 קאָפּיקעס פאַרן וועג.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די שלחמנותן פון ח ז ן, שמשים, רב און אַנדערע כלי־קידש, און יעדן האָט מען באַלד צוריקגעשיקט. די מומעס מיט די פעטערס האָבן געשיקט כלערליי מתנות, צוו. אַנד. סחורה אויף אַ גאַרניטור פאַרן ברודער, אויף אַ קליידל דער שוועסטערל. די באָבע האָט געשיקט פאַרן קלענערן ברידערל אַ סידורל. מיט איין זאַך זענען מיר, קליינוואַרג, געווען צופרידן — מיט די מאַראַנצן.

ביז שפּעט באַנאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט. מ׳איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט די שלח־מנותן — וואָס וועמען אָפּצ׳שיקן. עס האָט זיך געפילט די פריילעכקייט פון פּורים.

דעם צווייטן טאָג האָט זיך געגלוסט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך איבערחזרן, נאָר עס זענען בלויז געקומען דער וואַסער־טרעגער נאָך דעם קוילעטש און די וועשין נאָך די המן־טאַשן...

וואָס געווען...

(אַ בינטל שטייגער־פאַרצייכנונגען)

א שבועה ביי שווארצע ליכט אין שול

אין דער גרויסער שול האָט געשוווירן ביי שוואַרצע ליכט, אָנגעטון אין אַ קיטל, דער אַלטער ווישניוויצער תושב י. ג. צוליב דעם, ווייל ער האָט ביי אַ פויער געמאָנט 1300 זלאָ־טעס און דער פויער האָט געטענהט, אַז ער האָט איינגעלייגט אַלס קויציע וועקסלען אויף 1000 זלאָטעס און געבאָרגט האָט ער נאָר 300 זלאָטעס.

ביי דער שבועה זענען געווען אָנוועזנד די ריכטער, אַדוואָקאַטן, דער רב און אַנדערע.

דער ייד האָט בשעת מעשה געוויינט ווי אַ קליין קינד.

צוליב גרויסע רעדער פון א אויטאָבוס געוואָרן אוים שידוך...

עס האָט געוויילט אין קרעמעניץ אַלס גאַסט ביים חתן אַ קליינשטעטישע כלה.

שפּאַצירנדיק איינמאָל איבער די גאַס מיטן חתן, איז פּלוצלים אָנגעקומען אַ גרויסער אויטאָבוס. פון פאַרוווּנדערונג האָט די כלה אויסגעשריען צום חתן: „זע נאָר די גרויסע רעדער"... דער חתן האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס ער האָט אַזאַ קליינשטעטלדיקע כלה, וועלכע האָט נישט געזעען אַ אויטאָבוס און... אָפּגעלאָזט דעם שידוך.

א פיינע טאט פון א קריסטין

אַ קרעמעניצער קריסטין האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ גוטבאַזיצערין אין בעלאָזאַרקע, ביי וועלכער עס איז געווען איינציקע יאָר אַ ייד אַ פאַרוואַלטער. ווען די פרוי איז אים געשטאָרבן, איז ער געבליבן אַ אַלמן מיט קינדער און אין אַ שווערער לאַגע. די קרעמעניצער קריסטין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין גורל, גענומען צו זיך זיין 16 יעריקע טאָכטער אויף פולער אויסהאַלטונג און זי איינגעאָרדנט אויף איר חשבון אין דער „אָרט"־שול. כדאי אויך צוצוגעבן, אַז זי האָט איר געקויפט כשר געשיר און געזאָרגט אויך פאַר כשר עסן פאַר דעם מיידל, וואָס איז דערציוגען געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט.

פריער פארקויפט די פוטער, דערנאָך באגראָבן די מוטער

אין דאָרף מ. נישט ווייט פון שומסק און פון קרעמעניץ, האָט געוווינט אַ יידישע פויערים־משפחה. אין איינעם אַ מיטוואָך איז אָפּגעשטאָרבן דער משפחה אַן אַלטע מוטער פון 95 יאָר. אַזוי ווי אַ יידישער בית־החיים איז אין דאָרף נישטאָ, האָט מען געדאַרפט דעם מת איבערפירן קיין שומסק. דער עלטערער זון פון דער משפחה האָט געטענהט, אַז „ספּעציעל" איינשפּאַנען די פערד און פאָרן קיין שומסק לוינט נישט, און אַזוי־ווי ער דאַרף זיין זונטיק אין שומסק צו פאַרקויפן פוטער, וועט ער אין איין וועג אויך די מוטער פירן צו קבר ישראל.

געזאָגט און געטאָן. דער מת איז געבליבן ליגן, זונטיק פרי האָט דער זון איינגעשפּאַנט די פערד, אַרויפגעלייגט דעם מת אויפן וואָגן, צוגעדעקט מיט אַ זאַק, אַרויפגעשטעלט די פוטער און אַוועק קיין שומסק.

דאָ האָט דער זון פריער פאַרקויפט די פוטער, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז די קבורה וועט צונעמען צופיל צייט און שפּעטער וועלן נישט זיין מער קיין קונים אויף זיין סחורה.

ווען די קונים האָבן שפּעטער אָנגעטאַפּט דעם זאַק, האָט ער געענטפערט, אַז „ד אָ ס א י ז נ י ש ט צ ו פ אַ ר ק ו י פ ן"...

ווען די סחורה איז געוואָרן פאַרקויפט האָט ער פאַרקירעוועט אויפן בית־עולם און געבראַכט די אַלטע מוטער צו קבר ישראל.

אפילו א פערד נעמט שדכנות

אַ פרוי פון קרעמעניץ איז אַראָפּגעקומען קיין בעלאָזאַרקע אַלס שדכנטע, און געמאַכט אַ שותפות מיט נאָך צוויי שדכנים אויף פּאַלגענדיקע באַדינגונגען: זי די שדכנטע וועט צו־שטעלן בחורים פון קרעמעניץ און זיי די מיידלעך פון בעלאָזאַרקע, וועלכע האָט זיי געהאַט אַן עין הרע איבערגעגעבן. כדי אָפּצושפּאָרן הוצאות די בחורים, האָט די קרעמעניצער שדכנטע געקויפט אַ פערד און וואָגן און אויף אירע הוצאות געפירט די בחורים צו די „זעאונגען".

אַזוי־אַרום איז געלונגען אויסצופירן אייניקע שידוכים, אָבער אַן אַ סכסוך גייט עס נישט. דער רב האָט זיך געמוזט אַריינמישן אין אַ סכסוך וועגן שדכנות־געלט, און געפּסקנט אַ סומע לטובת דער שדכנטע פון קרעמעניץ, זי האָט אָבער געמאַכט אַ „ויצעקו" און געפאָדערט אויך אַן אָפּצאָל פאַרן פערד. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, און דער כלה'ס פאָטער האָט געמוזט געבן אַ דאָלאַר אויך פאַרן פערד...

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז ווען די קרעמעניצער שדכנטע איז געווען אויף שבת אין בעלאָזאַרקע, האָבן די מאַמעס פון מיידלעך

געטראָגן האָבער פאַרן פערד און די פּאָטערס היי, כדי דאָס פערד זאָל האָבן כוח ווייטער ברענגען בחורים קיין בעלאָזארקע...

אלמנות פון קרעמעניץ דערמאָנען דעם פּאָטשאיעווער רב מורא צו האָבן פאר גאָט

ביי די וואַלן פון הרב מינדיוק, דער איידעם פון פאַרשטאָרבענעם רב ראַפּאָפּאָרט, אַלס רב פון קרעמעניץ, דעם 15 יאַנואר 1933, זענען אַלע מאָביליזירט געוואָרן. ס'איז אויך געווען אַ לעבעדיקער בריוו־אויסטויש צווישן דער אלמנה פון הרב ראַפּאָפּאָרט און הרב אורעצקי פון פּאָטשאיעוו, וועלכער האָט געוואָלט אַרויס־שטעלן זיין קעגן־קאַנדידאַטור.

צום קולמינאַציאָנס־פּונקט איז דערגאַנגען מיטן עפענטליכן פּראָטעסט פון קרעמעניצער אלמנות קעגן פּאָטשאיעווער רב מ. אורעצקי, פאַר וועלן אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור. דאָס פּיקאַנטסטע דערביי איז דער אויפרוף פון די אלמנות וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרן אין דער „קרעמעניצער שטימע" אויף דער ערשטער זייט, און אַנטהאַלט די ווערטער: „ע ס א י ז ד אָ אַ ג אָ ט א ו י ף ד ע ר ו ו ע ל ט ו ו אָ ס א י ז א ב י י ת ו מ י ם ו ד י ן א ל מ נ ו ת — ה אָ ט מ ו ר א פ אַ ר א י ם ! פּ אָ ט ש אַ י ע ו ו ע ר ר ב !"

דער אויפרוף פון די אלמנות האָט געהאָלפן — און דער פּאָטשאַיעווער רב האָט זיין קאַנדי־דאַטור נישט אַרויסגעשטעלט.

מיר פאַרעפענטלעכן דעם פולן טעקסט פון דעמדאָזיקן אייגנאַרטיקן אויפרוף מיט אַלע אונטערשריפטן פון די אלמנות.

א עפענטלעכער פראטעסט פון קרעמעניצער אלמנות

„לעזענדיק אין צייטונג אייער בריוו, אין וועלכן איר אַנערקענט אַז איר שטעלט אַרויס אייער קאַנדידאַטור אַלס קהלה־רב אין קרעמעניץ וואָס דערמיט גייט איר נאָך מער פאַראומגליקלעכן די אַזוי אויך גענוג אומגליקלעכע אַלמנה און יתומים פונם זייער יונג פאַרשטאָרבענעם רב ראַפּאָפּאָרט ז"ל, געפינען מיר פאַר אונדזער חוב אַמשאַרפסטן צו פּראָטעסטירן געגן דעם טאָט.

מיר אומגליקלעכע אַלמנות, וועלכע פילן אויף זיך מער ווי יעדער אַנדערער דעם ביטערן גורל און גרויסן פיין פון אַלמנות און יתומים וואָס זענען פון גאָט געשטראָפט מיט דער אומגליקלעכסטער שטראָף, מיר אַלע באַשולדיקן אַמשאַרפסטן אייער האַנדלונג וואָס איז געווענדעט געגן דעם גורל פון אַ אַלמנה מיט אַ משפחה פון קליינע יתומים.

עס פּאַסט נישט פאַר קיין יידן בכלל, און פאַר אַ רב בפרט, צו גיין אונטערגראָבן דאָס לעבן און עקזיסטענץ פון אַ אַלמנה מיט יתומים, ובפרט נאָך אַ משפחה פון אַ זייער יונג פאַרשטאָרבענעם רב!

אויף אייך הרב אורעצקי, אַלס רב, ליגט דאָך אַ חוב צו פאַרטיידיקן און פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַלמנות און יתומים, וואָס זענען פאַראומגליקלעכט געוואָרן; אַ רב דאַרף דאָך זיין אַ מוסטער פאַר דער וועלט מיט זיין יושר און רחמנות. און לסוף ווילט איר נאָך טון אַזאַ אומ'יושר'דיקן און אומ'רחמנות'דיקן שריט, וואָס וואָלט געוויס געווען אַ בזיון און פאַרשוועכונג פון דער הייליקער תורה און פון מענטשלעכן געוויסן. ווו איז אייער יושר? ווו איז אייער רחמנות? און ווו איז דער פערבאָט פון דער תורה נישט צו פייניקן קיין אלמנות און יתומים?

איר וועט אינגאַנצן בלייבן שולדיק קעגן גאָט און קעגן מענטשן און איר וועט געשטעלט ווערן צום שאַנד־סלופּ פון דער וועלט, אויב איר וועט שטעלן אייער קאַנדידאַטור אויף קרעמעניצער רבנות! עס איז פאַר דעם קיין תירוץ נישט פאַראַן!

די טרערן פון פיל אַלמנות מיט יתומים, וועלכע פילן מיט דעם צער פון דער

אומגליקלעכער משפחה פון הרב ראַפּאַפּאָרט ז״ל, וועלן זיך ווענדן געגן אייך, און וועלן זיכער נישט פאַרפאַלן ווערן! ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט וואָס איז **אבי יתומים** ודיין אלמנות — האָט מורא פאַר אים! פאַטשאַיעווער רב!״

מיט גרויס צער, **אלמנות פון קרעמעניץ:**

ציפּה ווײנבערג, נאַדי שומסקי, פייגע ליטוואַק, איטע ראָזענפעלד, סטיסי לעמבערג, פעסי מאַנדעלקאָרן, גיטל האָכבערג, מרים זעלצער, מאַלי שעפּעטין, גיטל דאַלגאָשיי, רבקה גאָרנפעלד, רבקה בוים, פעלי שיינבערג,ביילע באָרשט, יענטע סאַמבירער, רבקה שטיינבערג, דבורה קריווין, פעסי רייץ, דאַנצי גיטעלמאַן, חיה פרידקעס, פעסי פרידמאַן, טויבע טעפּער, צביה שניידער, ביילה פונדיק, גאָלדע באַרשאַפּ, פייגע שטולבערג, פעסי כץ, ביילה דאלאשיי, אסתר גוז, חייקה לאַנדא, מ. פויזנער, אסתר אַקס, שיינדל פּאַלטאָראַק, אידיס ביעלאגוז, א. א.

אסתר לייבל־רובינשטיין (תל אביב)

מיין ערשטער טאָג אין חדר

איינמאָל שבת, אין עלטער פון 5—6 יאָר, האָט מיר געזאָגט מיין מומע ביי וועלכע איך האָט זיך דערצויגן, אַז צו מאָרגנס זונטיק מוז איך פרי אויפשטיין, ווייל דער באַהעלפער קומט מיך נעמען אין חדר אַריין, ביי דעם מלמד יואל קישקע. דאָס וואָרט חדר האָב איך שוין געוווּסט פון מיינע עלטערע ברודער און שוועסטער, אָבער אַ חדר האָב איך נאָך נישט געזען.

גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען. די מומע האָט מיך שיין אויסגעפּוצט, אָנגעטאָן דאָס שבת־קליידל און צוגעגרייט אַ ביסל עסן: ברויט מיט פּאַווידלא און אַ שטיקל חאלווא.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יונגער מאַן, אַ פּנים פול מיט פרישטשיקעס, רויטע אויגן און אַ לאַנגן נאָז, איינגעבויגן, געקליידעט שמוציק, אָנגעטאָן אין אַ אויסגעוואַקסן רעקל, קורצע אַרבל און די שיך פול מיט בלאָטע. זיין אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד, און אַ דערשראָקענע האָב איך מיך באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס פאַרטוך.

דער „באַהעלפער״ האָט מיך באַרואיקט, אויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און גענומען אויף די פּלייצעס. איך האָב מיט מיינע הענטעלעך אַרומגענומען זיין שמוציקן האַלז און אַזוי האָט ער מיך אַוועקגעפירט אין חדר: אַ לאַנג צימער מיט אַ גרויס פענצטער. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ הויכע באַנק אָנגעלייגט מיט מאַנטלען. איין לאַנגער טיש און ביי די זייטן צוויי בענק. ווו עס זענען שוין געזעסן קינדערלעך אין מיין עלטער. אין מיטן צימער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גרויסער שיינער האָן...

דער „באַהעלפער״ האָטמיך איבערגעלאָזט ביי דער טיר. איך קוק אויף די קינדער און זיי קוקן אויף מיר. פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ הויכע, דיקע שמוציקע יידענע, די מלמדיכע, און באַפעלט דעם „באַהעלפער״ מיך אַוועקזעצן צווישן די קינדער. באַלד קומט אַריין אַ שיינער הויכער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. דאָס איז געווען דער מלמד יואל קישקע, ער זעצט זיך אַוועק אויבנאָן, ביי דער צווייטער זייט פון טיש — דער „באַהעלפער״ מיט אַ גרויסן טייטל אין האַנט, און דאָס לערנען הויבט אָן.

מיט די עלטערע קינדער האָט געלערנט דער מלמד אַליין און מיט די קלענערע דער „באַהעלפער״. אין צווישנצייט פלעגט דער „באַהעלפער״ אויך איינדרימלען און נישט באַמערקן, ווי דער טייטל רוקט זיך איבער פון איין אות צום צווייטן. די קינדער זענען פאַרטומלט געוואָרן

אַבער דער מלמד האָט געלאָזט אין גאַנג די רוט, וועלכע איז תמיד געלעגן אָנגעגרייט ביי אים.

ווי נאָר דער מלמד האָט אויסגעשריען: „נו, ממזרים, גייט שוין פרעסן!“, איז אַלץ פאַרגעסן געוואָרן, עס איז ממש פאַרשוווּנדן געוואָרן דער פחד פאַרן „באַהעלפער“ און די שמיץ פון רבי׳ן וואָס איז אַריין אין אַ צווייט צימערל. דער „באַהעלפער“ האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טיש און איינגעשלאָפן... די קינדער האָבן גענומען עסן און גלייכצייטיק זיך פאַרנומען מיט אַ שפּיל, ווער וועט זיך מער איינשמוצן מיט די פאָווידלא פון ברויט וואָס יעדער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און מיט אַנדערע שטיפעריירן, ביז אַלע זענען אַראָפּגעפאַלן פון דער באַנק. דער געלעכטער און געשרייען איז געווען אין לשער.

אין דעם מאָמענט איז אַריין די מלמדיכע מיט אַ בעזים און מיט קללות: „לאַכז גלוסט זיך אייך! לאַכן זאָלט איר מיט יאַשטשורקעס!“

און אַ טויט־שטילקייט איז תיכף איינגעטרעטן.

משה סוראווסקי (ניו־יאָרק)

אַלט־קרעמעניץ

(בלעטערנדיק דעם אַלבאָם „גאַנץ קרעמעניץ“)

אַ פריינד וואָס האָט באַזוכט קרעמעניץ האָט מיר געבראַכט אַ מתנה „גאַנץ קרעמעניץ“ — אַ אַלבאָם בילדער פון מיין היים־שטאָט, וווּ איך האָב מיינע קינדער יאָרן און יוגנט פאַרבראַכט. מיט ציטעריקע הענט האָב איך דעם אַלבאָם געעפנט און זכרונות פון „אַלטע גוטע צייטן“ האָבן אויפגעוואַכט און צוריק אויפגעלעבט אין מיין זכרון פון מיין אויף אייביק פאַרלאָרענער היים...

דער וואָקזאַל

אמת, עס איז שוין נישט יענער וואָקזאַל וועלכער איך האָב איבערגעלאָזט ביי מיין פאַרלאָזן קרעמעניץ, דער וואָקזאַל וועלכן כ׳האָב מיט די אייגענע אויגן געזען ווי מ׳האָט אים געבויט. געווען בין איך דאַן אַ קליין יינגל און זיך אָנגעהערט אין חדר, אַז אויף דער וועלט גייען באַנען אויף פאַרע, נאָר ווי־אַזוי אַט די באַנען זעען אויס — אַט דאָס האָט שטאַרק געגבערט מיין יונגן מוח. פאַרן קיין רודניע — די באַן־סטאַנציע איידער מ׳האָט זיך גענומען בויען דעם וואָקזאַל ביי אונדז — האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט, גיין אַזוי ווייט, אפשר צוויי מייל, האָב איך מורא געהאַט פאַר גזלנים אין וואַלד. דערפאַר האָב איך געדולדיק געוואַרט ביז דער וואָקזאַל וועט אין אַ גוטער שעה פאַרטיק ווערן.

ס׳איז געווען אַרום פסח צייט ווען דער ערשטער צוג האָט געדאַרפט אָנקומען פון דובנע. נישט צו באַשרייבן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין קרעמעניץ! יידן האָבן איבערגעלאָזט די קלייטן מיט אַלע פרנסות, ווייבער האָבן דעם טאָג נישט געזויגן די קינדער, די שולן און חדרים האָבן געפּוסטעוועט, קינד און קייט זענען געלאָפן זען דאָס בייז־ווונדער... די גאַנצע שטאָט איז בוכשטעבלעך געווען ביים וואָקזאַל, ווען דער ערשטער צוג איז אָנגעקומען קיין קרעמעניץ.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס פאַראַ גוואַלדיקן איינדרוק דער מערקווירדיקער קומען פון לאָקאָמאָטיוו האָט אויף מיר געמאַכט. הײַנט די „וואָדאָקאַטשקע“ ווו דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער... דער קונציקער אופן ווי־אַזוי דער לאָקאָמאָטיוו איז אַריינגעפאָרן אין אַ קיילעכדיקן גרוב און בלויז איין איינציקער גוי האָט געדרייט מיט יאַ קליינעם ראָד און האָט דעם לאָקאָמאָטיוו אויסגעדרייט אויף צוריק... פּלאי פלאים!

די שטאָט האָט געאָטעמט מיטן אָנקומען פון דער באַן יעדן אינדערפרי און מיט איר אָפפאָרן יעדן אָוונט. יונגוואַרג האָט באַקימען אַן אָרט ווו צו פאַרברענגען אין דער פרייער צייט, און ווער שמועסט שבת — דעמאָלט זענען די וועגן פון דער שטאָט צו דער ראָגאַטקע און צום וואָקזאַל געווען שוואַרץ פון מענטשן און די פאַסאַזשירן — גויים נאַטירלעך — זענען אַרויסבאַגלייט געוואָרן מיטן גרעסטן פאַראַד... און יעצט איז פ ו ן י ע נ ע ם וואָקזאַל קיין זכר נישט געבליבן... פאַרברענט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אויף זיין אָרט שטייט אַ קליינטשיקער וואָקזאַל וואָס זעט אויס כמעט ווי אַ קרעטשמע...

די גרויסע שול

אך די שול... וויפל זיסע דערינערונגען ס׳זענען ביי מיר פאַרבונדן מיט אָט דער שול און מיטן שול־הויף... כמעט אַ העלפט פון מיינע קינדער־יאָרן האָב איך דאָ פאַרבראַכט, מחמת ווו נאָך איז פאַר יידישע קינדער געווען אַזאַ פרייער אַריינגאַנג און אַזוי פיל גראַמער פלאַץ זיך צו שפילן? וויפל פאַר שיך אַ שטייגער, דענקט איר, האָב איך צוריסן קלעטערנדיק און שפרינגענדיק פון דעם אַרומגעצאַמטן פאַרקן? ווו נאָך האָט מען זיך געקענט אַזוי קאַטשען אויפן גראָז און זיך פילן ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן? ווו האָב איך אין זיך אַריינגעזאַפּט אַזוי פיל חזנ׳ישע ניגונים? ווו נאָך האָט מען געקאָנט זעען אַזאַ גרויסן און הויכן ביז צו דער סטעליע מערקווירדיק שיינעם ארון קודש?

ווער רעדט שוין פון דעם גוואַלטיקן איינדרוק וואָס די גאַנצע שול האָט געמאַכט מיט אירע דויכע און מאַסיווע געזימסן, די שיינע הענגלייכטער וואָס זענען אַרונטערגעהאָנגען פון הויכן סופיט און היינט די ווונדערלעכע אַקוסטיק? דער שיינער און ברייטער אַריינגאַנג פון דעם פאָליש, די ברייטע טרעפ און דער גראָמער אַריינגאַנג צו דער שול איז ווי געבויט געוואָרן ספּעציעל אַז מיר, די חברה־לייט, זאָלן האָבן גענוג אָרט זיך צו וואַרפן און זיך צעשלאָגן איבער אַ ניסל אָדער צוקערקע, וואָס די ווייבער האָבן געוואָרפן צום אויפרופן פון אַ חתן צו דער תורה...

די בויער פון דער שול זענען זיכער געווען מענטשן מיט געשמאַק, און קיין בעסערן מאָנומענט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט שטעלן ווי די שול, פאַר וועלכער זיי האָבן אַוועקגעלייגט אַזוי פיל מי און אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט. דורות זענען געווען, דורות וועלן קומען, אָבער נאָך אַזאַ שול וועט מען שוין מער אין קרעמעניץ קיינמאָל נישט בויען...

שימעלע׳ס פלאַץ

פון דער שיל איבערצוגיין צום בילד פון שימעלע פאַסטוכ׳ס פלאַץ איז אַפילו אַ גרויסער שפרונג, אָבער דאָס בילד איז פאַרבונדן מיט די זיסטע דערינערונגען פון מיינע קינדער־יאָרן. אַ חוץ דעם האָט דאָסדאָזיקע פלאַץ געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע ביי דער יוגנט פון קרעמעניץ.

ווו האָב איך צום ערשטן מאל אין מיין לעבן דערזען אין זווערינעץ לעבעדיקע ווילדע חיות? — ביי שימעלען! אַ צירק, סיי אַ אָפענער אונטערן הימל, סיי אַ פאַרמאַכטער אין פּאַלאַטקעס — ביי שימלען! אַ „גוליאַניע“ פאַר גויים ביי וועלכער מ׳איז געקראָכן נאָך אַ רויט העמדל אויף אַ הויכן אָנגעזייפטן שטריק — ביי שימלען! דראַגונער מאַכן איבונגען אויף פערד — ביי שימעלען! אַ יאַריד — ביי שימעלען! קויפן און פאַרקויפן פערד — ביי שימעלען. אַלץ ביי שימעלען...

עס האָט אַפילו פּאַסירט אַז איך האָב שוין געהאַט אָפגעשפּאָרט גאַנצע 6 קאָפּיקעס פון חנוכה־געלט, בין איך מיר געגאַנגען צו שימעלען איינהאַנדלען אַ לאָשיקל... ווי שטאַרק איך בין מקנא געווען די שקצים׳לעך וועלכע זענען זיך אַזוי ברייטלעך געזעסן אויף זייערע טאַטע׳ס פערדלעך און אַראָפּגעקוקט אויף אונדז — יידישע קינדער — מיט אַזוי פיל גדלות און ביטול...

די באָד

נאָך שימעלע׳ס פּלאַץ גלויב איך, איז דאָס בעסטע פאַרווייַלונגס אָרט זיכער געווען די באָד... ערשטנס האָט מען זיך געבאָדן יעדן פרייטאָג, ווען מ׳איז אין גאַנצן פריי געוואָרן פון חדר מחמת די רביצין האָט בעדאַרפט מאַכן שבת אין שטוב. צווייטנס, איז מיר שטענדיק געפעלן דער גרויסער הו־האַ מיט דעם טומל וואָס איז געווען אין באָד. דורך דער פּאַרע האָט מען קוים געקאָנט זען איינער דעם צווייטן, און ס׳איז געווען אַ פרייד צו זען ווי־אַזוי טאַטעס זוכן זייערע קינדער וועלכע זיי האָבן געזוכט צו פאַרנאַרן אויף דער הויכער באַנק אויף וועלכער יידן זענען געזעסן און זיך געשמאַק געשמיסן די לייבער מיט בעזימלעך און דערביי געמאַכט געוואַלדן... דווקא אויף רוסיש: „פּאָדאַוואַי, פּאָדאַוואַי!“ אי פּאָ, פּאָ, פּאָ! און איינמאָל געדענק איך, האָבן מיר גאָר געהאַט נעבן דער באָד אַ פרייע און אומזיסטע פאָרשטעלונג... ס׳איז טאַקע געווען אין אַ פרייטאָג. פאָרט זיך אַזוי אַ ייד פון דעם באַרג (די טשערנטשע) מיט אַ וועגעלע זאַמד, שיינער בראָנזענער זאַמד וואָס ווייבער קויפן אויף שבת צו באַשיטן די ערדענע פּאָדלאָגעס. און אַזוי ווי ער פאָרט נאָר אַרויף אויף דעם הילצערנעם בריקל איבערן פּאָטעק ווו די באָד געפינט זיך, פּלוצים — טראַך! דאָס בריקל האָט זיך איינגעבראָכן און דער בעל־עגלה מיטן פערד און מיטן וועגעלע זאַמד פאַלן אַריין אין פּאָטעק... די גאַנצע שטאָט איז זיך דאַן צונויפגעלאָפן צו קוקן אויף דעם בייז־וווּנדער, און ס׳איז געווען זיכער אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון קרעמעניץ האָט זיך אַ פערד אָפּגעבאָדן אין פּאָטעק...

דער סאָבאָר

אין סאַמע האַרץ פון קרעמעניץ זע איך דאָס בילד פון דעם סאָבאָר מיט די קופּאָלן און גלעקער, וואָס האָבן אונדז שטענדיק כמעט ווי פאַרטויבט מיט זייער קלינגען. אמת, פאַר אונדז, י״דישע קינדער, איז דאָס נישט געווען קיין פּאַסיקער אָרט אַרומצודרייען זיך, כאָטש זייער ברייט איז ביים סאָבאָר געווען דער שטיינערנער טראָטואַר און גרויס דער פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע פאַראַדן.

דאָ, ביים סאָבאָר, האָט זונטאָג געקאָכט מיט לעבן און יידן האָבן געלייזט געלט, כאָטש די קלייטן זענען געווען אַ האַלבן טאָג פאַרמאַכט. יידן האָבן זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן אַפילו מיט פאַרמאַכטע טירן... איבערהויפּט האָט זיך דאָ שטאַרק געקאָכט „קרעשטשעניע“ — דאַן זענען אויף אָט דעם פּלאַץ צונויפגעקומען זיך אַזוי פיל גויים, אַז איך האָב זיך כסדר געוווּנדערט פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אין אַזאַ גרויסער צאָל... בסך הכל איז ביי מיר פון דעם סאָבאָר געבליבן אַ שלעכטער נאָכטעם...

די סעמינאַריע

אַ גאַנץ שטאָט כמעט פאַר זיך אַליין. גרויסע, הויכע, ווייסע טויערן, אַ וועלט מיט פענצטער און אַ הויכער פאַרקאַן וואָס ציט זיך אַרום דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער געהיימניספולער סעמינאַריע, ווו קיין יידישע פוס שטעקט קיינמאָל נישט אַריין. פאַר אונדז, יינגלעך, האָט זי נישט קיין שום צוציונגס־קראַפט.

בלויז איין זאַך האָט די קרעמעניצער יידן הנאה געטאָן פון דער סעמינאַריע: איר גרויסער זייגער מיט דעם ציפערבלאַט אויף אַ הויכער באַשניע. נישט געווען קיין שענערע פאַרווייַלונג אין אַ זומער־נאַכט, ווען די לבנה האָט געשיינט און די שטערן זענען געזען אויסגעשיט איבערן הימל, ווען מענטשן אויסגעמאַטערטע פון דער אומדערטרעגלעכער היץ זענען זיך געזעסן אויף די גאַניקעס אָדער אויף די טרעפּ און דער שלאָף האָט זיי נישט גענומען. — און אָט פלוצים הויבט אָן דער סעמינאַריע־זייגער צו שלאָגן און שלאָגט אויס גאַנצע 12 מאָל...

שיראקאיא אוליצא — די ברייטע גאס

דאָ האָב איך געוווינט. פון אונדזער גאַניק האָב איך זיך אַנגעזען מיט גענוג פּאַראַדן און געווען אַ גאַנצער מחותן מיט דער „מוזיקע"... אָבער דאָס שענסטע וואָס איך האָב אַמאָל געהערט אויף דער ברייטער גאַס, און וואָס קלינגט נאָך אין מיינע אויערן עד היום, איז געווען יעדן שבת פאַרטאָג, אַרום 4 אַ זייגער, ווען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך דורך פאַרמאַכטע לאָדן זייער דייטלעך געהערט ווי אַ ייד וואָס האָט באַגאַנגען עפּעס אַן עבירה האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו רופן די יידן אין שול אַריין און ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ האַרציקן נגון:

ישראל עם קדושים;
שטייט אויף, שטייט אויף,
לעבודת הבורא,
כי לכך נוצרתם...

די צאַרטע טענער וועלכע דער ייד האָט אויסגעזונגען יעדן שבת פאַרטאָג, שטייגט ביי מיר איבער אַלץ וואָס איך האָב ווען ס'איז געהערט...

דאָס בערגל אונטער דער גרויסער שול

און אָט קום איך צו, צו גאַנצע דריי בילדער מיטאַמאָל! דאָ האָבן מיר, יידישע קינדער, געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צו פאַרברענגען, איבערהויפּט אַז ס'איז געקומען דער לאַנגער ווינטער און מיט די ערשטע גרויסע שנייען האָט זיך איינגעשטעלט אַ שליטוועגס. ווּ איז אין גאַנץ קרעמענץ געווען אַ בעסערער און זיכערער אָרט זיך צו גליטשן און פאָרן אויף קאַנקעס, ווי אויף דער פּריצישער גאַס אונטער דער שול?

אַז ס'איז געקומען דער ליבער שבת קודש, מ'האָט שוין אָפּגעפּטר'ט דאָס לאַנגע דאַוונען, אָפּגעגעסן דעם מאַלצייט און פאַרביסן מיט דעם פעטן קוגל, די עלטערע מענטשן האָבן זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל נאָך אַ שווערער וואָך פון אַרבעט און זאָרג — דאַן איז די גאַנצע גאַס געווען פול מיט אונדז... פון וואַנען האָבן זיך צו יידישע קינדער גענומען אַזוי פיל שליטעלעך? ווי קומט צו יידישע קינדער דאָס פאָרן אויף קאַנקעס? און דאָך האָבן אונדזערע באַגייסטערטע געוואַלדן און קוויטשערייען פאַרהילכט די גאַנצע פּריצישע גאַס און אונדז פאַרשאַפט אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד!

איך קוק אויף דעם בילד פון מיין זיידן ר' איסר פינגערוט'ס שטיבעלע מיטן גאָרטן און מיט דעם גרויסן דעמבענעם בוים, וואָס איז שוין געווים האַלט אַ יאָר צוויי הונדערט אויב נישט מער, אך! ווי טייער מיר איז אָט דאָס שטיבעלע מיט דעם הויף... דאָרט האָב איך געהאַט אַ גראַמע קאַמער, וואָס זומער איז זי אויסגעליידיקט געוואָרן פון דעם האָלץ, און איך האָב געקאַנט דאָרט מאַכן אַ קאַטשעל און פאַרוואַנדלען די קאַמער אין אַ צירק פון וועלכן איך בין געווען סיי דער אַקראָבאַט, סיי דער קאַסירער און סיי דער גאַנצער בעל־הבית... דאָ אויף דעם גרויסן דויף איז געווען גענוג פּלאַץ זיך צו שפּילן אין סאָלדאַטן. אין דעם שאָטן פון אָט דעם דעמבענעם בוים האָב איך ליב געהאַט אַוועקצולייגן זיך זומער מיט אַ ביכל אין האַנט און זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם וואָס איך האָב געלייענט.

דער בולוואַר

איך זע דעם בולוואַר מיט דעם טויער וואָס פירט צום באַגאַיאָוולענסקי מאַנאַסטיר. כ'האָב אַ פּאָר מאָל ריזיקירט מיטן לעבן און דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן לאַנגן הויף פון דעם מאַנאַסטיר און בין אַרויס בשלום... אַזוי ווייט ווי איך געדענק, איז קיין יידיש קינד דאָרט קיינמאָל נישט

אַריינגעקומען, מחמת דאָרט האָט געוווינט דער ארכיערעי און ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע...

דערפאַר האָב איך געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דער בודקעלע (טשאַסאָווניע), וואָס האָט זיך געפונען נעבן מאָנאַסטיר. אין אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, זומער־צייט, האָט דאָרט געשפּילט די „מוזיקע", און ס'איז נישטאָ קיין בעסער פאַרגעניגן אויף דער וועלט ווי צו הערן שפּילן.

גאַנץ קרעמעניץ האָט ליב צו הערן זינגען און שפּילן. קרעמעניצער מיידלעך וועלן שטיין שעה'ן לאַנג אונטער די פענצטער, אַבי צו הערן ווי אַזוי כאַצקעלע קלעזמער מיט זיין קאַפּעליע שפּילן אַף אַ באַדעקנס... אפילו אַ קאַטערינשטשיק מיט אַ שותף וואָס שטעלט צענויף 4 ווענטלעך און ווייזט „באָקאַלעך" (מאַריאָנעטן), ציט אויך אַ גרויסן עולם.

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָטיוו וואָס דער קאַטערינשטשיק האָט געשפּילט. בשעת דער שותף זיינער האָט פאַרגעשטעלט ווי אַ שייגעץ גאַווורילע האָט זיך געקושט מיט אַ שיקסע און זיין קאָנקורענט האָט אים געגעבן מיט אַ דובינע איבער דעם קאָפּ און אים דער'הרג'ט. דערנאָך האָט אים דער מערדער טאַקע געוועקט און מיט אַ וויינענדיק קול געשריגן:

גאַווורילע סאָבאַטשע רילע,

ווסטאַוואַי, ווסטאַוואַי, וואָדקו פּיט!

נאָכער האָט מען דעם מת איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און געפירט צו דער לוויה, דער קונצנמאַכער האָט דערביי — צו דער אומבאַשרייבליכער פרייד פון עולם — אויסגערופן:

צדקה תציל ממות!

האָספּאָדאַ, דאַוואַיטע ראַשי,

ראַשי דאַוואַיטע...

פאַר אונדז, קינדער, איז די שפּיל געווען אַ זעלטענער פאַרגעניגן און מיר האָבן זיך גענוג אָנגעלאַכט דערביי, אַ וץ דעם איז די „פאַרשטעלונג" פאַרגעקומען אונטער דעם פרייען הימל און יעדער איינער האָט עס געקאָנט זען און קיין געלט האָט עס אויך נישט געקאָסט.

דער פּאָטעק

סיי די קרעמעניצער יידן און סיי מענטשן וואָס קומען באַזוכן קרעמעניץ לאַכן אין די הויפּענס פון דעם פּאָטיק... אמת, דער פּאָטיק איז אַזוי שמאָל און נידעריק, אַז אַפילו הינער קאָנען אים אַריבערשפּאַנען און פון באָדן זיך אין אים איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אָבער מיר, יינגלעך, האָבן זיך יעדן זומער אַן עצה געגעבן... מיר האָבן געאַרבעט ווי די ביבערס, צוזאַמענגענומען שטרוי, ברעטער, ערד און פאַרקאַטשעט די הויזן ביז ס'איז געוואָרן אַ קליין טייכעלע און ווען מיר האָבן זיך געפּלוסקעט אַזוי לאַנג, ביז די גויים האָבן דאָס דערזען און באַלד אַריינגעטריבן אַהין זייערע קאַטשקעס און מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן...

איינמאָל, געדענק איך, זומער, איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער געוויטער וואָס האָט פאַראורזאַכט אַן אמת'ע פאַרפלייצונג אין קרעמעניץ. אפשר דריי שעה נאָכאַנאַנד האָט עס שרעקלעך געדונערט, געבליצט, געקנאַלט און געקראַכט, מיר האָבן געמיינט אַז אַ מבול איז אַראָפּ אויף דער וועלט... ווען דער מבול האָט אויפגעהערט זענען מיר דאָס ערשטע געלאָפן זען דעם פּאָטעק.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ זעלטן בילד... דער פּאָטיק האָט געברויזט און געשטורעמט ווי אַן אמת'ער גרויסער טייך, דאָס וואַסער וואָס האָט געשטראָמט האָט אַריבערגעגאָסן דעם הויכן ברעג און מיט אימפּעט געטראָגן אויף זיינע כוואַליעס אַלץ וואָס איז געווען אויפן וועג — בוימער, ברעטער, קלעצער. מ'האָט גערעדט אַז אפילו מענטשן זענען דערטרונקען געוואָרן...

הדסה רובין (וואַרשע)

צוויי לידער

אַ הערבסט רעגן

ס'גיסט אַ רעגן, ס'שווינקט אַ רעגן
זאַמדן, סטעזשקעס, שליאַכן, וועגן,
און צודרייט זיי,
און צוקנייט זיי,
פּונקט ווי זויערטייג אויף ברויט.
קאַפּעט, כליאַפּעט,
שלאָגט אין דעכער,
בויערט אויס אין סטעליעס לעכער,
און באַנעצט די נויט;
קאַפּעט־קאַפּעט צו ביסלעך
אין ערדערנע שיסלעך,
אַמאָל פאַרנעצט ער פיסלעך
פון אַ קליינטשיק קינד.
בלויע פיסלעך, דאַרע הענט
אַלטע, קאַלטע, נאַסע ווענט
איינגעהויקערטע דורך ווינט.

ס'שמייסט אַ רעגן, ס'שווינקט אַ רעגן
זאַמדן, סטעזשקעס, שליאַכן, וועגן
און צושמעטערט
פוילע בלעטער,
מישט זיי אויס מיט ליים.
ריטשקעס לויפן, לויפן גיך.
שווענקען לעכערדיקע שיך.
רייסן, שלעפן ווייט מיט זיך
שטיקלעך האָלץ און בערגלעך מיסט.
לאַנגע געסלעך ווערן פּוסט.
ס'יאָגט זיך איבער זיי דער ווינט
רייסט ביי עקן און מאַכט חוזק
פון נעבעך הונגעריקע הינט.

ס׳גיסט אַ רעגן, ס׳שווענקט אַ רעגן
זאַמדן, סטעזשקעס, שליאַכן, װעגן,
און צודרייט זיי
און צוקנייט זיי
פונקט ווי זויערטייג אויף ברויט.
קאַפּעט, כליאַפּעט, שלאָגט אין דעכער
בויערט אויס אין סטעליעס לעכער
און — באַנעצט די נויט.

„קרעמעניצער שטימע״ 9.10.1931

דער ערשטער שניי

אויף אַ בערגעלע שטייט אַ שטיבעלע
אַ אַלט שטיבעלע, אַ אַלטער פּלויט.
איז דאָ אין שטיבעלע אַ סך קינדערלעך
נאָר אין שטיבעלע איז נישטאָ קיין ברויט.
דאָ אַ באָבעלע אויך אַ אַלטיטשקע
וואָס פאַרליידט נישט קיין געשריי
אי דאָס שטיבעלע, אי דאָס בערגעלע
זענען אויך באַדעקט מיט שניי.
זאָגן קינדערלעך: אוי אַ שליטעלע
אוי אַ שליטעלע איבער שניי!
זאָגט די באָבע: ווער מיר שליטעלעך,
וויש אָפּ די נאָז און גיי!
ציען קינדער אויס ברודנע העלזעלעך
צו דער קאַלטער שויב,
און די באָבע לעב אַזאַ אַלטיטשקע
נאָר איז גאָרנישט טויב...
זעען קענדערלעך דורכן פענצטערל
נאָר אַ ווייסן פּלויט,
ווערט זיי נמאס גיך, און דערמאָנען זיך,
אַז זיי ווילן ברויט.
איז די באָבע לעב שוין אַ אַלטיטשקע
פאַרליידט נישט קיין געשריי.
זאָט זי: ס׳איז נאָך פרי, דערווייל קוקט אייך צו
ווי ס פאַלט דער ערשטער שניי...

„קרעמעניצער שטימע״ 15.1.1932.

הײנאַך קעסלער (ניו־יאָרק)

קרעמעניצער צונעמען

א. די „טשערעדע"

אײזיק די קיה
יענקל די שאָף
פײביש קעלבאַלעס
יורש מיט דער קיה
יענקל צאַפּ
שימעלע פאַסטוך
קיבע (עקיבא) לוויתן
פערטל עוף
רחל פון די גענז
מײזעלע
אברהם־יואל טשיזשיק

ב. צוגאָב צום פריוואַטן נאָמען

ר' אברהם פיפיק
אברהם ציצקע
אברהם פאַרשטײ
אברהם שפּרינג אין בעט
אײזיק פאַרע
אײזיק שליסעלע
אידל צאַפּ
אהרן מיט די גלעקלעך
בערל חזיגל
באַסי די מויד
דוד'ל קאַראַל
דוד וואָס
דוד פאַרך
הערש שקראַבאַלניק
הערש מענדל עמלק
הײנאַך קאַפּאַטע
הײנאַך מיטן בלאָט
הינדע די סאַרווערן
זעליג אָדער
זאַלמענישקע
חאַסקל באַלעבאָס
חיים דזשינזשיק
חײקל פון די קרעמעניס
יואל קישקע
יואל פון דער לײוועגט
יוסי דיטינע
יאַשקאַ פאַנימאַיעש
יעקל שקאַליק
יאַנקל דער לאַנגער
יאַנקל זאַווערעכע
יאַנקל באַרטש
יאַנקל פלאַכט
ליבע די גראַבע
לײבעניו אַטיעץ
לײביש ספּאַדעק
לײזער דרײקאָפּ
לײזער דער געדרײטער
מענדל פונם פּלאַץ
מאָטי קאַשע
מוני זשמעניע
משה היפּש
משה שיבעע
משה קאַדושקע
משה קאַדוניק (כדונג ?)
משה פאַוויטיניע
משה קראַפּ
נתן סאָלדאַט
פיניע פּיציאַציע
פישקע גענעראַל
פעסיע די מילכיקע
קלמן די מאַמע
שאַיע טיוטיע
שימעלע פאַסטוך
שמחה גאַרגל
שלמה סאַנדיס
שואל קאַזעראַצקע

ג. פאַרשידענע צונעמען

בעזאָלק
ביזעם קעשענע
באַשקעער
בילעטשיכע
ברויט מיט שמאַלץ
גרויסעכע
דער מלאַך
דער חוימער
די טערקיניע
וויזעלע
וואַרניטשקע
טאַטע פויש
טאַדי באַדע
טשעטירע הראַשי
טאַפּ טײגלעך
טרענטעל
טשערדיניק
טאַראַשטשעכע
מלאך המות
ספּאַסיבאַ זאַ תורה
פּיציעריציע
פאַפּאַליק
פאַנטשעכע
ציקאַריע
קאַלטעלעכע

מאטיע קארניץ (ירושלים)

קרעמעניצער טיפן

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין שווער
און שוויגער חיים און פייגע באַקימער. ת. נ. צ. ב. ה.

יידן פון אַ גאַנץ יאָר, פשוטע, אָן באַזונדערע פרעטענזיעס, געפירט אַ שטיל לעבן, געצויגן דאָס ביסל חיונה מיט מער אָדער ווייניקער הצלחה, ווער פון האַנדל און קרעמעריי און ווער פון אַרבעט און מלאָכה. נישט קיין פרומאַקעס אָבער אויך נישט קיין אַפּיקורסים, חלילה. „וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט". געלערנט די קינדער אין „שקאָלעס" און געשיקט אויך אין תלמוד תורה אָדער אין חדר לערנען יידישקייט. קליינע דאגות און קליינע שמחות, אָבער ווייט פון מרה שחורה. פאַרקערט, ליב געהאַט אַ וויץ, אַ גלייך־ווערטל, און געלאַכט מיט האָפנונג מיט „אם ירצה השם"...

דאָס איז געווען דער רוב בנין און רוב מנין פון יידישן קרעמעניץ.

האָט זיך יעדער איינער געפונען זיין „סגאל". געלעבט בשכנות מיט זיין גלייכן פון פאַך אָדער פרנסה, און געדאַוונט אין „זיין שול" און זיין „שטאָט". דער שניידער פון שניידער־גאַס האָט געדאַוונט אין שניידערשן שולכל. דער קצב — אין קצבישן בית־מדרש א. א. וו.

געווען איינער מיטן צווייטן היימיש אויפגעלעבט, געוווּסט וואָס ביי יעדן איינעם אין טעפל קאָכט זיך... און זיך גערופן לויטן פאַך: מנשה שוסטער, חיים גרשון שניידער, לייבטשע קצב. אָפט פלעגט דאָס פאַך אָפּטרעטן אַ צונאָמען, וואָס האָט זיך דעם אָדער יענעם יידן צוגעקלעפּט על פּי צופאַל, דורך אַ משונה׳דיקן פליטת פה אָדער טאַט. פלעגט דער בעל־אַצונאָמען דאָס אָנעמען מאַר ליב, אָן התפעלות, להיפך, ער אַליין פלעגט דאָס אונטערשטרייכן ביים שמועסן מיט מענטשן: „איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, איך אייזיק שליסעלע וועל שוין אייך דאָס געלד פאַרשאַפן"; אָדער: „איך פיניע פיציאַציע זאָג אייך..." א. א. וו. דער צונאָמען האָט געהאַט אריכות ימים און פלעגט איבערגיין בירושה צו קינדער און קינדסקינדער.

וויל איך דערמאָנען אַ קליינע צאָל פון די פשוטע יידן, וואָס זענען מיר צופעליק אין זכרון געקומען, און פאַרצייכענען עטלעכע טיפן וואָס זענען אונדז אַלעמען באַקאַנט.

יידל שוסטער

געהייסן האָט ער פאָרטנאָי, אויף רוסיש הייסט עס אַ שניידער, אָבער פון פאַך געווען אַ שוסטער, האָט מען אים גערופן פשוט יידל שוסטער. אַ גוטער בעל־מלאכה און דערצו אַ כלל־טוער. באַזונדערס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן הקדש, ביקור־חולים און מושב־זקנים. פיל מיטגעהאָלפן אָרעמע און געהאַט אַ גוטן נאָמען.

דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט האָט געהערט צו אים און צו זיין שכן יוסל שניידער, און איז באַשטאַנען פון צוויי דירות. כדי עס זאָל נישט זיין קיין קנאה צווישן די ביידע, פלעגן זיי זיך יעדע פיר יאָר טוישן מיט די דירות. אַזעלכע גוטע שכנים איז אַוודאי שווער צו געפינען.

חיים גרשון שנאַדער

זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען נאָדל, פון פאַך טאַקע אַ שניידער און גערופן האָט מען אים „חיים גרשון שנאַדער" מיט אַ ברייט צוצויגענעם „אלף". אַ גוטער בעל־מלאכה, פאַר אַלע חתנים

געניים חתונה־מלבושים. אויך די קריסטלעכע אינטעליגענץ האָט זיך גערעכנט צווישן זיין קליענטור, און געווען פון אַלעמען געאַכטעט. זיין פּאַטריאַרכאַליש אויסזען האָט עפּעס ווי געמאָנט צו זיך דרך־ארץ. חשיבותדיק מיט אַ געמאָסטענעם טראָט פלעגט ער גיין ערב שבת, אָדער ערב יום־טוב, צעטראָגן די ניי־גענייטע אָנצוגן צו זיינע קליענטן, זעלבסט־זיכער און צופרידן פון זיין אַרבעט: בישקשה, איך חיים גרשון שנאַדער טו מיין אַרבעט בשלמות, ביי מיר וועט איר קיין פּגם ניט געפינען...

מרדכי שניידער

א.יך אַ שניידער אָבער שוין אַ דאַמען־שניידער. זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט. אַ הויכער ייד, תמיד זיך געיאָגט, קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט, באַרימט האָט ער זיך מיט די שיינע מלבושים וואָס ער פלעגט נייען פאַר די כּלות צו דער חתונה. און אַז ער פלעגט מעסטן די מלבושים דער כלה איז די גאַנצע משפּחה געווען דערביי, אַלע האָבן געזאָגט מבינות און אַלע האָבן געשעפּט נחת. מיט איין וואָרט, מרדכי שניידער האָט זיך זיין גוטן נאָמען כשר פאַרדינט.

וויזאלע

זיין משפּחה־נאָמען פאַרגעסן, געווען אַ פּרויען־שניידער אָבער גערופן האָט מען אים פּשוט וויזאלע, ווייל ער איז געווען אַ קליינער. נישט געווען קיין ערשט־קלאַסיקער שניידער, אָבער געהאַט זיינע קליענטן. ווען עס פלעגט אַריינפאַלן אַ נישט־יידישער קליענט איז ממש געווען צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי ער פלעגט זיך פאַרשטענדיקן מיט אים, ווייל רוסיש האָט ער נישט געקענט. מעסטן פלעגט ער זייער שנעל, גערעדט מיט די הענט, און ווען עס איז געקומען צום באַצאָלן האָט ער זיך פריהער ג.ט איינגעחזרט וויפיל צו פאַרלאַנגען.

יאנקל וואסערטרעגער

„יאַנקעל אי סינאַוויאַ" — זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען קאַדושקא (אַ פּאַס), אָבער גערופן האָט מען אים יאַנקל וואַסערטרעגער. געהאַט האָט ער צוויי זין, חיים פּנחס און משה. דער טאַטע מיט די זין האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון טראָגן וואַסער.

די זין האָבן זיך געהאַט זייערע „שוואַכקייטן": חיים פּנחס האָט ליב געהאַט זייגערס. פון די ווייניקע הכנסות האָט ער אָפּגעשפּאָרט גאַנצע צוויי רובל און זיך געקויפט אַ זייגער, וועלכן ער פלעגט טראָגן אַלע טאָג. ווי נאָר ער האָט אָפּגעשפּאָרט ווידער אַ ביסל געלט, האָט ער זיך געקויפט אויך אַ גאָלדענעם זייגער. שבת און יום־טוב פלעט ער טראָגן ביידע זייגערס און אויף דער פראַגע „ווי שפּעט איז", פלעגט ער פרעגן: אויפן שבתדיקן אָדער וואָכעדיקן זייגער? צום סוף האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ דריט קליין זייגערל וואָס ער פלעגט האַלטן אין דער אויבערשטער בוזעם־קעשענע, טאָמער וועלן ביידע זייגערס קאַליע ווערן...

דער צווייטער זון משה האָט ליב געהאַט שבת אַרויסגיין אין אַ פּאָר שיך וואָס סקריפּען, און דאָס איז געווען זיין גרעסט פאַרגעניגן...

משה היפש

אַ פּשוטער ייד, געווען אַ טרעגער און דערפון געצויגן זיין חיונה. נאָך אויף דער עלטער פלעגט ער נעמען אויף זיינע פּלייצעס אַ זאַק מעל פון פינף פוד אָדער גאָר אַ פּאַס הערינג, צוויי מאָל אַזוי פיל שווער. אויסער דעם האָבן אַנדזערע סוחרים אים געדונגען צו גיין איבער די גאַסן און אויסשרייען וועגן זייערע סחורות. און אַזוי פלעג ער אויסשרייען: פרישע

פיש, קומט ווייבער, היפּשע ווייבער, קויפט פיש אויף שבת, היפּשע פיש, גוטע פיש, היפּש, היפּש!

פונדאַנעט אויך זיין צונאָמען „היפּש".

פון די אַלע מלאכות האָט ער אָבער געלעבט אין גרויס דחקות, זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט און געווען אַ אָרענטלעכער ייד.

שלום פּייקע

אָנגעהויבן האָט ער אַלס טאָקער און פאַרענדיקט אַלס טרעגער. גערופן האָט מען אים פּייקע, מיט אַ דגש אין דעם אות פּ, אָבער ריכטיקער וואָלט געווען אָן אַ דגש, ווייל אַלס טאָקער האָט ער זיך געמאַכט אַ פייקע און זי תמיד געדריכערט. מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער זיך טועה געווען און אָנשטאָט פייקע אָן אַ דגש, אַרויסגעזאָגט פּייקע מיט אַ דגש. פון דעמאָלסט אָן איז זיין נאָמען פאַרבליבן פּייקע.

ווען ער איז געווען אַ טאָקער, איז ער אויך געווען אַ גרויסער קבצן און פלעגט וווינען אין אַ לאָך.

מיט דער צייט ווען עס איז אים אַ ביסל בעסער געגאַנגען, האָט ער אָפּגעשפּאָרט 25 רובל און זיך צוגעבאָרגט נאָך 25 רובל, אָפּצוצאָלן יעדע וואָך אַ האַלבן רובל, און צוזאַמען מיט שמעון דיים דעם מילער זיך אויסגעבויט צוויי קליינע הייזלעך אויף דער צווייטער זייט פונם פּאָטיק, ווו מען פלעגט אָפּשיטן דאָס מיסט פון דער שטאָט.ביידע זענען געווען גוטע שכנים אַלע זייערע יאָרן.

הינדע די גרויסע און הינדע די קליינע

ביידע האָבן געהייסן הינדע און ביידע זענען געווען סאַרווערינס, איינע אַ גרויסע און איינע אַ קליינע. און גערופן האָט מען זיי: הינדע די גרויסע און הינדע די קליינע.

אויף אַלע חתונות פלעגט מען זיי רופן, און אַלץ איז געווען שיין און גוט צוגעגרייט מיט געשמאַק און אויך מיט פיל האַרץ. די מחותנים און די געסט פלעגן הנאה האָבן און פילן ממש דעם טעם פון גן־עדן.

הערש קלעזמער

זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען קאָמעדיאַנט. די קינדער פלעגן זיך שעמען דערמיט און זיך רופן קאָמענדאַנט, אָבער קרעמעניצער יידן פלעגן אים רופן הערש קלעזמער. ער און זיין גאַנצע משפּחה זענען געווען מוזיקאַליש באַגאַבטע קלעזמערס, און פלעגן שפּילן אויף חתונות און יידישע שמחות. אַ וווּנדערבאַרער אָרקעסטער איז געווען די גאַנצע משפּחה, הערש מיט אַלע קינדער: משה, אייזיק, יאָסל, שרה און מלכה. אַלע האָבן געשפּילט אויף פאַרשיידענע אינסטרו־מענטן, אָבער דער פּויקער איז געווען טוביה דער וואַסערטרעגער, וואָס איז נישט געווען אַפילו אַ קרוב. דריי גאַנצע יאָרן האָבן זיי מיט אים איינגעקנעלט ווי צו קלאַפּן אין דעם פּויק, אָבער נישט איינמאָל האָט ער זיי אַנטוישט...

משה טאַטע

פּ'ן פּאַך אַ מלמד און געלערנט האָט ער יינגלעך און מיידלעך דאַוונען און פאַרטייטשן די סדרה. קיין גרויסער תלמיד־חכם איז ער נישט געווען און קיין סך תורה האָט ער זיינע תלמידים נישט געקאָנט געבן, ער האָט מאריך ימים געווען און געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאָר.

געווען אַ בחור זיין גאַנץ לעבן, האָבן דווקא א י ם די קינדער אין שטאָט גערופן משה טאַטע.

אײזיק שליסעלע

זיין פאַמיליע־נאָמען ממש פאַרגעסן, הגם ער איז געווען זייער פאָפולער אין שטאָט. האָט אַ סוחר געדאַרפט געלט אויף אַ שטיקל צייט, איז גענוג געווען צו ווענדן זיך צו אייזיק שליסעלע און דאָס געלט איז פאַרשאַפן געוואָרן. ווער איז דער מקור פון געלט? דאָס איז געווען אַ סוד, און אייזיק שליסעלע האָט דעם סוד געהיטן מיט עקשנות. געוווּסט האָט מען נאָר, אַז ער פלעגט פאַרשאַפן געלט נאָר צו זיכערע הענט, ווייל דאָס געלט איז געווען באַשטימט פאַר הייליקע צוועקן: מאַמעס פלעגן שפּאָרן נדן פאַר זייערע טעכטער א. ד. ג.

לייבעניו אטיעץ

אַ ייד אַ חכם, געלעבט פון דער לופט... אַ פריץ אָדער אַ גלח האָט געוואָלט עפּעס פאַרקויפן און לייבעניו אָטיעץ איז געוויר געוואָרן, האָט ער שוין באַשאַפן אַ קונה, געמאַכט דאָס געשעפט און פרנסה — אויף אייניקע חדשים.

דעם נאָמען אָטיעץ האָט ער באַקומען צוליב זיינס אַ טעות. אין אַ געשפּרעך מיט אַ גלח האָט ער זיך טועה געווען, און אָנשטאָט אים רופן „באַטיושקאַ" ווי מען איז זיך נוהג, האָט ער אים אָנגערופן„אָטיעץ". דער גלח האָט זיך באַליידיקט און איז אַוועק פון אים. אַ ייד אַ צווייטער איז בעווען בשעת מעשה, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „אָטיעץ" — און דערדאָזיקער נאָמען איז געבליבן פאַר זיין גאַנץ לעבן.

מלכה די לאַנגע

געהייסן האָט זי יאַדאָשליוער. גערופן האָט מען זי אָבער מלכה די לאַנגע. געוווינט האָט זי אויף דער ווישנאָוויצער ראָגאַטקע אָבער תמיד געווען אין שטאָט. מען האָט זיך פשוט געפרעגט, צי וואָס דאַרף זי אַ דירה און ווער קאָכט פאַר איר אין שטוב. תמיד איז זי געווען פאַרנומען מיט די קאָמיסיאָנס־געשעפטן אין שטאָט, זי איז געווען אַ פאַרמיטלערין ביי תבואה־פאַרקויף, אַ קלוגע יידענע און מיט שכל געפירט אירע געשעפטן.

באבציע פון די פיש און באבציע פון דער פוטער

צוויי באָבציעס זענען זיי געווען, — איינע האָט געהאַנדלט מיט פיש און די צווייטע מיט מילכיגס. פלעגן קרעמעניצער באַלעבאָסטעס אָנקווען פון זיי. און טאַקע אַ דאַנק „פריער גאָט און נאָכדעם די באָבציעס", איז „די שטאָט" געווען פאַרזאָרגט מיט אָט די צוויי הויפּט־פּראָדוקטן: אויף שבת, יום־טוב מיט פריש צאַפּלדיקע פיש, און מיט פוטער, סמעטענע, קעז, — אויף די וואָכן־טעג.

ביידע זענען געווען אָנגעלייגטע געסט ביי די קרעמעניצער באַלעבאָסטעס, ווייל זיי האָבן נישט געוואַרט ביז זייערע קונדן וועלן קומען צו זיי, נאָר פלעגן ברענגען די סחורה אין שטוב, ממש, יעדן איינעם אין קיך. און אַז אַ אָרעמע באַלעבאָסטע האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, איז „נו, מילא, עסט געזונטערהייט, איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן". און אַ סך אָרעמע באַלעבאָסטעס פלעגן עסן געזונטערהייט און דאַנקען „פריער גאָט און נאָכדעם באָבציען, אזא ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, אמן"...

רחל פון די גענז

חנוכה־צייט פלעגט מען פרעגלען גענזענשמאַלץ אויף פסח. פון יידישע שטיבער האָט אַרויסגעשמעקט אויף ווייטנס דער ריח, און קינדער פלעגן אומגעדולדיק אַרויסקוקן אויף די

געשמאַקע גריוון. איז דאָס געווען דער סעזאָן פון „רחל פון די גענז״, וועלכע פלעגט שעכטן גענז און פאַרקויפן די באַלעבאָסטעס שמאַלץ צו פרעגלען באַזונדער און „אָבדירקעס״ (אָפּגעשינדענע געגנזלעך) באַזונדער. ווי אַ סך אַנדערע און אונדזער שטעטל האָט מען אויך איר נאָמען נישט געוווסט, אָבער אויף וואָס דאַרף מען דאָס? ווער קען דען נישט „רחל פון די געגנז״? אַ נידעריקע ברייטע יידענע, שטענדיק אין פאַרטוך, מיט צוויי קוישן אין די הענט, פול געפּאַקט מיט „אָבדירקעס״, האָט מען שוין אויף אַ מייל געוווסט אַז זי דערנענטערט זיך — לויטן ריח פון גענזנשמאַלץ. אָט אַזוי האָט זי זיך איר ביסל יאָרן אָפּגעלעבט, און מ׳האָט אַפילו געזאָגט אַז זי האָט שיין פרנסה.

פערל ציקאָריע

איר נאָמען איז געווען פערל בעזנאָסקאַ, אַ נאָז דאָך געהאַט, אַ שוואַרצע געווען און פון דעם שטאַמט דער נאָמען ציקאָריע. אַ קליינע געווען און פאַרקויפט אויף אַ גרויסן בעקן גוטע בטעמדיקע אייער־קיכלעך. די רוסישע בעאַמטע אין שטאָט פלעגן רופן די אייער־קיכלעך „כרוסט״ געוווינט האָט פערל ציקאָריע אונטער דעם פּאָטיק אין שכנות מיט שלום פייקע.

יצחק וואקמאַן (ניו־יאָרק)

ר׳ שלמה קאָוואַל

אַ ווייסע קאָלטענעוואַטע באָרד, אויגן בלויע, תמיד אונטערגעזונגען עפּעס און תמיד פאַר־טראַכט — אַזוי איז איינגעקריצט זיין געשטאַלט אין מיין זכרון.

אַ ייד אַ חכם — געוווינט ביי שפיגלערן און טאַקע דאָרטן געהאַט זיין וואַרשטאַט. וואָס האָט דען ר׳ שלמה קאוואל נישט געקענט פאַרריכטן? און גוט פאַרריכטן. נישט קוקנדיק דערויף איז ביז גאָר שווער געווען מיט פרנסה. מילא אַ גאַנצע וואָך — אָבער ווו נעמט מען אויף שבת? זיצט זיך אַזוי ר׳ שלמה אין דער קוזשניע און קוקט אַרויס אויף אַ קונה — ס׳איז מיטוואָך און מאָרגן איז דאָך דאָנערשטיק און ווו נעמט מען אויף שבת? — אָט קומט אַ באַקאַנטער גלח און טראָגט עפּעס פאַרפּאַקט אין אַ צייטונג־פּאַפּיר. אַ „יעזוסל״ מיט אַ צעבראָכן פיסל — וועסט עס קענען פאַרריכטן אַז מ׳זאָל נישט דערקענען? — יאָ „באַטיושקא״ — זאָגט שלמה. וואָס קען דען שלמה קאוואל נישט מאַכן. נאָר איך וויל אַ רובל, „באַטיושקא״. איך וועל דיר געבן אַ רובל און נאָך פופציק קאָפּיקעס — זאָגט דער גלח. און שלמה שטייט און רעדט צו זיך אַליין — רבונו של עולם וואָס פאַר אַ טייערער און זיסער גאָטעניו דו ביסט! דו צוברעכסט די הענט און פיס פון זייערע געטער אבי שלמה׳ן צו געבן אויף שבת...



אַלט קרעמעניץ.

קרמניץ העתיקה

ד א ק ו מ ע נ ט ן

אפרופן פון די 60־ער יארן

אין „ראזסוויעט“ פון יאָר 1860 (נומער 35), לייענען מיר צווי. אַנד. פאָלגענדע שורות:

...„מיט צופרידענהייט מוזן מיר פעסטשטעלן אַז די דאָרטיקע (קרעמעניצער) יידן האָבן זינט אַ לענגערער צייט שוין, אַן אַנדער קוק אויף זייערע לעבנס־אינטערעסן בכלל און אויף בילדונג בפרט: זיי זענען שוין מער־ווייניקער דורכגעדרונגען מיט אַ באַדערפעניש צו געבן זייערע קינדער אַ פיינע ערציונג, וואָס עס ווערט פאַרווירקלעכט אין לעבן. אויך די פרויען שטייען נישט אָפּ פון דער מאָדערנער דערציונג, טראָץ דעם, וואָס עס עקזיסטירן נישט קיין פּאנסיאנען...“ עס געפינט זיך דאָרט אַ ערשט־ראַנגיקע אָנפאַנגסשול, אָבער די דערפאָלגן אירע זענען נישט קיין גלענצנדע, אויב מען זאָל גלויבן די קלאַנגען וועגן דעם. מיט פאַרגיניגן באַמערקן מיר, אַז די מיידלעך רעדן אַ שיינעם רוסיש, פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש. אַ באַזונדערע ליבע ווייזן זיי אַרויס צו דער לעצטער שפּראַך. אין הינזיכט פון באַקליידן זיך און וועלטלעכע באַנעמונגען, שטייען זיי נישט אָפּ פון די נישט פראָווינציעלע שטעט. צוליב דעם האָבן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך געשטעמפּלט קרעמעניץ פאַר אַ אַפּיקורסישע שטאָט...“

אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ דערציילט דער מחבר וועגן אַ טרויעריקן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ 16־יעריק מיידל פון אַ זייער אָנגעזעענער קרעמעניצער פאַמיליע. דאָס מיידל איז דורך אייניקע פאַנאַטיקער פאַרנאַרט געוואָרן אין דערבייאיקן מאָ־אַסטיר, מיטן צוועק זי צו שמד׳ן. אַ יאָר צייט האָט זי זיך דאָרט געמאַטערט. מיט גרויס מי האָט זיך דעם אומגליקלעכן פאָטער איינגעגעבן אויסצופועלן ביי דער העכערער מאַכט מען זאָל זיין קינד באַפרייען. מען האָט זי בעפרייט, אָבער דאָס פאַרברענגען אַ יאָר אין מאָ־אַסטיר האָט איר טייער געקאָסט: זי האָט פאַרלוירן איר אומשולדיקייט... און דער מחבר פאַרענדיקט מיט איין אויסרוף: „עס איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסן ווי־אַזוי די געשיכטע וועט בעטראַכטן דעם פאַל, וועלכער האָט געקאָנט געשען אין 19־טן יאָרהונדערט...“

אונטערגעשריבן איז די קאָרעספּאָנדענץ דורך אַ געוויסן י. ראזענטאַל.

איבערגעזעצט און איבערגעגעבן צום דרוק פון א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ר אָ ז ע נ ט אַ ל.

„קרעמעניצער שטימע“

20.11.1931 נום. 8

ל. ראָזענטאַל

די פֿאַרשטערטע „מאַסוווקע"

(עפּיזאָד פון אַמאָליקן אַרבעטער־לעבן אין קרעמעניץ)

דער ערשטער שטרייק, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן ביי די דאַמען־שניידער („שניידער מיידלעך" האָט מען זיי דעמאָלסט גערופן) האָט געדויערט דריי חדשים. עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן איין־און־איינציקע פאָדערונג: פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג פון 16 אויף 10 שעה.

אַ גרויסע שמחה איז געווען, אַז מען האָט דעם שטרייק געוווּנען. ס'האָט זיך נאָר אונטערגעגעבן דער ערשטער בעל־הבית, האָבן שוין נאָכגעגעבן אַלע איינער נאָך דעם צווייטן. געווירקט האָט נאָר דאָס, וואָס מען האָט פאַרשטרייקט פאַר דעם סעזאָן. יעדן אָוונט, אַז עס איז געקומען 8 אַ זייגער, פלעגן זיך די מיידלעך באַוויייזן אין גאַס פון דער אַרבעט. אויב איינע האָט זיך פאַרהאַלטן אין אַ שטוב, איז מען געגאַנגען זי אַרויסרופן. די בעל־הבתים האָבן געשאָלטן אויף לינקס און אויף רעכטס, נאָר עס האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן.

די אָנפירערס פון שטרייק האָבן זיך דערווייל געשטעלט פאַר אַ אויפגאַבע צו לערנען די מיידלעך לייענען און שרייבן. כמעט קיינע פון זיי האָט נישט געקאָנט לייענען (פון שרייבן איז אָפגערעדט). גאָר אַ נישטיקע צאָל האָט עפּעס געלערנט. בעת זיי פלעגן גיין עסן מיטאָג, פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן צו דער רביצין, וועלכער מען האָט געצאָלט 10 גראָשן (5 קאָפּ.) אַ וואָך — און מען האָט זיך געלערנט דאַווענען. מען קען זיך פאָרשטעלן וויפל מען האָט זיך געקענט אויסלערנען ביי דער רביצין, אַז דאָס לערנען מיטן עסן האָבן מער ווי אַ האַלבע שעה נישט געטאָרט דויערן...

ווינטער־צייט, אין די גרויסע פרייטיק־צונאַכטסן, פלעגן זיך די מיידלעך צונויפנעמען אין איין שטוב, יעדע פון זיי האָט מיטגעבראַכט „קערלעך" — און מען האָט זיך דערציילט מעשיות אָדער געטאַנצט אַ קאַדריל, אַ שער. זומער, אין די גרויסע שבתים און יום־טובֿ טעג, פלעגט מען באַלד נאָכן עסן גיין אויף דער „ווידאמקע", אָדער אַנדערע בערג. אַנדערע זענען געגאַנגען צו „פעטרעכן", אָדער צו „ליסקאָווסקען" זיך הוידן אויף די „הוידעלקיס", טרינקען בערעזאָווי קוואַס אָדער פריש מילך פון דער קו. אַזוי האָט דאַן פאַרבראַכט די יוגנט...

די ערשטע פאַר וואָכן נאָך דעם ווי ס'האָט זיך געענדיקט דער שטרייק, האָט מען פאַרזאַמלט אַלע מיידלעך און זיי איינגעטיילט אין גרופּעס צו 4—5, און פאַר יעדער גרופּע באַשטימט אַ לערער, וועלכער האָט מיט זיי געלערנט לעזן און שרייבן — רוסיש און יידיש.

דאָס לערנען מיט די גרופּעס האָט געדויערט אָנדערטהאַלבן יאָר, אין דער צייט האָבן אויך אַנדערע פאַכן דורכגעפירט שטרייקן (זיי איז שוין אָנגעקומען פיל לייכטער, און עס האָט נישט געדויערט אַזוי־לאַנג).

דערווייל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אַרבעטער־פּאַרטייען (ביי אונדז האָט זיך צוערשט געגרינדעט אַ גרופּע פּועלי ציון). עטלעכע חדשים שפּעטער האָט אַ סטודענט פון אָדעס אָרגאַניזירט די גרופּע פון „בונד". און ס'איז אַוועק אַ סדרה פון פאַרזאַמלונגען, מאַסאָווקעס, דיסקוסיעס, איינער האָט ביים צווייטן געוואָלט „אָפּרייסן" די חברים. די הויפּט־אַגיטאַציע האָט זיך געפירט אין די פרייע זומערדיקע שבתים און יום־טובֿ טעג.

די פּועלי ציון האָבן דאַן געהאַט אַ גרעסערע גרופּע און אויך איטעליגענטע קרעפטן, וועלכע האָבן פיל געגעבן זייערע מיטגלידער.

יעדן שבת האָבן אַ פאָר חברה זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די בערג, און דאָרט אויסגעפונען

אַ פאַרבאָרגן טאָל צווישן די בערג און אַ וואַלד, און אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע גרופּע.

באַלד נאָך דעם שבת עסן פלעגן זיך אַלע אַרויסלאָזן אויף דער ברייטער גאַס, און איינער איז צוגעגאַנגען צו יעדן באַזונדער און אָנגעוויזן אַז ער דאַרף גיין מיט דער און דער גאַס, ווו ער וועט זיך טרעפן מיט אַ געוויסן חבר און יענער וועט אים ווייטער אָנווייזן דעם וועג. ביז מען איז געקומען אויף דעם אָנגעוויזענעם פלאַץ, איז מען דורכגעגאַנגען 4—5 אַזעלכע „פונקטן". דאָס זעלבע איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַרום דעם פלאַץ, ווו מען האָט זיך פאַרזאַמלט דורכצופירן „מאַסאווקעס". עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן „פאַטרולן", וועלכע האָבן איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן דורך סימנים, ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ אומבעקאַנטע פערזאָן פאַר וועלכער מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. אַזאַ אָרדנונג האָט זיך געפירט די גאַנצע צייט. יעדן שבת פלעגט מען דורכפירן „מאסאווקעס", און דערנאָך איז מען זיך צעגאַנגען אין דער זעלבער אָרדנונג. אין אָוונט האָט מען זיך שוין ווידער געטראָפן אין גאַס און שפּאַצירט פריילעך.

אין איינעם פון די זומער שבתים איז גערופן געוואָרן אַ „מאסאווקע" פון פועלי ציון. ווו עס האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אַ נייער חבר. גלייכצייטיק האָט דער „בונד" אויך גערופן אַ „מאסאווקע" אויף וועלכער ס'איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ קריסטלעכער חבר. צוליב דעם חבר, דעם קריסט, האָט מען ביי זיי געהאַלטן די רעדעס אויף רוסיש. בעת דער „נייער חבר" האָט געהאַלטן זיין רעדע — איז פלוצים אויסגעבראָכן אַ גערויש. דער פאַטרול האָט איבערגעגעבן, אַז מען זאָל זיך פונאַנדערגיין. איינער נאָך דעם צווייטן פאַרלאָזן די חברים דעם פלאַץ, בלאַס און דערשראָקן. איינע חלש'ט.

פון דערווייטנס באַמערקט מען איינעם פון די „פאַטרולן", וועלכער באַרוהיקט אַז ס'איז גאָרנישט, מען זאָל זיך אומקערן צוריק אויף דעם פלאַץ, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו איינעם פון די וועלכע האָבן געהאַלטן דעם פאַטרול האָט זיך געווענדעט אַ זעלנער מיט אַ פראַגע, ווי מען גייט קיין פאַדליעסעץ. דעם צווייטן פאטרול האָט זיך פון דערווייטנס געדאַכט, אַז דאָס איז אַ „גאָרדאָוואָי" און ער האָט אַרויסגערופן די גאַנצע פאַניקע.

מען האָט זיך שוין אָבער נישט אומגעקערט. מען איז זיך צעלאָפן, אַז קיין שפור איז נישט געבליבן.

אומקערענדיק זיך אין שטאָט אַריין האָט אַ פאַטרול פון דער בונדישער „מאסאווקע" געפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס מען האָט אַזוי פרי געענדיקט, האָט מען אים דערציילט, אַז מען איז דורכגעפאַלן...

דער בונדישער פאַטרול האָט באַלד איבערגעגעבן די ידיעה זיינע חברים, און אויך זיי זענען זיך צעלאָפן.

די זון האָט געברענט און פאַרשוויצטע האָבן זיך אַלע באַוויזן אין די גאַסן פון דער שטאָט, און איינער האָט פון דעם צווייטן געלאַכט. דער איבערגעשראָקענער פאַטרול האָט זיך פאַר די אויגן נישט געטאָרט ווייזן... דורך אים זענען צעשטערט געוואָרן צוויי „מאסאווקעס". („קרעמעניצער שטימע")

פּסח פאַר די יידישע זעלנער

דאָס יאָר געפינט זיך אין היגן פאָלק פון אולאַנער אַ גרעסערע צאָל יידן. די קהלה־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט הרב מ. מענדיוק האָבן באַצייטנס גענומען זאָרגן, אַז מען זאָל די יידישע זעלנער באַפרייען די 8 טעג יו"ט, זיי זאָלן קענען קומען אין שטאָט אַריין.

די מיליטער מאַכט האָט זיי נאָר באַפרייט אויף די ערשטע און לעצטע טעג פון יו"ט (איייניקע האָבן געקראָגן אורלוב אויף 10 טעג). די קהלה האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע קיך אין אַ פּריוואַט הויז, ווו זיי האָבן געקראָגן עסן און טרינקען, אַזוי ווי ביי יעדן יידן.

אין די טעג פון חוה״מ האָט מען זיי אין פּאָלק אָפּגעגעבן אַ באַזונדער אָפּגעשלאָסן צימער מיט שיינע סערווירטע טישן. יעדן טאָג האָט דער הרב מענדיוק אַרויפגעפירט זיי עסן און טרינקען, און פאַרבראַכט מיט זיי צו עטלעכע שעה. די מיליטער־מאַכט האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט אַ באַזונדערע אַכטונג און זיי באַפרייט אין די טעג פון יעדער אַרבייט.

אחרון של פּסח איז אין דער גרויסער שול בשעת הזכרת נשמות געמאַכט געוואָרן אַ הזכרה נאָך דעם מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, צו וועלכער עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע יידישע זעלנער פון היגן פּאָלק און אויך די (פון אַנדערע שטעט) וועלכע זענען געקומען אויף אורלוב.

„קרעמעניצער לעבן״
נום. 16, — 17.4.36.

מען טרעט צו בויען די „תרבות״ שולע

נאָך לענגערע השתדלותן איז די טעג אָנגעקומען דער באַשטעטיגטער דורך דער וואָיעוואָדשאַפט פּלאַן פון דער שולע.

דאָס וואָס מען געהט איצט שאַפן פאַר דער „תרבות״ שולע און עווענטועל גימנאַזיע, איז אַ קאָלאָסאַל ווערק. מען וועט אויף דעם געקויפטן פּלאַץ אויפבויען אַ 3־שטאָקעדיקן שול־בנין מיט אַלעס וואָס פּאָדערט זיך אין די מאָדערנע בנינים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועט נאָר קאָנען געשאַפן ווערן מיט דער מיטהילף פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע וועט פאַר איר אייגענער שול מוזן געפינען מיטלען און אַרויסווייזן גרויס אָפּפערווילִיקייט.

אויף אַ זיצונג פון „תרבות״ עסקנים מיט פאָרשטייער פון די עלטערן פון דער שולע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער בוי־קאָמיטעט, וועלכער איז שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ענגערער פּרעזידיום. אין בוי קאָמיטעט זענען אַריין פאָלגענדע פּערזאָנען: פּר׳ פּ. בייטלער, מ. גאָלדרינג, ח. גרינבערג, י. וויינער, מ. זייטשיק, נ. פּיקס, א. פּינטשוק, א. פייער, י. קאָפּ און א. שניידער.

אַלס פאָרזיצענדער פון פּרעזידיום איז געוויילט געוואָרן ה׳ מ. גאָלדרינג, אין פּרעזידיום געען אַריין די ה״ה ח. גרינבערג, א. פייער, א. שניידער.

עס איז אויך קאָאָפּטירט געוואָרן אין בוי־קאָמיטעט דער ה׳ מרגליות. דער קאָמיטעט איז שוין צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

„קרעמעניצער לעבן״
נום. 19, — 10.6.38

באַזאַר פון קרן קימת לישראל

שבת חוה״מ דעם 11־טן אַפּריל ד. י. איז אין זאַל פון „חשמונאי״ פאָרגעקומען די ערעפענונג פון באַזאַר לטובת דעם קק״ל, וועלכן עס האָט איינגעאָרדענט די אָרגאַניזאַציע פון וו.י.צ.אָ. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן באַוואונדערט די אויסשטעלונג, וועלכע איז אַזוי מוסטערהאַפט איינגעאָרדענט געוואָרן. אין פאַרשידענע קיאָסקן זענען געווען אויסגעשטעלט צום פאַרקויפן פאַרשיידענע סחורות: גלאָזוואַרג, קאָלאָניאַל, שפּילצייג און זייער פיל האַנטאַרבייטן.

פּונקט 10 אַ זייגער אָוונט האָט די פאָרזיצערין פּ׳ פּ. בייטלער געעפנט דעם באַזאַר. אין קורצע ווערטער האָט זי ערקלערט די אויפגאַבן פון דער וו. י. צ. א. און זייער ראָל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. רעד. מ. גאָלדרינג (פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע) האָט אין נאָמען פון אַלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן באַגריסט די וו. י. צ. א., אונטערשטרייכנדיק די פאַרדינסטן פון דער באַוועגונג.

נאָך די באַגריסונגען האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנצערט־אָפּטיילונג, איבערהויפּט דאָס אַרויסטרעטן פון דעם ניי־אַנגאַזשירטן חזן פון דער גרויסער שוהל מ. שראַגער, וועלכער האָט בלויז געזונגען 3 נומערן אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון

פרוי ק. בערמאַן—ליטוואַק. די נומערן זענען אויסגעפירט געוואָרן פאַכמעניש און מיט געשמאַק. דער עולם האָט דעם ה׳ שראַגער באַשאָנקען מיט פיל אַפּלאָדיסמענטן. אַ געוויסער טייל פון עולם איז ספּעציעל געקומען אויף דער ערעפענונג פון באַזאַר, כדי צו הערן דעם קאָנצערט פון חזן.

נאָך דער קאָנצערט־אָפּטיילונג האָט די פּ׳ בייטלער מכבד געווען די פּ׳ קאמענשאַן, דעם ה׳ גאָלדרינג און ה׳ גאָפּמאַן איבערצושניידן די סטענגעס פון באַזונדערע קיאָסקן. עס האָבן זיך לעבן די קיאָסקן פאַרזאַמלט באַזונדערע קרייזן, וועלכע האָבן געקויפט פאַרשיידענע חפצים. ביי די טישלעך האָבן באַזונדערע גרופּעס זיך געקוויקט מיט די פּסח׳דיקע געבעקסן פון דעם בופעט.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די וו. י. צ.אָ. האָט אויך דאָס מאָל אַרויסגעוויזן מיט דעם איינאָרדענען דעם באַזאַר די איבערגעגעבנקייט און ערנסטקייט, מיט וועלכע זיי פירן אַדורך יעדע אונטערנעמונג און אויפגאַבע. זיי האָבן זיך ריכטיג פאַרדינט די לויבווערטער מיט וועלכע מען האָט זיי באַשאָנקען. די הכנסה פון באַזאַר, שמועסט מען, וועט איבערשטייגן די ציפער, וועלכע מען האָט גערעכנט צו האָבן.

דעם זעלבן אָוונט איז אין דעם זעלבן זאַל אויך פאָרגעקומען דאָס פייערלעכע איבערגעבן דעם דיפּלאָם פון ספר הזהב פון קק״ל, אין וועלכן די אָרטיקע ציונ. אָרגאַניזאַציע האָט אַריינגעשריבן דעם דאָקטאָר אריה לאַנדסבערג ז״ל. רעד. מ. גאָלדרינג האָט דערמאָנט וועגן די גרויסע פאַרדינסטן פון ד״ר לאַנדסבערג און די גרויסע שפּענדונגען, וועלכע ער האָט געגעבן פאַר דער באַוועגונג. דער זון פון דאָקטאָר, אַדוואָקאַט לאַנדסבערג האָט אין רירנדע און וואַרימע ווערטער געדאַנקט די איניציאַטאָרן און מיטגלידער פאַר דעם כבוד, וועלכע זיי האָבן געשאָנקען זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דער דיפּלאָם איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם ועד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט אים אויפגעהאַנגען אין איר לאָקאַל.

„קרעמעניצער לעבן“
נומ. 16 — 17.4.36

פּראָקלאַמירט „קרן-החלוץ“ אַקציע

זונטיק דעם 19־טן ה. מ. איז אין לאָקאַל פון דער פרויען־אָפּטיילונג ביי דער גרויסער שול פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג געווידמעט די פראַגע פון דער חלוצישער יוגנט און הכשרה.

מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן די פאָרשטייער פון דער צענטראַלע פון „החלוץ“ אין פוילן די ה״ה י. אטיקער, י. שיינבוים און א. ווינער (וואַרשע). די אויספירונגען פון די רעדנער זענען דורכן ריזיק־פאַרזאַמלטן עולם אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס בייפאל. אין פולגעפּאַקטן זאַל זענען געווען פערזאַמלט העכער 1000 מאַן און פיל מענטשן האָבן מער נישט געקאָנט אַריינקומען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

אונטער די קלאַנגען פון „תחזקנה“ איז די פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אימפּאָזאַנטער מאַניפעסטאַציע פאַרן חלצישן געדאַנק און סאָלאדיריזירונג מיט דער חלוצישער יוגנט, געשלאָסן געוואָרן.

„קרעמעניצער לעבן“
נומ. 17 — 24.4.36

ווענדונג פון פּאַטראָנאַט פון חלוצישן קיבוץ

צוליב דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע אין וועלכע עס געפינט זיך דער קיבוץ אין קרעמעניץ האָט דער פּאטראנאט, וואָס האָט די אויפזיכט איבערן קיבוץ אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדע זיצונג און אַלזייטיק באַטראַכט די לאַגע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך מיט אַן אַפּעל צו אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פּריוואַטע אונטערנעמונגען, צו באַשעפטיקן

ביי יעדער אַרבעט אויסשליסלעך די חלוצים.

עס איז ממש אַ פאַרברעך מצד פון די, וועל־כע ווילן נישט זעען, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז און ווילן נישט פאַרשטיין, אַז די יידישע געזעלשאַפט איז מחויב שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט די, וועלכע זענען די בויער פון אונזער צוקונפט.

מיר ווייסן מיט וואָס פאַראַ וואַרעמקייט מען באַציט זיך אין אַנדערע שטעט צו די קיבוצים ווו מען באַזאָרגט זיי מיט אַרבעט, אין אַלע יידישע אינטערנעמונגען אַרבעטן אויסשליסלעך חלוצים.

מען פאַרלאַנגט נישט קיין שום נדבות, עס האַנדלט זיך נישט אין קיין פילאַנטראָפּיע, מען דאַרף געבן אַרבעט און פאָדערן די אַרבעט זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן, מען פאַרלאַנגט נישט קיין גרעסערע לוינען, מען פאָדערט נאָר אַ ערנסטע באַציונג צו דער זייער וויכטיקער פראַגע פון באַשעפטיקן די חלוצים ביי יעדער אַרבעט.

מיר זענען זיכער, אַז די ווענדונג אונדזערע וועט נישט זיין קיין קול קורא במדבר.

פּרעזידיום פון פּאַטראָנאַט:

מ. גאָלדרינג, אַדוו. לאַנדסבערג, מ. זייטשיק, כ. קרעמענטשוצסקי, י. בלומענפעלד.

„קרעמעניצער לעבן"

נום. 10 — 6.3.36

אַנגעקומען די מאַנאַטלעכע שטיצע פון קרעמעניצער רעליף

היינטיקע וואָך איז דערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעגראַפישע מיטטיילונג, אַז עס איז אַרויס־געשיקט געוואָרן אויף חודש יאַנואַר 136 דאָלאַר, פון וועלכע 100 דאָלאַר זענען באַשטימט פאַר די אינסטיטוציעס און 36 דאָלאַר פאַרן פאָנד אויפן נאָמען פון אברהם וויינבערג ז"ל צו צוטיילן אָרימע פאַמיליעס.

וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן עס ווערן אויפגע־טאָן מיט די געלטער פון דעם פאָנד קאָנען וויסן נאָר די קאָמיטעט־מיטגלידער, וועמען עס איז באַקאַנט די נויט פון די מענטשן, וועלכע ווענדן זיך נאָך הילף. דאָס געלט פון דעם פאָנד ווערט פאַרווענדעט ספּעציעל פאַר נויטליידענדע גע־פאַלענע פאַמיליעס, וועלכע זענען צו קיין עפנטליכע שטיצע נישט אָנגעקומען. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די שטיצע פון דעם פאָנד וועלכע ווערט יעצט צום 3־טן מאָל צעטיילט באַטרעפט מער ווי די שטיצע פון דער קהלה, וועלכע ווערט אויסגעגעבן אויף סאָציאַלע־שוץ.

דער פאָנד אויפן נאָמען פון ערשטן ראש־הקהל אברהם וויינבערג ז"ל איז געשאַפן גע־וואָרן דורכן פרעזידיום פון קרעמעניצער רעליף־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, דער אונערמידלע־כער שטאָט־פריינד, וועלכער גיט אַוועק מי און צייט כדי צו שאַפן די צוגעזאָגטע שטיצע פאַר קרעמעניץ. ווי מיר ווייסן, העלפן אים ביי דער זייער שווערער אַרבעט נאָר איינצעלנע מענטשן — די פרעזידיום מיטגלידער ה"ה באַרשאַפ און שרייער.

אויב די איינצעלנע פערזאָנען און אינסטי־טוציעס, וועלכע באַקומען די הילף האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו דאַנקען די איבערגעגעבע־נע לאַנדסלייט פאַר זייער איידעלער און מי־פולער אַרבעט — טוען מיר דאָס דורך דער צייטונג.

מיר פאַרזיכערן דערביי אונזערע ליבע פריינד — לאַנדסלייט, אַז די גאַנצע שטאָט שאַצט ווי געהעריק אָפּ די וואַרעמע באַציונג זייערע צו דער אַלטער היים, וועלכע נויטיקט זיך יעצט אַזוי שטאַרק אין דער הילף, און וועלכע זעהט אין דעם נישט נאָר אַ מאַטעריעלן מאָמענט, נאָר באַגלייך אַ מאָראַלישע אונטער־שטיצונג אין אַ עת צרה.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס טוען די הייליקע אַרבעט.

„קרעמעניצער לעבן"

יום. 53 — 22.1.37

חורבן און אומקום

מאנוס גאלדענבערג

אַ שטעטל ביים פּאָטיק אויף הפקר צעשאָטן...

מיין טעכטערל לילי אַ מתנה

אַ שטעטל ביים פּאָטיק אויף הפקר צעשאָטן
געדעכט מיט קבצנים, ווי גאָט האָט געבאָטן
בערגער אַרום און גרינינקע סעדער
אינמיטן די „בריק”, קרעמער אויף קרעמער.

ס׳לויכטן די פּענצטער מיט לאָמפּן ביינאַכט
גבירים׳לעך נייע די מלחמה געמאַכט
שטאָלץ איז דער גאַנג, צופרידן דער בליק
ווי נעמט מען די צייטן די גוטע צוריק?

אָרעם געווען קרעמעניק, גאָט זאָל באַהיטן,
דערפאַר האָבן זי שריפות געשוינט און געמיטן,
שטייען דאָרט הייזער פון חמיעלניצקיס פון צייטן,
ווער קען זיך פאַרגינען מיט נייע פאַרבייטן?

געסעלאַך קרומינקע שמוציק, פאַרגאָסן,
בוידעמלעך, גאַניקלעך ענג און געשלאָסן,
יונגלעך און מיידלעך, יידן מיט בערד
ביי שפּענצער [1] און אויזן געבויגן ביז דר׳ערד.

און נאָך איז אַ גאַס, בלאָטע און קינדער אַ סך,
צולייגט און צושפּרייט זיך ס׳קצבישע פּאַך,
יידן מיט ביינער געוועזן, ווי אָקסן די יאַטן, [2]
געשלעגן ביז בלוט, און זאפטיגער טאַטנס טאַטן...

---

[1] וואַטאָווע פויערישע פּיזשאַקעס.
[2] יונגען.

זיי זענען היינט אַלע דערנידעריקט דערשלאָגן,
פון קריזיס, פּאָדאַטקעס געיאָגט און געפּלאָגן.
נאָר פרייטיק דער ראָסל און צימעס מיט מערן
און שבת מיט געניץ מיט סאָסיעס[3] באַניע־קערן.

דאָרט העכער די שוסטער: וואַנקע און סאַשקע
לאַקירענער שטיוול, אויסגענייטע רובאַשקע.
כאַטקעלעך אָרים, אויסגעבלייכטע געזיכטער
פענצטערלעך קליינינקע, זעלטן ווען ביכטער.

דער אַלטינקער מאַרק מיט פוהרן אַ סך
קויטיקע ווענט, טשערעפּענער דאַך
און יידן מיט סמאָלע מיט דזיעגעכץ וואָס שטינקען
אין דאגות פּרנסה פאַרחושכט פאַרזינקען.

אשת־חיילדיקע ווייבער קוויטשיקער „טשויעטע״[4]
עי טשאָלאָוויטשע שטשאָ ווי קופּויעטע[5]
יוכטענע פּרישווע,[6] בערעסטיטשקער לעדער;
אויף פּוסטע יארידים קלאָגן די קרעמער.

גאַסן שטילע און ריינע, דאָרט לעבן, דאָרט וווינען
פּריצים, באַאַמטע מיט מלוכה׳שע לוינען,
און יידן גבירים צולייגט זיך מיט הויפן,
און יורדים גענוג — ווייבערס צירונג פאַרקויפן.

האָרעפּאַשנע ראָגאַטקעס פון זייטן פוןביידע
עס האַנדלט מיט תבואה דאָס אייניקל און זיידע;
רחבותדיקע הייזער, מאַגאַזינעס,[7] זאַסיעקעס[8]
ציט מען יניקה פון היימישע מוזשיקעס.

געשעמט האָבן סטאָליאַרעס מיט אַרבעט מיט שייַנער
איבער גאַנצער גובערניע קיין גלייכונג נישט קיינער.
אַרבעטסלאָז זענען פון לאַנג שוין די זין
און טאַטעס פאַרהאָרעוועטע אויף ברויט קוים פאַרדינען.

---

[3] סאָסיע פון מאַרק פלעגט פאַרקויפן קערלאַך אויף שבת.
[4] הער נאָר! אויף אוקראַיניש.
[5] עי מענטש, וואָס קויפסטו! אויף אוקראַיניש.
[6] די אויבערשטע טייל פון שטיוול פון פּראָסטע לעדער.
[7] סקלאַדעס.
[8] סקלאַדעס.

און טאָקאַרעס פלעגן מיט באָרוועסע יונגען
ביי אַרבעט חזנישע שטיקלעך אויסזינגען.
און הויפּנס און ברעגער ציגאַרן־שפּיצן
פּאַר טיעפער „ראסיי" פּאַר קאַצאַפּעס צום ניצן.

פון גרויסן פון צעך קוים געבליבן אַ פּאָר,
צוקלאַפּט אים פאַרניכטעט דאָס פערצענטע יאָר.[9]
נאָר אַלטע שטיק מעבל, טישלעך אַנטיקן
דערציילן פון יענע פון טאָקערס גליקן.

בעל־עגלה'שע חברה געווען פריילעך און מונטער,
אַ גלאַנציקער דאַשעק, אַ גאַרטל אַ בונטער.
אין גוט־ברודערשער אחדות אין ליבע מינוטן
געטון אַ טרונק בראָנפן, צעוואַרעמט די בלוטן.

גאָראָדאָוואָיעס[10] דאַן פלעגן זיך אין ווינקלעך באַהאַלטן,
בעל־עגלה'שע קלעפּ ווער קען דען אויסהאַלטן?
העי בערעגיס[11]! די יונגען צולאָזט זיך, די יונגען צוהוליעט
האָבן פּאָניעס[12] רעקרוטן צו ווענט זיך געטוליעט.

דערציילן די אַלטע אין לאַנגע „אַמאָלן"
ווי מ'האָט געבלאָנדזשעט אין וועלדער אין טאָלן
מיט פערד ווי די לייבן, וואָס צעטראָגן די ביינער
ניט געבליבן פון יענע כמעט שוין ניט קיינער.

אַ בית־עולם ביים פּאָטיק אויף הפקר צושאָטן
מצבה'לעך גרויהינקע, ווי גאָט האָט געבאָטן
ס'רוען דאָרט יידן פון שווערן פון לעבן,
בערגאַלעך הויכענקע וואַכן דערנעבן.

געדרוקט „קרעמעניצער שטימע"
אין יאָר 1932

---

[9] 1914 דאס יאָר פון מלחמה אויסברוך.
[10] פּאָליציאַנטן.
[11] היט זיך!
[12] אַזוי האָט מען גרופן דעם צאַר.

ב. שווארץ

געטאָ מאַרטיראָלאָגיע און חורבן קרעמעניץ

וויאַ עדות גיב איך דאָ איבער אַלץ, וואָס איך בין ביכולת אַרויסצוברענגען פון זכרון און געמיט. פאַר מיינע אויגן שווינדלען איצט שוידערלעכע בילדער, אין מיינע אויערן רייסן זיך אויף די יאָמערדיקע קולות פון אונזערע אומגעקומענע.

עס נאָגט אָפט די רעטעניש־פראַגע: ווי איז עס מעגלעך געווען? איך פרעג זיך: איז עס מעגלעך געווען, אַז עלטערן זאָלן אייגנוויליק פאַרלאָזן זייערע קינדער אויף הפקר; אַ ברודער — זיין שוועסטער, קינדער זייערע עלטערן? מאָסן מענטשן זאָלן זיך לאָזן פירן ווי די שאָף צו דער שחיטה, אַראָפציען פון זיך די קליידער און זיך אַריינלייגן אין די מיתה־גריבער אויסגעשאָסן צו ווערן צוזאַמען מיט זייערע קינדער?! ביטערע אַנגסטן קאָרטשן אויף דאָס האַרץ: פאַרוואָס האָבן מיר, די געראַטעוועטע, נישט זוכה געווען צו זען אַ נקמה אין אונזערע תליינים?

די וועלט איז געבליבן גלייכגילטיק צו אונזער בראָך. דאָס פאַרגאָסענע אומשולדיקע בלוט מאָנט און מאָנט.

ד י ב ו ר ג ־ ה ע ס ע ן, דעם 10־טן מערץ 1948.

מוקדש לזכר

אבי מורי היקר שמחה בן יצחק שורץ, אמי רחל בת בצלאל, אחי ישראל, אחותי זיסל, אשתי לוסיה־מַלה, הוריה פייביש ולאה רוזנבליט ובתי מרים־עטל

אין דעם אנהייב מלחמה

שוין ביים אויסברוך פון דער דייטש־פוילישער מלחמה האָט קרעמעניץ געליטן פון לופט־באָמבאַרדירונגען. די מערהייט פון די ערשטע פערציק קרבנות זענען געפאַלן נישט פון דער באָמבאַרדירונג, נאָר פון די מאַשין־געווער קוילן פון די אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט און געזייט טויט אויף רעכטס און אויף לינקס צווישן די דורכגייער. אונדז האָט נאָך דעמאָלט אָפּגעגליקט, וואָס די געגנט איז נישט אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. ווי באַקאַנט, איז לויטן היטלער־סטאַלין אָפּמאַך אַ טייל פון פוילן אַריבער צו רוסלאַנד, דערונטער אויך דער קרעמעניצער געביט.

די קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן קריגס־אויסברוך מיט רוסלאַנד. גאַנצע צען טעג האָבן געדויערט די קאַמפן אַרום דער שטאָט. איז דאָך קרעמעניץ מיט איר אומגעגנט אַ גוטע סטראַטעגישע פאַרטיידי־קונג־פּאָזיציע. מיטוואָך, דעם 4־טן יולי 1941, אויפן עלפטן טאָג פון קאַמף זענען די ערשטע דייטשע טרופּן אַריין אין שטאָט. בעת די קאַמפן האָבן אַ טייל מענטשן זיך באַשיצט צווישן די בערג, אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט וווּהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. טויזנטער האָבן זיך צעשפּרייט אויף די וועגן פון די אָפּטרעטנדיקע סאָוויעטישע חיילות. זיי זענען געצווונגען געוואָרן זיך אומצוקערן. אין שטאָט איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ קליינע אָפּוועך־שיסעריי פון אייניקע סאָוויעטיש־פאַרבליבענע גרופּעס וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין אַ בעקעריי, ווערנדיק מיטנעמען אויפן וועג ברויט און בראָנפן. די סאָוויעטישע זעלנער האָבן צוריקגעשאָסן אויף די דייטשן, און רעזולטאַט דערפון זענען געווען ציווילע פאַרוווּנדעטע, צווישן זיי, גאָלדע, שלמה דעם קאַוואַלס טאָכטער און די פרוי באַסיס. אין דעם צווישנגעפעכט איז גע־



די איינציקע טאָכטער פון מחבר, מרים־עטל, אומגעקומען אין געטאָ
הבת היחידה של המחבר, נספתה בגיטו

הרגעט געוואָרן אַ דייטש וועלכער איז באַגראָבן געוואָרן אין הויף פון פיני פרידמאַן. אַ באַפעל איז אַרויס פאַר יידן, אַז זיי דאַרפן אַראָפּנעמען די היטלעןביים דורכגיין דאָס אָרט. דערביי זענען אַ סך געשלאָגן און אַרעסטירט געוואָרן.

דער ערשטער פאָגראָם

באַלד אויף מאָרגן, דאָנערשטיק פרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ רויב־געיעג. אַלע יידישע געשעפטן זענען, מיט דער באַטייליקונג פון ציווילע באַנדעס, צערויבט געוואָרן. מחמת דעם פּלוצלימדיקן מלחמה־אויסברוך האָט קיינער נישט באַוויזן, זיך צו באַזאָרגן מיט עסנוואַרג. עס האָט באַלד געפעלט מילך, ברויט — ביי די בעקערייען איז מען געשטאַנען אין לאַנגע רייען. אויך די אויף שנעל געשאַפענע אוקראַינישע מיליץ האָט זיך אַ לאָז געטון אויף יידן, געשלאָגן מכות רצח און פאַרטריבן זיי פון די ברויט שורות. מיט אויסגעשרייען: „געַנוג אונזער בלוט געזויגן” האָבן די באַנדיטן אָנגעהויבן זייער רוצחישע מלאכה. מ׳האָט געכאַפּט קינד און קייט, גרופּירט אין רייען און אָפּגעפירט צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע אין דער טורמע אויף דער דובנער ראָגאַטקע. אליה רעזניק וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרט איז אַראָפּ פון זינען, פּאָטיכע איז באַלד געשטאָרבן, גון איז פאַר די אויגן פון זיין משפחה געטויט געוואָרן. דער דאָזיקער ערשטער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אוקראַינער און פּאָלאַקן מיטן אָנטייל פון דער ס. ס. און זשאַנדאַרמעריע.

אין דער טורמע זענען פון פריער צעשאָסן געוואָרן מענטשן דורך די סאָוויעטישע מושלים. די נייע מחבלים האָבן דערין באַשולדיקט די יידן. אונטער אַ האָגל פון קלעפּ האָט מען איצט געצוווּנגען די יידן אויסגראָבן מיט די הענט די צעשאָסענע און וואַשן זייערע קערפּערס. פון די קלעפּ זענען אייניקע אויפן אָרט געשטאָרבן. אויך פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך אין שטאָט געלאָזן אוקראַינישע באַנדעס, באַוואָפנט מיט דרענגלעך, און געמאָרדעוועט די פון זייערע הייזער אַרויסגעשלעפּטע יידן. דער גרעסטער טייל איינוווינער פון דער דובנער ראָגאַטקע זענען אויסגעהרגעט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גריבער. די דאָזיקע בלוט־באָד האָט געדויערט דאָנערשטיק און פרייטיק.

ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די אַלע עינויים קשים וואָס די אומגליקלעכע אין דער טורמע האָבן אויסגעשטאַנען. מיין פרוי, איינע צווישן זיי, האָט זיך אין דער נאַכט אַרויסגעהויבן פון אונטער דעם באַרג הרוגים וואָס האָבן זי פאַרדעקט, און דורך אומוועגן, אַרום די בערג, זיך צוריקגעקערט אַ היים. אַ סך האָבן געפרוווט מזל און אַנטלאָפן אין פאַרשידענע ערטער. אַ טייל איז געכאַפּט געוואָרן דורך די פויערים און פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. דער זון פון הערש בארשאַפּ איז געכאַפּט געוואָרן נעבן דאָרף קאַפּאַנאָוו. מען האָט אים געפענטעט, צוגעבונדן צו אַ שטעכיקן דראָט און שפּעטער אַריינגעוואָרפן אין טייך. אַנדערע זענען אומגעקומען דורך אַלערליי

מיתות משונות. פרויען זענען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן. ד״ר גרויזענבערגס טאָכטער איז אַראָפּ פון זינען.

אַ גרופּע יידן האָבן, מיט מתנות אין די הענט און פחד אין די הערצער, זיך געווענדעט צום קאָמענדאַנט מיטן געבעט אָפּצושטעלן די שחיטה. דער קאָמענדאַנט האָט זיך כלומרשט געחידושט אויף די נייעס... און האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָרד. אין די דאָזיקע פּאָגראָם־טעג זענען אומגעקומען בערך 800 יידן — מענער, פרויען און קינדער. פון די יידן וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אין די הייזער זענען אַ טייל אַרויסגענומען געוואָרן, לויט מסירות פון די אוקראַאינער און בעלם געוואָרן אָן אַ שפור.

„יודנראַט"

די ִשטאָטישע אַדמיניסטראַציע האָט באַשטימט אַ „יודנראַט" פון די חשובי העיר און אייניקע פון די אָנגעלאָפענע פּליטים פון מערב אייראָפּע וואָס האָבן באַהערשט די דייטשע שפּראַך. אַמטירט האָט דער ראַט אין הויף פון רויכל, אויף דער סלאָוואַצקי גאַס. דאָס כאַפּן מענטשן אויף אַרבעט, מיט מערדערלעכע קלעפּ, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער „יודנראַט" האָט געדאַרפט צושטעלן די געפאָדערטע קנעכט אויף צוואַנגס־אַרבעט. ער האָט אויך איבערגענומען די פאַרטיילונג פון ברויט פאַר זיי, ווי פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. דערוווּסט האָט מען זיך, אַז אין יענע פּאָגראָם־טעג זענען אויך אין די שטעטלעך אַרום קרעמעניץ פאָרגעקומען שחיטות. דער רוב איינוווינער פון דעם שטעטל ווישנעוועץ איז דאַן אומגעקומען. דעמזעלבן גורל האָט אויך געהאַט די יידישע באַפעלקערונג פון דער באַקאַנטער מהרש״א שטאָט — אָסטראָ.

ווי גרויס עס איז געווען די יידישע באַפעלקערונג אין קרעמעניץ, נאָכן אָנגעלויף פון אַ סך פּליטים פון אַנדערע שטעט, איז שווער צו אורטיילן. פאַר דער נאַצי־מגיפה האָט די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג געציילט העכער 20.000. ס'איז באַוווּסט אַז זומער 1942 זענען אין געטאָ געווען 8.500 נפשות.



די משפחה פון מחבר; ערשטער לינקס שטייט ב. שוואַרץ
משפחת המחבר; ראשון לעומדים מצד שמאל — ב. שורץ

יידן אויף הפקר

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון פולער הפקרות. חוץ דער אויספּלינדערונג אין די יידישע הייזער דורך די אוקראַינישע באַנדעס בשותפות מיט די דייטשן, האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף יידן כלערליי קאָנטריבוציעס. מען האָט געפרוווט ראַטעווען דאָס לעבן דורך אויספירן די פאָדערונגען, ווער באונס, ווער ברצון. יעדער ייד האָט באַדאַרפט טראָגן אויף דער רעכטער האַנט אַ ווייסן באַנד מיט אַ רויטן מגן דויד אין דער מיט. עס איז געווען פאַרבאָטן צו גיין אויף די טראָטואַרן. האָט עמיצער פאַרגעסן אין דעם, איז ער דורך די אוקראַינער מערדערלעך צעממיתט געוואָרן. דער „יודנראַט" האָט אַפילו געהאַט אויסגעפועלט ביי דער שטאָטישער מאַכט מבטל מאַכן די גזירה, אָבער די דייטשע און אוקראַינישע גאַסן־וועכטער האָבן ווייטער געשלאָגן מכות רצח פאַר באַטרעטן אַ טראָטואַר. מ'איז געוואָרן ווי געשטעלט אויסערן געזעץ. דאָס אַרויסטרייבן יידן פון זייערע וווינונגען, און דערביי פאַרבאָטן זיי מיטצונעמען עפּעס פון דער באַלעבאַטישקייט, איז געוואָרן אַ אָפּטע דערשיינונג. לויטן באַפעל האָבן יידן געמוזט אַרונטערנעמען דאָס היטל פאַר יעדן דייטש. אָבער דערזעלבער דייטש פלעגט אָפט צאָלן דערפאַר מיט קלעפּ... אַ יידיש קינד וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן מאַרק עפּעס איינצוקויפן, איז דורך אַ נאַצי געצוווּנגען געוואָרן זיך אַוועקשטעלן אויף אַ טיש און טאַנצן פאַר די אַרומיקע, און בעת מעשה האָט דער מערדער אָנגעשפּיגן אויפן טיש און געצוווּנגען דאָס קינד אויסצולעקן דאָס שפּייעכץ. דער פאַרבאָט צו קויפן אין די קראָמען נאָר אויפן מאַרק, האָט דערמעגלעכט די אוקראַינישע באַנדיטן דורכצופירן אַרעסטן צווישן די איינקויפער. אָפּטמאָל איז זייער געביין פאַרשוווּנדן געוואָרן. וועגן דעם אַלעמען האָט דערציילט נאָטע באַרשאַפ, אַליין אַ קרבן פון דער אינקוויזיציע — פון אַ שטאַרקן, פיזיש קרעפּטיקן מאַן, איז ער אַליין געוואָרן אַ שבר כלי.

דאָס אַלץ האָט אויסגעזען נאָר ווי אַ פּראָלאָג צום גרויל וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנקום פון דער „געסאַפּאָ" וואָס האָט איבערגענומען די מאַכט. ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ סדרה אַרעסטן. עס זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן פּאָלאַקן און רוסן אַלס פּראָסאָוועטיש־פאַרדעכטיקטע עלעמענטן.

דעם „יודנראַט" איז באַפוילן געוואָרן צוצושטעלן מענטשן מיט פאַרשידענע פאַכן אויף כלומרשטער אַרבעט. ס'איז שווער צו זאָגן, צי האָט דער „יודנראַט" געוווּסט וואָס פאַר אַ סוף עס דערוואַרטעט די מענטשן. אַ פאַקט איז, אַז נאָך דער באַפרייונג, זומער 1945, איז אונטער דעם „קרייץ־באַרג" — אין אַ ראָוו געפונען געוואָרן אַ מאַסן־קבר מיט די אַלע אומגעבראַכטע. צווישן די הרוגים האָט מען דערקענט, דורך זיין הלבשה, נאָר דעם אינזשינער ראָזען, אַ טוער פון „אָרט". אַ סאָוויעטישע היסטאָרישע קאָמיסיע פאַר פאָרשן די נאַצי־פאַרברעכנס האָט אויך אויפגעדעקט אַ רייע מאַסן־קברים נעבן דער טורמע, אויך אין די אַלטע שוץ־גריבער אויפן וועג קיין פּאָדליסעץ. מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם ווינקל אַרום „טיוואָלי" האָבן געזען און געוווּסט, אַז די יידן זענען פאַרטיליקט געוואָרן, אָבער האָבן דערפון געמאַכט אַ סוד. די יידישע באַפעלקערונג ווידער האָט נישט געגלויבט, אָדער נישט געוואָלט גלויבן, אין דער אכזריות. דער „יודנראַט" האָט אונטערגעהאַלטן די ווערסיע, אַז די געשיקטע אויף אַרבעט איז גאָרניט געשען, אַז זיי לעבן, כדי צו פאַרמיידן אַ פּאַניק. איינער אַ ייד וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט האָט נאָכן אומקערן זיך אין שטאָט דערציילט, אַז די מענטשן זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אַז אָנגערייצטע הינט

האָבן אויף שטיקלעך צעריסן אַ טייל פון די קרבנות.

אין אָט דער „אַקציע" האָט די „געסטאַפּאָ" אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און כלי קודש, ווי רבנים, שוחטים, דיינים און אַנד. גרויליק איז געווען דער מאָמענט, ווען די קרובים, פרויען פון די אומגעקומענע, האָבן געבראַכט אין דער געסטאַפּאָ עסן פאַר זייערע אומגליקלעכע קרובים. די געסטאַפּאָ האָט דאָס עסן אַוועקגענומען און געפירט די קרובים צו „זען" זייערע באַגערטע. קיינער פון זיי האָט זיך נישט אומגעקערט אַ לעבעדיקער. צווישן אָט די אומגעקומענע איז געווען שיינע שקלאָווין, די פרוי פון ב. שניידער, וואָס איז ערב דער מלחמה געקומען פון אַרגענטינע צו גאַסט און איז דאָרט פאַרבליבן. ס'האָט איר נישט געהאָלפן, וואָס זי איז געווען אַן אַרגענטינער בירגערין. זי האָט געבראַכט עסן פאַר דעם לאַנגיאָריקן געזעלשאַפטלעכן עסקן, דעם אינזשינער עובדיה'ס. איר קינד, דער יתום איז בעת דער לעצטער אויסראָטונג־„אַקציע" אויסגעגאַנגען אין עינויים קשים דורך גאַז־פאַרסמען וואָס איז געפלאָסן זייער לאַנגזאַם. דער ערשטער וויזיט פון דער געסטאַפּאָ האָט פאַרשניטן 800 לעבנס. די דאָזיקע פאַרטיליקונג איז אויסגעפירט געוואָרן סוף אויגוסט 1941.

די גרויסע אלטע שול אין פלאמען

אין איינער אַ נאַכט זענען אַלע יידן אויפגעוואַכט געוואָרן דורך אַ גרויסן פלאַמען־אויסגוס אין דער שטאָט. קיינער האָט ביים אָנהויב נישט געוווסט וואָס איז געשען. אויפן ערשטן מאָמענט האָט מען זיך אויסגעמאָלט, אַז דאָס זענען רעפלעקטאָרס פון דער סאָוויעטישער זייט, וואָס גרייטן זיך צו אַ אָנגריף, און מ'האָט זיך געוואָלט טרייסטן אַז מען וועט גיך באַפרייט ווערן.



אויף די חורבות פון דער גרויסער שול
על הריסות בית־הכנסת הגדול

די איינרעדעניש איז באַלד צעשוווּמען געוואָרן, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז די גרויסע שול אַרומגענומען אין אַ העליש פייער. ביטער האָבן יידן געוויינט. די שול איז געווען געבויט פון גרויסע דיקע שטיינערנע ווענט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט די געסטאַפּאָ פאַריאָגט דעם שמש און אויסגערויבט אַלע טייערע חפצים. זיי האָבן אַריינגעשטעלט אינעווייניק פעסער מיט בענזין און אַנדערע אויפרייס־מאַטעריאַלן און די שול אונטערגעצונדן. אַרום דער שול האָט מען אַוועקגעשטעלט פייערלעשער צו באַוואַכן, אַז דאָס פייער זאָל זיך ניט אויסשפּרייטן. דער גאַנצער הילצערנער אינגעווייד איז פאַרברענט געוואָרן מיט דעם שיינעם ארון קודש. נאָר די ווענט זענען געבליבן. נאָך דער שריפה איז די געסטאַפּאָ געקומען אין „יודנראַט" אויף אַ כלומרשטער אויספאָרשונג, ווער עס האָט פאַרברענט די שול, און דערביי געצוווּנגען צו חתמה׳נען אַ פּראָטאָקאָל, אַז די יידן אַליין האָבן די שול אונטערגעצונדן.

נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָבן דייטשע סאָלדאַטן געפּראַוועט אַ אינקוויזיציע־שפּיל אין דער שול. זיי האָב געכאַפּט דעם ייִדן ליפּין און אים געצוווּנגען צו ברייגען אַ מנין יידן אין שול אַריין. די געבראַכטע יידן האָט מען געצוווּנגען אָנצוטאָן טליתים און דאַוונען. פאַרצווייפלטע און דערשראָקענע האָבן די יידן זיך איינגעהילט אין די טליתים און שטיל געדאַוונט. די דייטשע חיות האָבן געפאָדערט צו דאַוונען אויפן קול. זיי האָבן איבערגעקערט די שטענדערס — און ליפּין האָט זיי געמוזט שלאָגן, אַז זיי זאָלן טאַנצן אַרום די שטענדערס. ווען זיי איז נישט געפעלן געווען דאָס רחמנות־שלאָגן פון ליפּינען, האָבן זיי אַליין געממיתט זייערע קרבנות. נאָכן שדים־שפּיל האָט מען די יידן צעטריבן.

יידן ווערן צענויפגעפּרעסט אין געטאָ

אין פרילינג 1942 איז אַרויס די גזירה פון פאַרריגלען אַלע יידן אין אַ געטאָ. דער צוגעטיילטער ווויִן־שטח איז געווען אָנדערטהאַלבן קוואַדראַט מעטער אויף יעדער מענטשן. די געטאָ האָט אַרומגענומען דעם מערב־טייל פון שטאָט, אָנהויבנדיק פון דעם יידישן שפּיטאָל ביז דער גאָגאָלעווסקא גאַס; פון דאָרט, ביי דער ליציי־גאַס אַראָפּ צו דער ברייטער (שיראָקע) גאַס, און פון דאָרט ווידער אויף מזרח אין דער לענג ביז צום הויז פון די פייערלעשער. דאָס איז בערך אַ מייל די לענג אויף 100 מעטער די ברייט — אַ דערשטיקעניש! קיין שום אינטערווענצן פאַר פאַרגרעסערן דעם שטח האָבן ניט געהאָלפן. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. דעם געטאָ האָט מען אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן פון 3 מעטער הויך. הגם מען האָט דערלויבט די יידן מיטצונעמען אַלץ, אָבער צוליבן ענגן ווויִן־שטח, האָט מען כמעט אַלץ געמוזט ליקווידירן. פאַרן געלט האָט מען זיך באַזאָרגט מיט שפּייזרעזערוון. ביז דעצעמבער חודש איז די ענגשאַפט נאָך מער געוואָקסן דורכן אַריינשטופּן אַהין דעם פּליטים שטראָם פון אַנדערע מקומות. עס זענען דערביי אַנטשטאַנען סכסוכים, וואָס די יידישע פּאָליציי האָט זיי געמוזט אויסגלייכן.

אין דערזעלבער צייט פון איבערוואָגלען אין געטאָ, האָט דער קאָמיסאַר מילער גוזר געווען צו פאַרניכטן די ווענט פון דער פאַרברענטער שול, און פאַרזייען דעם פּלאַץ מיט גראָז אַזוי, אַז עס זאָל קיין זכר ניט בלייבן. קיין פרייע ארבעטס־הענט זענען נישט געווען. אַלע זענען געווען פאַרטון מיט אַרבעט פאַר דער מיליטער מאַכט. געבליבן זענען נאָר עלטערע, שוואַכע און קראַנקע. קיין געהעריקע מכשירים צו צעשטויסן די דיקע ווענט זענען אויך נישט געווען. דער „יודנראַט" האָט מאָביליזירט

אינזשינערן און שמידן, אָבער די שטיי־
נערנע ווענט זענען געווען פעלזן־פעסט.
אַפילו די ציגל זענען געווען ווי צענויפ־
געוואָקסן, אַז עס איז בשום אופן נישט
מעגלעך געווען אָפּצוטיילן איינעם פונם
צווייטן. דערווייל איז דער טערמין אָפּגע־
לאָפן. עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושרייען
די גזירה אויף אַ לענגערן טערמין, אָבער
אויך דאָס מאָל האָט מען קוים באַוויזן צו
צוואַרפן אַ העלפט פון די ווענט. דער
מערדער מילער האָט געוואָרנט צום לעצטן
מאָל מיט רעפּרעסיעס און צעשיסונגען,
אויב די אַרבעט וועט נישט פאַרענדיקט
ווערן. אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען.
דער „יודנראַט" האָט פאַראָרדנט, אַז קינדער
פון פערצן יאָר אַלט און עלטערע פון 55
יאָר, זאָלן איינגעשפּאַנט ווערן אין דער
עבודת פּרך. עס האָט געשוידערט אָנצוקו־
קן, ווי די געשוואָלענע פון הונגער האָבן
געהאָרעוועט מיט די לעצטע כוחות. אַלע
האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט צו דער
אַרבעט. עס האָט זיך דערנענטערט דער
סוף פונם דריטן טערמין און די יידן האָבן
דערפילט די סכנה פון טויט. דער „יודנראַט"
האָט באַפוילן, אַז אויך די אַרבעטער, נאָך
זייער אַרבעטס־דינסט פאַר דעם מיליטער,
זאָלן די נעכט אָפּגעבן פאַר דער צעשטער־
אַרבעט. די אינזשינערן האָבן צוגעטראַכט
כלערליי מיטלען צו פאַרשנעלערן דעם
אַרבעטס־פּראָצעס, אָבער ס'איז געווען אַ
ברכה לבטלה. דערביי האָט מען גערדאַרפט
אָפּהיטן די גאַנצקייט פון די ציגל, ווייל מען
האָט זיי באַדאַרפט צושטעלן פאַר אַ טאַ־
באַק אונטערנעמונג. יידן זענען געפאַלן
אויף אַ המצאה צו פאַרשטעלן די בלוטיקע
אויגן פון רוצח: מען האָט אָנגעשיט ערד
אַזוי הויך, ביזן אויסגלייך דעם אויבער־
פלאַך מיט די געבליבענע אַרויסגעשטאַר־
צטע טיילן ווענט. די איבערגעשיטע ערד
האָט מען פאַרזייט מיט גראָז. די דאָזיקע
אַרבעט האָט געקאָסט לעבנס. בעתן צעשטע־
רן די ווענט, איז איינע איינגעפאַלן און
פאַרשאָטן אַ סך מענטשן. די יללות און
הילפס־געשרייען האָבן געגרייכט עד לב
השמים. דער קאָמיסאַר מילער וואָס האָט
געריטן אויף אַ ווייס פערדל, האָט דאָס מאָל
דערלויבט די פייערלעשער צו העלפן
אַרויסשלעפּן די קרבנות, וואָס זענען אַזוי
שטאַרק צעקריפּלט געוואָרן, אַז עס איז זיי
נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. דער־
קענט האָט מען נאָר דעם 17 יאָריקן שיינעם
בחורל, וואָס האָט זיך נאָרוואָס געהאַט
אומגעקערט פון דער אַרבעטס־דינסט, דעם
זון פון משה מילמאַן.

פלעקן אין געטאָ

דער „יודנראַט" וואָס איז אין אָנהויב
פון זיין גרינדונג באַשטאַנען פון די חשוב־
סטע כלל־טוער, האָט זיך שטאַרק איינגע־
שטעלט פאַרן יידישן לעבן. ער האָט גע־
טראָגן די אחריות פאַר אויספירן כלערליי
גזירות, צוגעשטעלט די געפאָדערטע אַר־
בעטס־קרעפטן און פאַרטיילט די ראַציאָ־
נירטע שפייז. ער האָט אָפט אינטערוועני רט
וועגן רויבערייען. צווישן זיינע מיטגלידער
זענען געווען ד"ר בוזי לאַנדעסבערג, ד"ר
ב. כץ, —ביידע ציוניסטישע מנהיגים, און
ד"ר ליאָנע גרינבערג, אַ בונדיסט. נישט
ווייניק האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין.

נאָך אין די ערשטע טעג נאָך דער
גרינדונג פונם „יודנראַט", איז דאָס לעבן
פון ד"ר ב. לאַנדעסבערג, אין זיין ווידער־
שטאַנד קעגן די נאַציסטישע אכזריותדיקע
גזירות קעגן די געפאָדערטע קאָנטריבוציעס,
געהאַנגען אויף אַ האָר. ער איז מערדערלעך
פון זיי באַהאַנדלט געוואָרן, און האָט מיט
אַ ראַזיר־מעסער געפּרוּווט באַגיין זעלבסט־
מאָרד. דורך אַ נס, פון פאַרלירן זיך, איז
ער געראַטעוועט געוואָרן. זיין פרוי סאָניע,
יצחק פּאָלטאָראַקס טאָכטער, איז אַ פאַר־
צווייפלטע אַרומגעלאָפן און געוואָרנט די
יידן אויסצופירן די אַרויפגעלייגטע קאָנטרי־

בוציע. די זעלבע טויט־סכנה האָט טאָגטעגלעך געלויערט אויך אויף די אַנדערע. ב. כץ איז אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ ערובניק דערפֿאַר, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן פֿאַרשפעטיקט אויפצורוימען די מיליטערישע קאַזאַרמע אין „ביעלאָקרעניצע". נאָר אַ דאַנק דעם שנעלן נאָכקומען פון אַנדערע אַרבעטער איז זיין לעבן אָפגעראַטעוועט געוואָרן.

די אַרבעט פונם „יודנראַט" איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן אין רעזולטאַט פון די פֿאַרשידענע אַלץ נייע און נייע פֿאָדערונגען צו אים. עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן עטלעכע פון די פליטים, פון מערב אייראָפּע, וואָס האָבן גוט באַהערשט די דייטשע שפראַך. איינער פון זיי ד"ר מאַנדעל פון קראָקע, האָט אָרגאַניזירט די יידישע פֿאָליציי. ער האָט זייער אַ סך געקליבן, און אויסגעקליבן דעם בעסטן מענטשן־עלעמענט. אָבער גאָר אַ פֿאַרברעכערישע ראָלע האָבן פון די ניי־צוגעקומענע געשפילט צוויי, וואָס האָבן זיך אויפגעפירט ווי דייטשע אַגענטן. איך וואָלט געקאָנט דערציילן אַ סך אויך וועגן אַנדערע, אָבער ווי אַ ייד פון געטאָ, וואָס באַמיט זיך צו פֿאַרשטיין די פסיכאָלאָגישע אומשטענדן, וועל איך מותר זיין דערויף. אויסטיילן מוז מען אָבער צוויי פון זיי — דעם טשעכישן ייד בראָנפעלד און דעם לאָדזשער איצי דיאַמאָנט.

זומער 1942 איז בראָנפעלד געוואָרן דער פֿאָרזיצער פונם „יודנראַט". ער האָט עס צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון „מענטשן פֿאַר אַרבעט" — אַזוי האָט עס געהייסן. אין דער רשימה איז אויך אַריינגענומען געוואָרן מיין שוואָגער לעמבערגער, וועלכער איז נישט מיטגעגאַנגען מיט דער גרופּע. ווי ער האָט מיר געזאָגט, האָט קיינער נישט געוואָלט גיין. די מענטשן זענען פון דער „אַרבעט" נישט צוריקגעקומען. בראָנפעלד האָט ביי די פֿאַמיליעס פון די אַוועקגענומענע געזאַמלט געלט, כלומרשט אויסצוזוכן זייערע אייגענע, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט געפונען.

דער לאָדזשער דיאַמאָנט איז געוואָרן זיין קאָנקורענט. ער האָט געהאַט זיינעם אַ געהילף, אַ געוויסן נוטין. ביידע האָבן זיי געהאַט אַ שייכות צו אַ אינטערנאַציאָנאַלע באַנדע פון גנבים און אַפעריסטן. אָבער נוטין האָט אַרויסבאַוויזן מער מענטשלעכקייט. יענעם זומער זענען די אויסגעמאַטערטע, פיזיש צעבראָכענע יידן דערגאַנגען צו דער לעצטער מדרגה, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זיי האָבן פשוט נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. נוטין האָט געוווּסט פון דער סכנה וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן, האָט ער אָנגעהויבן טיילן געלט צו די וואָס וועלן גיין אַרבעטן, און דערמיט געראַטעוועט די יידן פון אַ קאַטאַסטראָפע. פון וואַנען ער האָט דאָס געלט געהאַט, צי פון „יודנראַט", צי פון אַן אַנדער מקור, ווייס איך נישט.

די פליטים דייטש־קענער, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט אינם „יודנראַט", האָבן זיך פֿאַרשאַפט פֿאַרבינדונגען מיט די דייטשן, אַפילו מיט דעם בעסטיאַלן קאָמיסאַר, מילער, וועלכן מ'האָט געשטאָפט מיט כאַבאַר. אָבער דער איינציקער הויפט־מחותן ביים מערדער איז געווען דער דערמאָנטער בראָנפעלד. און נישט נאָר ביים קאָמיסאַר נייערט אויך ביים זשאַנדאַרם־פירער — שומאַן. אָט די חברה־לייט האָבן עס צוגעשטעלט די מענטשן וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם דערמאָנטן אָרט — טיוואָלי.

בראָנפעלד און דיאַמאָנט האָבן ביי די צוויי הערשער, מילער און שומאַן, פיגורירט ווי די „שוץ־יידן" זייערע. מילערס ייד איז געווען דיאַמאָנט און שומאַנס — בראָנפעלד. אין זייער קאָנקורענץ פ׳ן איבעריאָגן זיך מיט געטריישאַפט צום באַלעבאָס, האָט איינער אויפן צווייטן געשאָטן

מיט מסירות. אין דעם געיעג האָט בראַנפעלד באַזיגט דיאַמאָנטן. אין אַ הויזזוכונג ביי דיאַמאָנטן, ביים ביי־זיין פון יידישע פּאָליציאַנטן, האָט מען געפונען בריליאַנטן און אַנדערע אָנגעראַבעוועטע טייערע חפצים. זיין סוף איז געווען, אַז ער מיט זיינע מיטהעלפער זענען נעבן דער טורמע דערשאָסן געוואָרן. די קאָנקורענץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך צווישן די צוויי דייטשע מערדער: „דו שלאָגסט מיין יידן, וועל איך שלאָגן דיין יידן". די מסירות האָבן דערגרייכט צו די העכערע דייטשע הערשער און דיאַמאָנטס סוף האָט אויך געהאַט בראָנפעלד מיט זיינע מיטהעלפער. די דאָזיקע אויסוווּרפן האָבן געבאַלעבאַטעוועט מיט די יידישע לעבנס פון האַרבסט 1941 ביזן זומער 1942. נאָך זיי איז געוואָרן פאָרזיצער פון „יודנראַט" דער פריער דערמאָנטער ד"ר מאַנדעל פון קראָקע. ער האָט געטריי געדינט דער יידישער באַפעלקערונג ביזן לעצטן טאָג פונם געטאָאומקום. אַ חוץ די אָפּטיילונגען פון פינאַנסן, באַשפּייזונג, אַרבעטדינסט, יידישע פּאָליציי האָט אויך דאַן ביים „יודנראַט" עקזיסטירט אַ פּאָלקס־קיך אינם בנין פון די פייער־לעשער.

אויף דער פאַראָרדנונג פונם קאָמיסאַר מילער, האָבן די יידן באַדאַרפט איבערבייטן דעם מגן דויד באַנד אויפן האַנט אויף אַ געלער לאַטע, אָנגענייט אויף דער פּלייצע, אַביסל נידעריקער פונם קאָלנער. איך האָב געזען, ווי אַ קריסט האָט געוויינט זעענדיק אָט דעם שאַנד־צייכן... לויטן באַפעל פון דעמזעלבן איז די יידן צוגעטיילט געוואָרן 75 גראַם ברויט אַ טאָג. דאָס ברויט איז געווען ניט פון קאָרן נאָר פון גערשטן. אָט די הונגער־פּאָרציע האָט פאַרגרעסערט די צאָל שטאַרבנדיקע אויף 12—10 אַ טאָג.

דער מערדער מילער האָט נישט געלאָזט אָפּאָטעמען פון טעגלעכע נייע גזירות. 500 טויט־אורטיילן האָט ער אַרויסגעגעבן אויף די פאַרשפּאַרטע אין טורמע פאַר פאַרשיידענע באַשולדיקונגען. צען יוגנטלעכע, למשל, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן, זענען געווען צווישן די צעשאָסענע פאַר אַ חשד, אַז זיי זאָלן האָבן געגנבה'ט בענזין. יעדע וואָך איז געפאָדערט געוואָרן אַן אַנדער קאָנטריבוציע ווי: געלט, וועש, הלבשה, ווייסע ווינטערדיקע קליידער פאַר דער אַרמיי. אַזוי זענען די יידן אויסגערויבט געוואָרן פון די רעשטלעך פון זייער פאַרמעגן. איז ווייניק געווען דער רויב האָט מען פון די אויסגעפייניקטע און אויסגעהונגערטע געפאָדערט 25 טאָן תבואה. די יידישע פּאָליציי, צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פונם „יודנראַט", האָבן אויפגעבראָכן פאַרמויערטע קעלערס און בוינקערס, און קאָנפיסקירט פאַרבאַהאַלטענע שפּייז. בעת דער דאָזיקער עקזעקוציע פלעגן אויסברעכן האַרצרייסנדיקע יללות פאַרן שרעק פון אַ הונגער־טויט. דעם רוב געפאָדערטע זאַכן פאַר די קאָנטריבוציעס האָט מען געמוזט קויפן אויסערן געטאָ, דורך אויסטוישן די פאַרבאַהאַלטענע רעשטן.

מענער איז פאַרבאָטן געוואָרן צו לאָזן וואַקסן זייערע האָר, אויך די פרויען האָבן געמוזט טראָגן קורצע האָר.

פונקט ווי די שול איז אָפּגעווישט געוואָרן, אַזוי האָט מען אויך צעשטערט דעם בית־עלמין. די דאָזיקע אַרבעט האָבן די יידן געמוזט טון אַליין. די מציבות האָט מען פאַרנוצט פאַר בוי־צוועקן. אויף דעם שטיינערנעם פאַרקאַן אַרום דעם בית־עלמין האָבן די יידן געמוזט אַראָפּטראָגן. נאָר אויפן שפּיץ פון בית־עלמין באַרג האָט מען געלאָזט גאַנץ אַ קליינע צאָל מציבות.

די סאַדיסטישע גיריקייט צו דערנידעריקן דעם יידן כל זמן ער זשיפּעט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער הונט מילער האָט פאַראָרדנט דעם „יודנראַט" אויפצושטעלן אַ שאַנד־הויז פאַר דער יידישער יוגנט, אינם עלטער פון 16 ביז 19 יאָר.

אין דעם באַפעל איז באַטאָנט געוואָרן, אַז יעדער יוגנטלעכער איז מחויב צו באַזוכן דאָס „הויז” און אַרויסנעמען אַ ספעציעלע באַשטעטיקונג. די דאָזיקע גזירה האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושרייען דורך אַ קאָנטריבוציע־אָפּצאָל פון די עלטערן פאַר זייערע קינדער. אין געטאָ האָבן יידן געזאָגט, אַז אָט דער טייוולאָנישער איינפאַל האָט געשטאַמט פון דעם דערמאָנטן דיאַמאַנט, וואָס האָט געוואָלט זיין מערדער־באַלעבאָס דינען מיט מער געלט.

אַ סך יידישע הייזער אויסער דער געטאָ האָט דער קאָמיסאַר צעשטערט, און די איינריכטונגען פאַרקויפט צו די דאָרפישע פויערים. אייניקע הייזער זענען אָפּגעגעבן געוואָרן צו די שטאָטישע קריסטן. .

אין אויגוסט 1941 האָבן די יידן, אויפן באַפעל פונם רוצח מילער, צוגעשטעלט אַ קאָנטריבוציע פון גאָלד און זילבער: עלף קילאָ גאָלד און טאָנען זילבער, אַריינגערעכנט זילבערנע חפצים פון די בתי מדרשים און שולן.

די יידישע פאָליציי

די יידישע פאָליציי איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן „יודנראַט”. איידער מען האָט די יידן פאַרשפאַרט אין געטאָ, איז איר פונקציע געווען צו צושטעלן מענטשן אויף אַרבעט און אויפמאָנען די קאָנטריבוציעס. יעדער האָט געמוזט אַרבעטן דריי מאָל אין וואָך. די פאָליציי פלעגט אַרומגיין איבער די הייזער צו פאַרנעמען די מענטשן פאַר דער צוואַנגס־אַרבעט. דייעניקע וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט דער אַרבעט, האָבן געמוזט אַרבעטן זעקס מאָל אין וואָך. דאָס אַרויסדרייען זיך פון אַרבעט האָט געצוווּנגען דערצו, אַז צוזאַמען מיט דער יידישער פאָליציי איז מיטגעגאַנגען די אוקראַינישע. דעמאָלט איז שוין ניט געווען קיין ברירה... די אַרבעטס־מענטשן האָט מען צונויפגעזאַמלט אויף איין אָרט. זייער באַשפייזונג איז באַשטאַנען אין אַ האַלבן ליטער זופ און 250 גראַם — אַ האַלב פונט — ברויט אַ גאַנצן טאָג. די שווערע אַרבעט, ביי אַזאַ קלאָגלעכן נערונג, האָט גיך פאַרצערט די פיזישע כוחות, מען האָט דעריבער געזוכט אַלע מיטלען זיך אויסצובאַהאַלטן, נישט צו גיין אויף אַרבעט.

לכתחילה האָבן די יידן זיך נישט געוואָלט אַנגאַזשירן אין דער פאָליציי. עס האָט זיך אָבער געענדערט די לאַגע, נאָכדעם ווען מען האָט די באַפעלקערונג פאַרשפאַרט אין געטאָ, וואָס איז באַוואַכט געוואָרן דורך דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און דער אוקראַינישער מיליץ. דער מצב האָט זיך פאַרערגערט. די יידישע פאָליציי איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט שווערע אויפגאַבעס. די אויסגעהונגערטע באַפעלקערונג איז שוין דעמאָלט פיזיש אינגאַנצן אויסגעשעפט געוואָרן פון די כוחות. מענטשן זענען אויף די גאַסן געשטאָרבן פון הונגער. די מתים זענען, לויט אַ באַפעל, אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף אַ וואָגן און פאַרשלעפט געוואָרן, אָן אַ לוויה אין אַ קבר. ס'האָט זיך פאַרשפרייט ביי דער באַפעלקערונג די פורונקולאָזע. ביי אַזאַ מצב זענען די מענטשן געווען געצוווּנגען צו טאָן די עבודת פרך. און די יידישע פאָליציי האָט דערביי מיטגעהאָלפן, לויט די פאַראָרדנונגען פון „יודנראַט”, גענוי ווי ביים אויספירן אַלע אַנדערע גזירות. אמת, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ראַטעווען די יידן פון טויט, הגם אין אַנדערע שטעט, ווי אין ראָוונע, זענען אין האַרבסט 1941 אומגעבראַכט געוואָרן 17.000 יידן.

ס'איז ממש געווען אַ נס, וואָס ביי אַזאַ ענגשאַפט און הונגער איז נישט אויסגעבראָכן קיין עפידעמיע. דאָס איז זיכער געווען צו פאַרדאַנקען דעם סאַניטאַר־היגיענישן מצב. אין געטאָ זענען געווען דריי ברונעמער. פאַרטאָג פלעגן זיך בילדן לאַנגע רייען, אויף צו באַזאָרגן זיך מיט

וואַסער אויפֿן גאַנצן טאָג. עס איז געווען אַ מאַנגל אין וואַסער. אויך ביי די אָפּ־טרעטן פלעגן זיין רייען. אָבער מען האָט די ערטער אויך געהאַלטן ריין. די פּאָליציי האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער ריינקייט. אַזוי אויך אין די בעקערייען, אין די שפּייז־קרעמלעך.

די פּאָליציי האָט געטראָגן היטלען מיט אַ געלן איבערשלאַג און אויף די אַקסלען — געלע עפּאָלעטן מיט אַ צלמ׳ל אין דער מיט. זי האָט אויך שטרענג אָפּגעהיט, אַז נאָך 7 פאַרנאַכט זאָל מען זיך אין גאַס נישט באַווייזן. אַזוי האָבן פאַרלאַנגט די קריסטן פון דעם דרויסן, מען זאָל נישט הערן דאָס יידישע לשון... נאַטירלעך זענען צווישן דער יידישער פּאָליציי געווען אויך ברוטאַלע עלעמענטן.

די פּאָליציי האָט איינגעפירט דראַסטישע מיטלען איינצוזאַמלען די קאָנטריבוציעס. דער פינאַנס־פאַרוואַלטער ביים „יודנראַט" האָט באַשטימט וואָס יעדער ייד דאַרף געבן. עס זענען געווען אָבער אַזעלכע וואָס נאָר די נשמה האָט מען ביי זיי געקענט אַוועק־נעמען. דערויף האָבן טאַקע די מערדער אויסגעקוקט, כדי חרוב צו מאַכן די געטאָ. לויטן אָנווייז פון „יודנראַט", האָט די פּאָלי־ציי דורכגעפירט הויז־זוכונגען און זי האָט קאָנפיסקירט אַלץ וואָס זי האָט אָנגעטראָפן. ווען עס האָט אָבער נישט געסטייעט צו דעקן די פאָדערונגען, האָט מען די געפאָדערטע זאַכן געקויפט אויסערן געטאָ, דורך כאַבאַר צו די וועכטער אַריינגעבראַכט די קניות אין דער געטאָ און אויף אַזאַ אופן אויס־געפירט בשלימות די קאָנטריבוציע שטראָף.

די יידישע פּאָליציי האָט נישט וויניק רשעות אָנגעטון. אָבער אָביעקטיוו צו זיין דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מען האָט געקענט זשיפען כל זמן די געטאָ האָט עקזיסטירט. מען האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט דאָס לעבן, ביים אַריינשמוגלען פון דרויסן עסנ־וואַרג, אַבי ס׳איז מעגלעך געווען צו דער־האַלטן דאָס חיות. מען האָט די גאַנצע שמוגל־אַרבעט אויסגעפירט ביינאַכט. דער יידישער פּאָליציאַנט האָט געהאַט די פריי־ווילעגיע, וואָס ער האָט געקענט פאַרביי־גיין די דייטשע און אוקראַאינישע געטאָ־וועכטער אָן אַ קאָנטראָל. אויף אַזאַ אופן האָט ער געקענט זאָרגן פאַרן קיום פון זיין משפחה. אָבער ביים באַפעל צו ליקווידירן די געטאָ, האָט יעדע הכנעה צו די מער־דער מער נישט געהאָלפן.

געטאָ צאַנקעניש

אַ חוץ די עבודת פרך, די ראַנגלעניש פאַר דורכלעבן דעם טאָג, האָט מען שטענ־דיק געהאַלטן די נשמה אין די הענט. מען האָט זיך שטענדיק געצאַפּלט פון פחד און שרעק וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. אָט האָט עמיצער וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין אַרבעט־דינסט אויי־סער דער געטאָ דערציילט, אַז די ס. ס. דערנעענטערט זיך צו דער שטאָט מיט מאַשין־געווער; אַ אַנדערער ווידער דער־ציילט, אַז ער האָט געהערט פון אַ דייטש, אַז מאָרגן וועט מען אַרויפלייגן אַ נייע קאָנטריבוציע, אָדער מען וועט נעמען פריי־שע מענטשן פאַר אַרבעטס־דינסט, אָדער עס גרייט זיך אַ „אַקציע" אויף קראַנקע, קינדער, און אַרבעטס־אומפעהיקע וכדומה אַזעלכע נייעסן. די דאָזיקע איוב־בשורות האָבן צעשרויפט די געמיטער. דעם גאַנצן טאָג איז מען געווען ווי פאַרחלשט, מען האָט געדאַנקט גאָט פאַרן אָנקום פון דער נאַכט־רו, און געבעטן אַז זי זאָל זיך ציען אין דער אייביקייט אַריין. אָט איז „אַ טאָג אין געטאָ".

קאָיאָר זענען די מענטשן שוין אויף די פיס. צווישן זיי זעט מען די אָנגעשטעלטע פון „יודנראַט", אַמאָל אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציי, וואָס האָט געפירט צו די אַרבעטס־ערטער. דאָס ערשטע לויפט מען צו די ברונעמס צו פאַרכאַפּן אַ אָרט אין

דער ריי נאָך וואַסער. דערנאָך רייניקט מען און מען קערט די גאַסן. דאַן איילט מען זיך אין דער קיך אַרייצנוכאַפּן אַ ביסל זופּ. מען לויפט צו די פאַרטיילונגס־ערטער נאָך אַ שטיקל ברויט, און אַ מאָל גייט מען פון דאָרט אַוועק מיט ליידיקע הענט. פלעגט אויפקומען אַ קריגעריי — און די פּאָליציי האָט זיך באַדאַרפט אַריינמישן. דערווייל האָט מען צענויפגענומען די זיך וואַלגערנ־דיקע מתים, און זיי געבראַכט צו קבורה. קיין שום רושם פלעגט דאָס נישט מאַכן אויף קיינעם... פאַרקערט, געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געאויסערט, אַז דאָס איז אַ לוקסוס־טויט.

דאַן הויבט זיך אָן דאָס זאַמלען ביים אַרויסגאַנגס־טויער פון געטאָ. די יוגנט ווערט געפירט צו די אַרבעטס־ערטער. הערצער האָבן געציטערט פאַר זייער גורל. בראש פון יעדער גרופּע איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט אין שורות אַרויס־געפירט פונם טויער. אין דרויסן איז גע־שטאַנען די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און די אוקראַינער. מען האָט זיי בודק געווען. אויב מ׳האָט עפּעס וואָס געפונען ביי זיי, האָט מען דאָס אַוועקגענומען. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין קלעפּ. אָבער ס׳האָט קיינעם נישט געאַרט. די רוצחים האָבן דאָס וואָס זיי איז געפעלן פאַר זיך אַוועקגענומען. פיל ערגער אָבער האָט מען זיך געפילט ביי די זוכענישן בעת מען האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט. האָט מען ביי איינעם נאָר געפונען אַ ציבעלע אָדער אַ עפּל, וואָס ער האָט אויס־געבעטן, האָט מען אַלעמען געשלאָגן דערפאַר. אַ פרוי וואָס האָט געוואַגט צו פאַרהוילן אַ איי פאַר איר קינד, איז גע־שלאָגן געוואָרן מכות רצח. נאָך אַ נס, וואָס מען האָט זי נישט פאַרהאַלטן, וואָס דאָס האָט געהייסן אַ זיכערער טויט. איז גע־שען אַ מאָל אַ „גליק״, און ביים טויער זע־נען געשטאַנען וועכטער מיט אַ שטיקל מענטשלעך געפיל און האָבן פאַרקוקט, האָבן יידן געזאָגט: „היינט איז געווען אַ מזלדיקער טאָג, מען האָט געקענט עפּעס אַריינברענגען אין געטאָ״. אַזעלכע נסים זענען אָבער געווען זעלטן. ווען אַזאַ פאַל איז געשען, פלעגט די יידישע פּאָליציי שטייען ביים טויער, אינאיינעם מיט אַ אָנגעשטעלטן פונם שפּיטאָל, און עפּעס־וואָס אַוועקנעמען פאַר די קראַנקע. מ׳האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגעבן. ווייל דער שפּיטאָל האָט נישט באַקומען צוגעטיילט קיין עסן, און די קראַנקע דאָרט זענען אויסגעגאַנגען סיי פון מאַנגל אין מעדיקאַמענטן. סיי פון הונגער. ביים דאָזיקן טויער צום גיהנום פלעגן פאָרקומען אכזריותדיקע מאָמענטן — מען פלעגט מערדערלעך שלאָגן פאַר באַ־האַלטן ביי זיך אַ כזית ברויט. אָבער מענ־טשן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר דערהאַלטן דאָסזעלבע לעבן דורך אַ שטיקל ברויט.

אין געטאָ איז געווען אַן אומלעגאַלער מאַרק. די יידישע פּאָליציי האָט אַוועקגע־קוקט, מחמת זי אַליין פלעגט פאַר זיך איינהאַנדלען דאָס נויטיקע. פלעגט מען נאָר „דערשמעקן״ אַז דער דייטש גייט, איז דער מאַרק כהרף עין פאַרשוווּנדן. איז די סכנה אַריבער האָט מען ווידער געהאַנדלט פאַרן דערהאַלטן די נשמה.

אויף דער י. ב. לעווינזאָן גאַס, נעבן דעם קלויז, האָבן זיך געוואַלגערט געשטאַלט־לאָזע פון הונגער אָנגעבלאָזענע קערפּער. זיי האָבן זייער געשוואָלנקייט געוואַרעמט אין די זון־שטראַלן און געוואַרט, אַז דער טויט זאָל זיי אויסלייזן. זיי האָבן „געוווינט״ אין קלויז, אויף די צוויי־שורותדיקע נאַ־רעס פון ברעטער. באַדעקט מיט שטרוי. אַרום אָט די געלעגערס האָט זיך געמערט שמוץ און ווערים — קיין שום דעזינפעקציע האָט ניט געהאָלפן. האָט מען דאָס שטרוי פאַרברענט, האָבן די קריכענדיקע אינזעקטן זיך ווידער באַוויזן. דאָ האָט זיך געפונען

די אָרעמקייט פון געטאָ. אויך אינם געוועזענעם „גראַנד האָטעל" האָט זיך דאָסזעלבע עיפּושדיקע טויטלעכקייט געשפּרייט. דאָרט זענען מענטשן אויסגעלאָשן געוואָרן ווי צאַנקנדיקע ליכט. דאָס אָרעמקייט אינאיינעם מיט די קראַנקע אינם שפּיטאָל, פלעגן זיין די ערשטע פאַרלענדעטע בעת יעדער „אַקציע".

„גוטע דייטשן"

אַ שיכורער דייטש איז אַמאָל אַריינגעקומען אין געטאָ און געגאַנגען אויף דער גאָרנא גאַס. די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן און זענען זיך צעלאָפן. געבליבן זענען נאָר קינדער. דער דייטש האָט זיי געטיילט צוקערקעס, געהאַלדזט און געקושט. דערביי האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול: „אָרעמע יודישע קינדער! וואַרום פערפאָלגט אייך דער פערפלוכטער היטלער!"

די יידן האָבן געלעבט אין שרעק פאַרן רעזולטאַט וואָס דאָס קען ברענגען, אויב דער באַלעבאָס פון געטאָ וועט זיך דערפון דערוויסן. בכלל פלעגט טרעפן, אַז אַזעלכע דייטשן פלעגן אַ מאָל „פאַרבלאָנדזשען" אין געטאָ און אַרויסווייזן אַ מענטשלעך געפיל צו די יידן. וועגן אַזעלכע איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל צווישן די יידן: „פאַר אַ גוטן דייטש — אַ גוטן טויט, פאַר אַ שלעכטן — אַ מיתה משונה". אגב: יעדער־געטאָ מענטש האָט געצאָלט פאַר די דייטשן אַ קאָפּ־שטייער פון 20 רובל.

צווישן די טויער־וועכטער פלעגט אויך טרעפן, אַז פאַר געבן אים אין יד אַריין, האָט ער דורכגעלאָזט אין געטאָ וועגענער מיט שפּייזן. אויף פאַרשידענע וועגן פלעגט זיך אויך איינגעבן אַריינצובאַקומען אין געטאָ אַ ביסל פלייש. אַזאַ אַרבעט פלעגט אָפּגעטאָן ווערן אין די נעכט.

באהעלטענישן פארן טויט

און אָט זענען אין געטאָ דערגאַנגען ידיעות וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן אין אַנדערע ערטער. מען האָט זיך געריכט אויף אַ „יודן־ריין" אַקציע אויך אין קרעמעניץ. אויף פאַרשיידענע אופנים האָבן מענטשן געזוכט אַ וועג צו אַנטרינען פונם טויט. ווער עס האָט זיך בשתיקה אַרויסגעכאַפּט פון געטאָ און זיך געלאָזן אויף גאָטס באַראָט, ווער ס'האָט געפּרוווט מזל אין אַן אַנדער אָרט ווו דער חלף איז נאָך נישט געלעגן אויפן האַלדז. אייניקע זענען אויפן וועג אַריינגעפאַלן אין די רוצחישע הענט. אָבער דער רוב איז פאַרבליבן אין געטאָ. מען האָט אונטער דער ערד געגראָבן באַהעלטענישן, בונקערס. מחמת דער גרויסער ענגשאַפט אויף דער אויבערפלאַך, האָבן נישט אַלע געקענט אַריין אין אַ גאָר קליינעם הייל, ווי ס'איז אַ בונקער. נו, אַז מען איז שוין אַרונטער אין אַ בונקער. האָט מען אַ חוץ דעם נפש אויך געוואָלט מיטנעמען מיט זיך עפּעס פון פאַרמעגן. מען קען זיך פאָרשטעלן דאָס סדום־ווינקל פון אַ בונקער, ווען אויף גאַנצע פערצן מעטער האָבן זיך צענויפגעקוועטשט 24 מענטשן מיט קליינע קינדער דערביי. דער סוף איז געווען, אַז בעת אַן „אַקציע" האָט מען נישט געקענט אויסהאַלטן, און מען פלעגט זיך איבערגעבן אין די רוצחישע הענט. עס זענען אָבער אויך געווען אויסנאַמען. יחידים האָבן באַוויזן אויסצובויען אַזעלכע באַהעלטענישן מיט אַלע איינריכטונגען, ווי עלעקטריע און סאַניטאַרישע. ממש אַ שטאָט אונטער דער ערד. דער סוף איז געווען, אַז דער תלין האָט דעם געטאָ אונטערגעצונדן. און די קרבנות זענען אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

די ענגשאַפט און די גאַנצע לעבנסצאַנקעניש האָט געבראַכט אַ מאָראַלישע ירידה. מען האָט פאַרלאָרן די שליטה איבער זיך און איבער די קינדער. די יוגנט האָט געפילט באַשיימפערלאַך די דערנעענטערונג פון סוף און האָט זיך אויפגע־

פירט הפקרדיק. הגם אין געטאָ איז געווען אַן אָנגעלויף פון מענטשן פון אַנדערע ערטער — דערונטער אינטעליגענץ, געלערנטע וכדומה, האָבן אָבער אויך נישט געפעלט „אונטער־וועלט" עלעמענטן, און קיינעם האָט גאָרנישט באַוויגן צו פירן די רעזיגנירטע מענטשן אויף אַ וועג פון נאָרמאַלער מענטשלעכער אויפפירונג. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין שרעק פון טויט, אַלץ איז געווען צוגעשפיצט צו איין באַגער, ווי אַזוי זיך אַליין און די אייגענע צו ראַטעווען.

דער הונגער איז פון טאָג־צו־טאָג געוואָקסן. די לעצטע רעשטן פון די פאַרבאָרגטע שפייזן האָבן זיך אויסגעלאָזט. דאָס אַריינשמוגלען פון דרויסן איז געוואָרן ווי אינגאַנצן פאַרשפאַרט. די צאָל פון הונגער־טויטע האָט זיך פאַרגרעסערט. מען האָט פון די טויטע אַלץ אַרונטערגענומען. געפרוּווט אין יאוש זיך בעטן ביי די קריסטן אויף דער אַנדערער זייט צו פאַרקויפן אַ ביסן. מ׳האָט זיך שוין נישט גערעכנט דערמיט, וואָס אייניקע זענען אַריינגעפאַלן אין די רוצחישע הענט. דער וואַך־רעזשים אַרום געטאָ־צוים איז געוואָרן שטרענגער, ענג אַרומגעשטעלט מיט אוקראַיִנישע וועכטער. דער „יודנראַט" האָט געוואָרנט פאַר יעדן מין האַנדל. די יידישע פאָליציי האָט פאַרשטאַרקט איר שמירה. אָבער דער כוח פון הונגער האָט גובר געווען, אוז מען האָט זיך מפקיר געווען און געקראָכן איבערן פאַרקאַן נאָך אַ ביסן ברויט.

אַ 16 יעריק מיידל וואָס האָט נישט געקענט מער פאַרטראָגן די יסורים פון די אייגענע, האָט זי זיך, אָן דעם וויסן פון אירע עלטערן, איינגעשטעלט דאָס לעבן. מיט אַ קויש אין האַנט האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין איינעם אַ פרימאָרגן פון שטוב. זי האָט אָנגעהויבן אַריבערקלעטערן איבערן פאַרקאַן, און איידער זי האָט באַוויזן אַ שפרונג טון — איז זי פון צוויי קוילן אַרונטערגעפאַלן אַ דערשאָסענע אויף דער דרויסן־זייט. די דייטשע זשאַנדאַרן זענען געווען גערירט פון דעם יונגן שיינעם פנים און האָבן אויסגעזידלט די אוקראַיִנישע מערדער.

צווישן די קריסטן ביי וועמען אייניקע יידן האָבן געלאָזט זייער האָב און גוטס, מיט דער אויסזיכט אויף אַ בעסערער צייט, זענען געווען אייניקע וועלכע פלעגן אַריבערוואַרפן פעקלעך עסן איבערן צוים. דער רוב אָבער האָט נאָר געוואַרט אויף דער קומענדיקער לעצטער עקזעקוציע, כדי צו בלייבן די יורשים.

די שקלאַפן-אַרבעט ווערט אכזריות־דיקער

דער אַרבעטס־אָפטייל ביים „יודנראַט" ווערט פאַרוואָרפן מיט גרעסערע אַרבעטס־ליפערונגען. די פיזיש־אויסגעשעפטע מענטשן ווערן געטריבן צו עבודת־פרך. צווישן די זיבן אויפזעער אויף די זיבן אַרבעטס־קוואַרטאַלן זענען געווען איידעלע מענטשן. זיי האָבן געפרוּווט פאַרגרינגערן דעם מצב פון די נידערגעשלאָגענע, דורך צאָלן אויסקויף־געלט פון די מער פאַרמעגלעכע עלעמענטן. די אַרבעט אָבער איז געווען אַזאַ ביטער־שווערע, אַז כמעט אַלע האָבן זיך אָפגעזאָגט זי אויסצופירן. דער אַרבעטס־אַמט האָט געוווּסט די סכנה וואָס שטעקט דערביי, און ער האָט זיך גענומען אויספאָרשן די סיבות. ס׳איז געווען אַ אַרבעט ביי טאַבאַק־פלאַנטאַציעס, מיט אַ פיקסירטער גרויסער נאָרמע פון ליפערונג. די אויפזעער ביי דער אַרבעט זענען געווען אוקראַינער. אויף אַ גרויסער שטרעקע האָט מען באַדאַרפט אויסגראָבן און אַרויפלאָדן גאַנצע פופציק שלעפ־וואָגנס. דייעניקע וואָס האָבן נישט באַוויזן אויסצופירן די אַרבעט זענען געשלאָגן געוואָרן מכות רצח. דער אַרבעטס־פאַרוואַלטער, ציגער, האָט וועגן דעם אינפאָרמירט דעם דייטשן באַ־

לעבאָס, האַמערשטיין. ווען דער לעצטער האָט זיך איבערצייגט אין דעם אמת, האָט ער די אוקראַינישע מערדער צעהרג׳ט און זיי אָפּגעשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

פֿאַר זיין „גוטסקייט” איז האַמערשטיין באַדאַנקט געוואָרן מיט „מתנות”, מיט וואָס ציגער האָט אים די גאַנצע צייט געקאָרמעט. דערזעלבער האַמערשטיין האָט עס אַליין דורכגעפֿירט די יידן־„אַקציע” אין דובנע, ווייל ער האָט דאָרט נישט באַקומען אַזעלכע „מתנות”.

הגם אויסערן געטאָ האָבן זיך געפֿאָדערט אַרבעטס־הענט אויף לייכטערע אַרבעט, און יידישע פֿרויען האָבן זיך פֿרייוויליק אָנגעבאָטן, האָט מען זיי נישט אָנגענומען. נאָר דורך כּאַבאַר האָט מען זיך געקענט איינקויפֿן אַזאַ „זכות”. די פֿרויען האָבן געהאָפֿט אַז אַזוי אַרום וועלן זיי קענען „אַריינשוואַרצן” אַביסל עסן אין געטאָ בעתן צוריקגיין פֿון דער אַרבעט. עס פֿלעגן זיך יעדן פֿרימאָרגן אָפּשפּילן גרויל־סצענעס ביים אַרבעטס־אַמט מצד די אָנגעלאָפֿענע פֿרויען וואָס פֿלעגן געוואַלדעווען, אַז מען זאָל אויך זיי מיטנעמען מיט די אַנדערע אַרבעטס־הענט. האָט מען פֿון דאָרט זיך אַריינגנבהנען אין די צווישן־רייען. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפֿן.

אויף אַרבעט קיין ראָוונע

נאָך דער ערשטער „אַקציע” אין ראָוונע האָט זיך דאָרט געפֿילט אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט. האָט מען פֿון דאָרט געפֿאָדערט מענטשן פֿון דער אומגעגנט, אַריינגערכנט קרעמעניץ. דער יידישער אַרבעטס־אַמט איז אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צוצושטעלן אַרבעטער. אויך אין די שטעטלעך אַרום קרעמעניץ האָט מען דעם באַפֿעל געמוזט אויספֿירן. קיינער אָבער האָט זיך פֿרייוויליק נישט געוואָלט מעלדן. דער אָנפֿירער פֿון אַרבעטס־אַמט האָט דעריבער פֿאַררעגיסטרירט נישט־פֿאַמיליע־מענטשן, אָבער אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. מ׳האָט טאָג און נאַכט געלויערט, געגנישטערט אין געטאָ, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפֿן צו באַקומען די געפֿאָדערטע צאָל. האַמערשטיין אַליין האָט אָנגעפֿירט מיט כאַפּן די מענטשן. די דייטשע זשאַנדאַרמען, אוקראַינער און יידישע פּאָליציי האָבן די מענטשן געכאַפּט — אַרויפֿגעשלעפּט אויף די וועגענער און אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנעס. דער יאָמער און די האַרצרייסנדיקע יללות פֿון די פֿרויען און קינדער זענען דערגאַנגען עד לב השמים. אַלע האָבן געטראַכט, אַז ס׳איז געקומען די שעה פֿון פֿאַרטיליקונג. אויך די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון דער אַרבעט זענען מיטגענומען געוואָרן. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דאָס געפֿיל, אַז מען פֿירט צום אויסראָטן. אייניקע האָבן געפּרוווט אַנטלויפֿן, האָט די יידישע פּאָליציי זיי געכאַפּט און צוריקגעבראַכט. די קריסטלעכע איינוווינער מחוץ דער געטאָ האָבן געשטשירעט מיט געלעכטער. אַ טייל פֿון זיי האָט פֿאַרבייגייענדיק אויסגעדריקט מיטגעפֿיל. פֿון די וואַגאָנעס האָבן אייניקע אַרויסגעשפּרונגען. דאָס מאָל האָט די יידישע פּאָליציי אַפֿילו מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרווישן זייערע טריט. דורך וועלדער און פֿעלדער האָבן די אַנטלאָפֿענע זיך צוריק דערקליבן אין געטאָ אַריין.

מחוץ דעם געטאָ זענען געשטאַנען אָנגעפּילטע וועגענער מיט געבראַכטע יידן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע מען האָט אָפּגעפֿירט צו דער באַן. נאָר די שומסקער זענען געבליבן. געשמועסט האָט מען, אַז וועגן זיי איז געווען אַזאַ באַפֿעל פֿון האַמערשטיינען. ציגער זאָל זיי האָבן אויסגעקויפֿט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרויסגעשיקטע קיין ראָוונע זענען טאַקע באַשעפֿטיקט געוואָרן ביי אַרבעט. נאָכמער, עס האָט זיך דערטראָגן אַ ידיעה,

אַז זיי ווערן באַזאָרגט מיט עסן צו זעט. דאָס האָט געווירקט, אַז ביים קאָלעקטירן אַ צווייטן טראַנספּאָרט קיין ראָוונע, האָבן מענטשן זיך געריסן פאָרן און געצאָלט פאַרן „חסד” איינגעשלאָסן צו ווערן אין אים.

אינצווישן איז אָנגעקומען די גורל־שעה פאַרן אָנפירער פון יידישן אַרבעטס־אַמט, האַמערשטיין איז איבערגעפירט געוואָרן קיין דובנע, ציגער האָט אַזוי אַרום פאַרלוירן זיין שוץ. דער דערמאָנטער מערדער מילער האָט פאַרנומען זיין אָרט. לויט זיין פאַראָרדנונג האָט מען נישט געטאָרט אַפילו אַרויספירן אַ מת פון געטאָ אָן זיין דערלויבעניש. האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט אַזאַ מת, מיטן וויסן פון ציגערן אַליין, אַרויסגעפירט בשתיקה. דאָס איז דערגאַנגען צו מילערן. האָט ער ציגערן מיט זיין פאַמיליע אַרעסטירט און אין דער טורמע זיי אַלע דערשאָסן. דאָס האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט ציגערן, וואָס פלעגט האַמערשטיינען זעטיקן מיט „מתנות“...

די קאַטאַסטראָפע דערנעענטערט זיך

אין אויגוסט 1942 דערוויסט מען זיך וועגן דער פאַרטיליקונג פון יידן אין פאַרשיידענע ערטער, ווי ראַדזשיוויל און אַנדערע. אַנטלאָפענע פון ראָוונע דערציילן, אַז די שטאָט איז געוואָרן יידן־ריין. מען מאַכט שלום מיטן הונגער, מען גייט צו דער אַרבעט. מען צאָלט קאָנטריבוציעס. עס דערגרייכן נעפּלהאַפטע ידיעות, אויפגעכאַפּטע פון קריסטן דורכן ראַדיאָ, וועגן די דייטשע מפּלות און רוסישע נצחונות אויפן פראָנט. יידן זוכן טרייסט און האָפנונג און וואַרטן אויף אַ נס מן השמים, אַז זיי וועלן געראַטעוועט ווערן. אָבער די חלומות ווערן שנעל צעשטערט.

אין אַ זונטיק פרימאָרגן, איין וואָך פאַר דער „אַקציע”, דערהערט מען אין געטאָ אַ געהילך פון ראַדיאָ־מיקראָפאָנען, אויפגעשטעלטע אויף אויטאָמאָבילן, וואָס לויפן אַרום אין אַלע גאַסן פון שטאָט, מיט רופן צו דער באַפעלקערונג צו פאַרלענדן די יידן. דער שבת פונם 9־טן אויגוסט איז געווען דער לעצטער שבת זייערער. אין יענעם שבת פאַרנאַכט האָט דער אַרבעטס־אַמט באַקומען אַ באַפעל, אַז באַלד נאָך דער אַרבעט, זאָלן די אַרבעטער געשיקט ווערן צום באַן אויפצולאָדן תבואות אין די וואַגאָנען. ביים טויער פון געטאָ איז געשטאַנען די יידישע פאָליציי און אָפּגעוואַרט די זיך צוריקקערנדיקע אַרבעטער פון דער אַרבעט. עס איז געווען אַ קאַלטער, רעגנדיקער האַרבסט־טאָג. מידע, דורכגעפראָרענע, צעבראָכענע, דורכגענעצטע פונם רעגן, זענען זיי דערשוינטע שטייען געבליבן ביים טויער, — און דאָ האָט מען זיי גאָר אַריינגעשטופּט אין די וועגענער. אייניקע פון די אַרבעטער פּרוּוון זיך דורכרייסן צום טויער פון געטאָ, אָבער די אוקראַינער טרייבן זיי צוריק. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז עס זענען די געציילטע שעהן פאַר די יידן, אָבער זיי ווילן אויך די לעצטע נאַכט געניסן פון יידישער עבודת־פּרך. די יידישע פאָליציי ברענגט די לעצטע גרופּע יידן צו אַרבעט. די אוקראַינישע מערדער ווידער וואָרנען און יאָגן די יידן מיט זידלעריי צו איילן מיט דער אַרבעט. שפּעט אין דער נאַכט האָבן די פאַרמוטשעטע זיך אומגעקערט אין געטאָ. ווי די פינסטערניש פון דער נאַכט, איז פאַר זיי געווען פאַרהוילן דאָס, וואָס עס דערוואַרט זיי מאָרגן.

נאַכט פון טויט-אַנגסט

אינמיטן דער נאַכט פונם 9־טן אויפן 10־טן אויגוסט, איז דער געטאָ אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ קראַכנדיקער שיסעריי אַרום. אַ טויט שטילקייט האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און אַ באַגער, אַז די פינסטערניש זאָל דויערן און דויערן. אָבער די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט, און כסדר

פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. קוילן זענען געפֿאַלן אין געטאָ אַריין. פֿון דער גאָרני גאַס הערן זיך געשרייען, אָט הערט מען שוין יללות אַרום דער שול. די מערדער איילן צו דעם טויט. זיי צערייסן דעם געטאָ־פּאַרקאַן, רייסן זיך אַריין אין די יידישע באַהעלטנישן און נעמען אַוועק דאָס סאַמע לעצטע פֿון זיי. מען שיסט דערביי אויף אַלע זייטן און ס׳פֿאַלן טויטע אויפֿן אָרט. די קינדער, אַזוי ווי די עלטערע, באַגרייפֿן דעם מצב, און פֿאַרטויבן די לופֿט מיט זייערע האַרצרייסנדיקן געיאָמער. מען לויפֿט, ווער אין אַ בונקער, ווער אויף אַ בוידעם, ווי משוגענע פֿאַרצוקטע חיות. מען שלעפּט אין די באַהעלטענישן וואָס ס׳קומט אין האַנט אַריין. קינדער ספּאַזמירן אין שויס פֿון זייערע עלטערן, זוכנדיק שוץ פֿון טויט. ס׳איז אַ גרויזאַמע נאַכט פֿון ערב אומקום.

ווי צו להכעיס ענדיקט זיך די נאַכט און ס׳שטעלט זיך איין אַ לויטער־שיינער טאָג.

עס פֿאַלט אין געטאָ די ידיעה, אַז זעכציק נאַצי־זשאַנדאַרן מיט אַ אָפּטיילונג פֿון דער אוקראַינישער ס. ס. וואָס האָבן סטאַנציאָנירט אין דער פֿאָרשטאָט ביאַלא־קריניצא האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ. די נאַציס האָבן געטענהט, אַז דאָס האָבן די יידן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד אין געטאָ און געשאָסן אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן אויפֿגעפֿאָדערט דעם „יודנראַט״ אַרויסצופֿירן צום טויער אַלע אַרבעטס־פֿעיקע אויף כּלומרשטע אַרבעט. דער ראַט האָט אַפּעלירט צו אַלעמען צו פֿאָלגן דעם באַפֿעל, אָבער זייער ווייניק האָבן זיך אָפּגערופֿן. די זשאַנדאַרמען מיט דער ס. ס. האָבן לויט סערטיפֿיקאַטן פֿונם באַשטימטן אַרבעטס־פּלאַץ געאורטיילט, ווער מען אַוועקצונעמען פֿון דער געטאָ. אין דער צייט פֿון דער סעלעקציע האָט זיך ביים טויער צונויפֿגעזאַמלט כּמעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, יונג און אַלט, אַפֿילו מיט קינדער אויף די הענט.

אין צוויי לאַנגע שורות האָבן זיך די קרבנות אויסגעשטעלט. פֿון איין זייט, אַנהייבנדיק ביי דער גרויסער שול ביז דער י. ב. לעווינסאָן גאַס און דער שניידערשער, און פֿון דער צווייטער — דורך דער לענג פֿון דער גאָרנע גאַס. די אוקראַינער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיטן די צוויי שורות. קיין איין שאָס איז דעמאָלט פֿון זיי נישט געפֿאַלן. די יידן וואָלטן זיי דאַן געקענט לייכט אַנטוואָפּענען. אָבער ליידער האָט קיינער נישט געוואַגט. מען איז דערגאַנגען צו דער לעצטער מדרגה פֿון יאוש. ס׳האָט קיינער אַפֿילו נישט געוואַגט אָפּצוּווערן פֿון זיך די רוצחישע קלעפּ פֿון די אוקראַינער. מ׳האָט זיך געשטופּט צום טויער מיט דער מחשבה, אפשר וועט מען זיך ראַטעווען. אַפֿילו קראַנקע, פֿון הונגער געשוואָלענע, זענען געקראָכן פֿון זייערע געלעגערס. דערווייל איז אָנגעגאַנגען די סעלעקציע. די גליקלעכע האָט מען אין גרופּעס פֿון 400 אָפּגעפֿירט פֿונם טויער, און אונטער אַ פֿאַרשטאַרקטער וואַך זיי אָפּגעפֿירט קיין ביאַלא־קריניצא. אייניקע האָבן געפּרוווט אַנטלויפֿן. די אוקראַינער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און דערשאָסן. דערנאָך אַרונטערגעצויגן פֿון זיי די מלבושים. די רוצחים האָבן געוואָרנט מיט דערשיסן יעדן וואָס וועט פּרווון אַנטלויפֿן. צווישן די קריסטלעכע פֿאַרבייגייער אַהין און צוריק האָב איך געזען ביי אייניקע אַ געלעכטער אויף זייערע פּנימער. איך האָב געזען ווי סאָניע גאָלדענבערג־שפּיגל־גורוויץ ווערט געשטופּט דורך אַ אוקראַינישן פּאָליציאַנט, וואָס שלאָגט זי דערביי מיטן הענטל פֿון זיין רעוואָלווער. דאָס קינד אויפֿן האַנט האָט מיט טויט שרעק געקוקט אויף דער מאַמען...

אויפֿן וועג פֿון אומקום

אויפֿן טויטן־וועג האָט מען געפּרוווט איינער דעם צווייטן באַרויקן. אייניקע



גירוש פון די קרעמעניצער יידן
גירוש יהודי קרמניץ

האָבן געגלויבט, אַז מען וועט זיי שיינקען דאָס לעבן, אַנדערע ווידער האָבן זיך געאויסערט, אַז זיי ווילן נישט בלייבן לעבן אָן זייערע פאַמיליעס. ביז מען איז געקומען צום באַשטימונג אָרט. דאָרט האָט מען אַלעמען אַריינגעשטופט אין שטאַלן, ארומגערינגלט פון דרויסן דורך אַ קייט פון דער אוקראַינישער ס. ס. וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען אָרטיקע איינוואוינער. שטומע אין אַנגסטן, איז מען געזעסן אויף דער ערד. אַ טייל האָט ביטער געוויינט, אויף זייערע נאָענטע.

נעבן מיר איז געזעסן דער אַדוואָקאַט ליאָנע גרינבערג, דאָס פּנים איינגעזונקען אין די הענט און האָט געקלאָגט. „איך בין אַ פאַרברעכער — האָט ער צו מיר געזאָגט — איך האָב געלאָזן מיין ווייב און די קינדער אין געטאָ, פאַרוואָס האָבן מיר זיך אַזוי אויפגעפירט?״ — ווי אַ דאָרן אין האַרצן איז זיין פראַגע געבליבן שטעקן אין דער לופט אָן אַן ענטפער.

נאָך דער סעלעקציע און נאָכדעם ווי אַ טייל איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ביאַלאַ־קרעניצא, האָבן די געבליבענע אין געטאָ געזוכט אַנטרינונג אין בונקערס. נישט יעדער אָבער האָט געהאַט אַזאַ מקום מקלט. צווישן די ערשטע קרבנות פון אומקום זענען געווען די איינוואוינער פון דער אכסניה „גראַנד האָטעל״ און די שפּיטאָלקראַנקע. די אוקראַינער צוזאַמען מיט די דייטשע זשאַנדאַרמען האָבן זיי צונויפגעטריבן אויפן שול־פּלאַץ, פון דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעפירט ווערמען אין וועגענער, ווערמען צו־פוס, צו די אַלטע באַראַקן אונטערן שטאָט, ווו עס זענען נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געבליבן די שוץ־גריבער. דאָרט האָט מען די קרבנות, אונטער קלעפּ, געצוווּנגען זיך אויסטון און זיך אויסלייגן שורותווייז אין די גריבער ווערנדיק דערביי דערשאָסן פון אַ ס. ס. מערדער. די ווערמען די קוילן האָבן נישט

דערמאָרדעט, זענען פֿאַרענדיקט געוואָרן דורך די אוקראַינער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אַרום די גריבער. די גע־האָבן געשפּאָלטן די הימלען. עס האָבן ביז שרייען פֿון די דערוואַקסענע און קינדער געפֿעלט אָרטיקע קריסטלעכע איינוווינער וואָס זענען ספּעציעל געקומען הנאה האָבן דערפֿון, וואָס זייערע יידישע שכנים ווערן פֿאַרטיליקט. יעדע שורה אויסגעהרגעטע איז איבערגעשאָטן געוואָרן מיט ערד און קאַלך, צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט אין גסיסה־קאָנוווּלסיעס. אויף זיי האָט מען אַרויפֿגעוואָרפֿן נייע קרבנות. אייניקע האָבן נאַקעטע געפּרוּווט אַנטלויפֿן, אָבער די קוילן האָבן זיי אויפֿן וועג אַוועקגעלייגט. די לעבן־געלאָזענע האָט מען געצווּנגען אַריינצושלעפּן אין גרוב די דערשאָסענע און אַליין זיך אויך לייגן נעבן זיי. נאָך אָט דער אויסראָטונג האָבן די אוקראַינער מיט די דייטשן זיך געלאָזט נאָך די באַהאַלטענע אין די בונקערס. ס'האָט נישט געהאָלפֿן די בעסטע באַהעלטעניש, ווען די קינדער אין זיי האָבן זיך אין שרעק צעוויינט. און אַזוי אַרום זענען זיי אויסגעליפֿערט געוואָרן צום טויט. געווען פֿאַלן אין בונקערס ווען עלטערן האָבן פֿאַרשטאָפּט די מיילער פֿון די קינדער און זיי זענען דערשטיקט געוואָרן. אין אַ טייל באַהעלטענישן האָט מען די קינדער פֿאַרסמ'ט דורך איינשפּריצונגען. אויך האָבן אַ טייל אַליין פֿאַרענדיקט מיט זיך און מיט זייערע פֿאַמיליעס אַבי נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די מערדער. די דאָקטאָרין שקלאָווינא האָט אויפֿן זאַמל־פּלאַץ זיך געבעטן ביי די מערדער זיי זאָלן זי טויטן, און אַ דייטש האָט איר געטון דעם חסד. איר דריי־יאָריק אייניקל איז וויינענדיק געבראַכט געוואָרן צו די גריבער, און איז אַהין אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן.

די מערדער האָבן סיסטעמאַטיש דורכגעפֿירט די קרבנות־סעלעקציע — מאַנסבילן באַזונדער און פֿרויען מיט דערוואַקסענע קינדער באַזונדער. האָבן זיי צווישן די מאַנסבילן דערזען אַ קינד, האָט מען דאָס קינד אכזריותדיק באַפֿאַלן און אַוועקגעשלעפּט.

> צוויי קינדער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין זייער פֿאָטער. איין עלטער קינד, אַ מיידעלע, האָט זיך געבעטן ביי די רוצחים מען זאָל זי לאָזן אויך באַזונדער פֿון דער מאַמען. זי איז אַוועק פֿון טאַטן און פֿון דער מאַמען, און אַ טויטבלאַסע, שטיל־שווייגנדיקס, אַוועק אין דער שורה פֿון קינדער וואָס זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דעם טויטן־וואָגן. אָבער דאָס קלענערע קינד האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעקלאַמערט אינם טאַטן און געשריגן: „טאַטע, איך וויל נישט גיין". איינער פֿון די רוצחים האָט מיטן פֿוס אַרויסגעקלאַפּט דאָס קינד פֿון דעם פֿאָטער און אים געשליידערט צום צווייטן רוצח, דער צווייטער — צום דריטן, ביז דאָס קינד איז איבער די קעפּ פֿון די קינדער אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אינם וואָגן.

די מערדערישע שפּיצלעך

אויף אַרויסצובאַקומען אַלעמען פֿון די באַהעלטענישן, האָבן די נאַציס אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז די לעבעדיק געבליבענע וועלן נישט אומגעבראַכט ווערן, זאָלן זיי נאָר אַרויסקומען פֿון זייערע בונקערס אויף צו דערקענען די אַוועקגערויבטע פֿאַרמעגנס פֿון די אומגעקומענע. זאָלן זיי אַרויסברענגען אַלע איבעריקע באַהאַלטענע. באַגלייט פֿון דייטשן און אוקראַינער זענען די מענטשן אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און אויסגערופֿן אויף אַ קול: „יידן גייט אַרויס, עס וועט אייך קיין שלעכטס

ניט געשען. מען דאַרף נאָר גיין אויף אַרבעט". אַ סך וואָס האָבן געהערט די רייד אין יידיש, אָדער האָבן דערקענט לויטן קול זייערן אַ באַקאַנטן, האָבן געפאָלגט דער פאַרפירעניש. זיי זענען אַרויסגעקומען פון זייערע בונקערס און זענען באַלד אָפּגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה. נאָך דעם ווי זיי האָבן געבראַכט אינם קבר פון די אומגעבראַכטע, די דערמאָרדעטע וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, זענען זיי אַלע פאַרטיליקט געוואָרן אין טורמע־הויף. אייניקע האָבן געפּרוווט מזל אונטערצוקויפן מיט גרויס כאַבאַר די וועכטער, אַז מען זאָל זיי אַרויסנעמען פון געטאָ. אָבער ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון געטאָ האָט מען זיי נאָכגעשאָסן און געטויט. איינע אַ פרוי מיט איר קינד אויפן האַנט האָט געפּרוווט אַריבערשפּרינגען דעם געטאָ־פּאַרקאַן, נעבן דער גאָגאָל־גאַס, דער וועכטער האָט זי באַמערקט און דערשאָסן מיטן קינד. ווען מען האָט זיי ביידע אַריינגעוואָרפן אין טויטן־וואָגן, האָט דאָס קינד נאָך געזשיפּעט.

א בארג פון חורבות


כאָטש גאַנצע צוויי וואָכן האָט געדויערט די ליקווידאַציע פון דער געטאָ, האָט זיך פונדעסטוועגן אַ טייל געראַטעוועט אין די בונקערס. די מערדער האָבן אָבער פאַרענדיקט מיט דער געטאָ דורך אונטערצינדן אים פון אַלע זייטן. כדי דאָס פייער זאָל זיך נישט אַריבערטראָגן מחוץ דעם געטאָ, האָט מען פון אַרום דער שטאָט צענויפגעבראַכט פייערלעשער כדי צו פאַרהיטן די געגנט אַרום פון פייער. דעמאָלט זענען די אין די בונקערס געבליבענע געצוווּנגען געוואָרן אַרויסצוקומען פון די פלאַמען, דער גרעסטער טייל פון זיי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פייערלעשער צוזאַמען מיט די דייטשן און אוקראַינער. די נאַציס האָבן דערנאָך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די אין געטאָ באַהאַלטענע יידן האָבן דעם געטאָ אונטערגעצונדן. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אין דעם נישט געגלויבט, ווייל זי האָט געזען ווען מען האָט דעם געטאָ פון אַלע זייטן אונטערגעצונדן, נאָכמער — די דייטשן האָבן נישט געלאָזט לעשן דאָס פייער. זיי האָבן אַכטונג געגעבן אַז דער געטאָ זאָל פאַרברענט ווערן ביזן יסוד מיט די פאַרבאַהאַלטענע אין די בונקערס.

נאָך דער שריפה האָבן די קריסטן צענויפגעזאַמלט די געפונענע פאַרברענטע קערפּערס צווישן די בערג פון די חורבות.

אַ צייט שפּעטער נאָך דער שריפה, האָבן די מערדער אויפגעדעקט לעבעדיקע יידן וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אינם קעלער פון דעם מילשטיין הויז, דער קוואַס־מאַכער. עס זענען אויפגעדעקט געוואָרן יידן אויך אין בונקערס פון פעלד'ס הויז, ווו מען האָט פּראָדוצירט סאָדע־וואַסער. דאָרט איז געווען די פעלד משפּחה און באַסיס, דער זון פון גאָלדע און שלמה קאָוואַל מיט זייערע גאַנצע משפּחות און קליינע קינדער. דאָס דאָזיקע רעשטל איז אומגעבראַכט געוואָרן אין גרויסע עינויים. זיי האָט מען געהאַלטן אין תפיסה אַזוי לאַנג, ביז מען וועט האָבן גאַנצע הונדערט קרבנות. אויסגעמוטשעטע, צעבראָכענע פון לאַנגן זיין אין בונקער, איז זיי דער טויט נישט גרינג אָנגעקומען. מען האָט זיי בייטאָג זיך געלאָזט בראָטן אויף דער זון און ביינאַכט אויף דער ערד אין דער קעלט, דערביי פאַרחלשטע פון הונגער און דורשט, ביז דער טויט איז אויף זיי געקומען. די קערפּערס האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די גריבער נעבן דער תפיסה. מען האָט די גריבער פאַרשיט און די אויבערפלאַך פאַראַקערט און פאַרזייט אַ גאָרטן, אַז מען זאָל אַפילו נישט וויסן ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אינם דאָרף וואַסיליוווקע, נעבן ביעלאַ־





מען פאַרשיט די מאַסן־קברים (נאָכן באַזוך פון אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע 1945)
כיסוי קברות־ההמונים (לאחר ביקור ועדת־חקירה)

קרעניצא האָבן אַלטע פויערים געכאַפּט אַנטלאָפענע יידן און זיי צוריקגעשלעפּט אין דער תפיסה. אַנדערע ווידער האָבן לפנים זיי באַהאַלטן אין די הייזער, און זיי איבערגעגעבן צו די נאַציס און די אוקראַינער. אַזוי האָבן זיי געהאַט געראַטעוועט יידישע מיידלעך — און זיי דערנאָך פאַרראַטן. דער שותף פון דער פירמע גאָפּמאַן—יאספע, האָט פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ געהאַט איבערגעגעבן זיין פאַרמעגן צו אַ קריסטלעכן איינוווינער. בעת עס איז אָנגעגאַנגען די ליקווידאַציע האָט זיך אים איינגעגעבן אַריבערצוכאַפּן זיך צו דעם קריסט. דער גוי האָט אים אָבער אַרויסגעגעבן צו די רוצחים. זיי האָבן אים אַזוי שטאַרק געקאַטעוועט אויפן אָרט, אַז אין דער תפיסה האָט ער פאַרלוירן די צורה פון אַ מענטשן, דער תפיסה דאָקטאָר האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און געמאַכט אַ סוף צו זיינע יסורים דורך אַן איינשפּריצונג.

די גורל שעה פאַר די פאַרפייניקטע אין דער תפיסה האָט זיך דערנענטערט. איינער פון די תלינים האָט זיי געמאָלדן וועגן יום הדין און דערביי צוגעגעבן, אַז זיי, די יידן, וועלן שוין מער נישט קאָנען אויסזויגן דאָס בלוט פון די קריסטן. ביי די גריבער נעבן דער קאַזאַרמע האָט איין ייד זיך געווענדעט מיט נחמה רייד צו די אַרומיקע, אַז פאַרן פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט וועט קומען אַ שעה פון נקמה. אויך דער איידעם פון לייבעלע שוחט, דער שוואָגער פון האָכגעלערנטער, האָט אַלעמען געטרייסט מיט דער האַנט פון נקמה פאַר די געפאַלענע אומשולדיקע קרבנות.

ערב דעם מלחמה אויסברוך האָט זיך אין קרעמעניץ באַזעצט אַ יידישער דאָקטאָר מעלער. די שיינקייט־פּראַכט פון זיין מיידעלע האָט אַפילו פאַרכישופט אַ דייטש, וואָס האָט דאָס קינד געוואָלט דערהאַלטן ביים לעבן, נאָכדעם, ווען די עלטערן זענען שוין אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס קינד איז אין דער תפיסה געווען אונטער דער השגחה פונם וועכטער און האָט זיך ווי באַרויקט נאָכן אומקום פון אירע עלטערן. עס האָט זיך איינגעלעבט מיטן וועכטער, וואָס פלעגט מיט איר שפּאַצירן אינם גאָרטן ביי דער תפיסה. אָבער אין איינעם אַ טאָג האָט ער באַקומען אַ באַפעל צו פאַרענדיקן מיטן קינד. ער האָט עס אַרויסגענומען אין גאָרטן אויף אַ שפּאַציר. דאָס קינד האָט זיך פאַרטון אין שפּילן מיט די בלומען, און אין יענעם מאָמענט האָט דער וועכטער עס דערשאָסן מיט זיין רעוואָלווער.

אין די אַלטע כראָניקעס וועגן די ת״ח און ת״ט שחיטות ווערט דערציילט:

> אין קרעמעניץ האָט אַ צורר גענומען דעם חלף פון אַ שוחט און האָט אויסגעקוילעט עטלעכע הונדערט יידישע קינדער און געפּרעגט ביי זיין חבר, צי ס׳איז כשר צי טריף. האָט דער חבר געענטפערט: טריף. האָט ער איינס געוואָרפן פאַר די הינט. זעענדיק דאָס ער האָט גענומען אַן אַנדער געקוילעט קינד, פאַרפירט עס אין שעכטהויז, אויפגעשניטן דאָס פלייש און די זעלבע שאלה געפרעגט. האָט אים דער חבר געענטפערט: יאָ, דאָס איז כשר. האָט ער דאָס געבקה׳ט, ווי מען טוט מיט ציגעלעך און שעפּסעלעך, און געטראָגן דאָס אויף אַ שטאַנג איבער די גאַסן פון דער שטאָט, און געשריגן אויף אַ קול: ווער וויל האַנדלען ציגעלעך און שעפּסעלעך?

דער מחבר פאַרענדיקט די גרויל פאַרצייכעניש מיט די ווערטער — גאָט זאָל נקמה נעמען פאַר זייער פאַרגאָסן בלוט.

פון אַ יידישער קהילה פון 19.000 יידי־

שע נפשות זענען בסך הכל לעבן געבליבן נאָר דרייצן נפשות קרעמעניצער, און זיבן פון די אַנגעלאָפענע פון אַנדערע ערטער. צוואַנציק יידן האָבן געפונען אַ רעטונג ביי אַ פּאָר גויים, דערפון 8 ביי איין קריסטין און פיר ביי אַ קריסט, דער דערמאָנטער קריסט פון די געראַטעוועטע 4 יידן איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן דורך דער באַנדע אָנגעפירט פונם באַנדיט בענדעראַ.

פאַרשניטן איז געוואָרן די עיר ואם בישראל קרעמעניץ. אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד אַ שטיק יידיש לעבן, יידיש קולטור און אַרבעט, און דורות־לאַנגע פּרוכטבאַרע שעפערישקייט. פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין מיט דיינע רוצחים!

אויף אייביק וועלן מיר היטן דעם אָנדענק פון די פאַרשניטענע קדושים. אייביק, אייביק וועלן זיי זיין איינגעקריצט אינם פאָלקס זכרון.

דאָס לעצטע קאַפּיטל

אליעזר בארשאפ, רמלה, דערציילט:

דעם 16.7.45 בין איך צוריקגעקומען קיין קרעמעניץ, עס האָבן זיך דאַמאָלט געפונען 2—3 יידישע פאַמיליעס אין שטאָט. איך האָב זיך באַזעצט ביי דוד רובין וועלכער האָט געוווינט ביי בעזנאָסקין, נעבן מאָנאַסטיר (באַזעליאַנע); ער פלעגט יעדן טאָג דערוואַרטן יידישע געבליבענע פון קרעמעניץ און ביי זיך קוואַרטירן.

דאָס ערשטע וואָס מיך האָט דערשיטערט איז געווען, ווי מען האָט מיר געוויזן דאָס אָרט ווו מען האָט אומגעבראַכט די יידן פון קרעמעניץ. דאָס איז אויף דער דובנער ראָגאַטקע, נעבן די קוילנשאַכטעס, נישט ווייט פון דער וואַטעפאַבריק. איך האָב זיך דעם ערשטן טאָג באַגעגנט מיט סאָניאַ קאַגאַן, און מיר זענען ביידע דאָרט אַוועק. פאַר אונזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד: דריי גרויסע ראָוועס, ווו מען האָט אומגעבראַכט די יידן; עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ביינער און קעפּ מיט האָר, ביינער פון קליינע קינדער און צעריסענע שטיקלעך קליידער און שיך. עס האָבן זיך דאָרט געפּאַשעט בהמות.

איך האָב זיך געווענדעט צו קאָוואַלסקין ער זאָל מאַכן אַ צוים און מיר זענען געקומען צו אַן הסכם, אָבער ער האָט חרטה געקראָגן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די באַנדעראָווצעס.

דער געטאָ האָט זיך געצויגן פון גינדעסעס אַפּטייק ביז צו געלער'ס הויז. די גאַנצע געגנט איז צעשטערט געוואָרן. ביים אָפּרייניקן דעם געטאָ האָבן די אַרבעטער געפונען אַ סך גאָלד דוקאַטן. האָבן די מענטשן נאָך געהאַפּט צוריקצוקומען און טרעפן זייער געלט אין די הייזער?

נתנאל (סאניא) קאגאן, פתח־תקוה, דערציילט:

...אויף מאָרגן פרי זענען מיר אַרויס אין גאַס. די שטאָט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסע חורבה. פון אַלע גאַסן וואָס זענען פריער געווען באַוווינט דורך יידן איז קיין זכר נישט געבליבן. אויפן אָרט פון די בתי מדרשים, יידישן שפּיטאָל און יידישע הייזער — בערגלעך מיט ציגל און שטיינער, טיילווייז שוין באַוואַקסן מיט גראָז. אַנהויבנדיק

פונם ליצעאום זענען די צעשטערונגען געווען קלענערע, אָבער דורך קיינעם נישט באַוווינט. טויטע פוסטקייט האָט געהערשט אין דער גאַנצער געגנט.

עס האָבן אונדז באַגעגנט פיל באַקאַנטע אוקראַינער, וועלכע האָבן מיט פאַרווונדע־רונג זיך צוגעקוקט צו אונדז און אויסגעפרעגט פון וואַנען מיר קומען אַהער. זיי זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען אַלע אומגעקומען. „אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים זענען לעבן געבליבן אַ סך יוגנטלעכע וועלכע וועלן נאָך נעמען נקמה פאַר זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער" — אַזוי האָבן מיר זיי געזאָגט, און אין האַרצן אָבער געטראַכט: הלואי וואָלט עס אמת געווען...

מיר האָבן אויך באַגעגנט אייעם פון די אַכט וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט אונדז געוויזן דאָס באַהעלטעניש: אַ קעלער מיט אַ קליינעם פענסטערל, דאָרט זענען זיי געזעסן.

מ'האָט אונדז דערציילט, אַז אַ היפשע צאָל יידן אין געטאָ האָבן באַשלאָסן זיך אַליין אומצוברענגען איידער אומצוקומען פון די דייטשע מערדער, און אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן זיי דעם באַשלוס אויסגעפירט דורך אויפרייסן זיך צוזאַמען מיט די הייזער אין וועלכע זיי זענען געווען פאַרשפּאַרט. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס גרויסע קאַפּיטל פון יידישן לעבן אין קרעמעניץ.

יצחק וואקמאַן (ניו־יאָרק)

באַגעגניש מיט פליטים אין איטאַליע

אין יאָר 1947, זייענדיק אין אייראָפּע, האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן איטאַליע, בדי צו באַגעגענען די קרעמעניצער געראַטעוועטע אין די פליטים־לאַגערן. אונדזער רעליעף־קאָמיטעט האָט באַקומען אַ סך בריף פון דאָרט, און מיר האָבן געוווּסט אַז אין איטאַליע געפינט זיך אַ טייל פון די אַריבערגעקומענע פון עסטרייך קיין איטאַליע פליטים אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל.

ס'איז געווען אַ שווערער ווינטער ווען איך בין געקומען קיין מילאַנאָ. די שטאָט איז נאָך געווען חרוב פון דער מלחמה. מענטשן אָפּגעריסענע זענען געגאַנגען און געבעטלט אויף די גאַסן. ס'איז שווער געווען צו באַקומען אַ טאַקסי פון דער באַן. נישט קוקנדיק אויף כלערליי שוועריקייטן האָב איך מיר אויפצומאָרגנס דערקליבן קיין טאָרין, אין פליטים־לאַגער. ס'האָט גענומען העכער אַ שעה אַרומגייענדיק און זוכנדיק אין לאַגער. ביז ס'זענען זיך צוזאַמענגעקומען די געציילטע געראַטעוועטע: מאני אקונ'ס זון, שלמה פינגערוט'ס זון, ר' צדוק שוחט'ס אייניקל פון דער טאָכטער, אייזיק קוטשער'ס זון און נאָך קרעמעניצער וואָס איך האָב זייערע עלטערן געדענקט, און אייניקע וואָס איך האָב געקענט פון דער צייט ווען זיי האָבן געאַרבעט ביי ר' אייזיק שטיינער. פון לאַגער זענען מיר געפאָרן קיין מילאַנאָ, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אין שמועסן און זכרונות וועגן דער חרובער אַלטער היים. איך האָב געהאַט דאָס גליק זיי צו דערמונטערן, און כ'האָב געהאַט דאָס געפיל פון אַ פאָטער וואָס האָט געפונען זיינע פאַרלוירענע קינדער. כ'האָב זיי צוטיילט אַ ביסל געלט פון קאָמיטעט, און אַ גליקלעכער צוריקגעפאָרן מיט אַ אייפגאַבע זיי צו העלפן ווייטער, כדי זיי זאָלן וואָס גיכער עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

טוביה טרושינסקי (ת״א)

צו דיר...

צו דיין שוועל געפאַלן געבראָכן פון פאַרצווייפלונג,
געטריבן פון אַ שטורעם אין אַ בייזער שעה,
געפייניקט און פאַרשפּאָט אַן עלנדער, אַ מידער, —
שטיל קלאַפּ איך אין דיין טיר און זוך אַ רעטונג דאָ.
נאַכט האָט זיך צעווילדעוועט... נאַכטיק־ווילדע שאָטנס
הילן איין די וועלט, פאַרוויסטן און צעשטערן...
ס'האָבן שווערע וואָלקנס פאַרצויגן העלע הימלען
אַ קאַלטער ווינט אַ בייזער לעשט די לעצטע שטערן.
שטיל קלאַפּ איך אין דיין טיר און זוך אַ רעטונג דאָ,
נאָר דו קאָנסט מיינע ווונדן היילן, ביי דיר זוך איך אַ טרייסט.
ס'האָט מיין יסורים־וועג ביז צו דיין שוועל געפירט
איין לעצטער פונק פון גלויבן: דו ווייסט, דו פילסט, פאַרשטייסט...

נישט דער טוי האָט היינט פעלד און וואַלד באַפּערלט,
נאָר מיינע טרערן הייסע, טרערן — נישט קיין טוי,
נישט קיין קוואַלן קלאָרע פליסן אין די טאָלן
מיינע ווונדן בלוטיקן אַזוי.
נישט דער פרילינג־ווינט געברומט האָט אין דיין פענסטער,
מיין קרעכץ רייסט אויף דיין שלאָף, מיין שווערער אוי —
און נישט אַ זונען־שטראַל האָט דורכעשפּיזט די כמאַרעס
שאַרף ווי שטאָל מיין צאָרן, מיין האַס פלאַמט אויף אַזוי!
און פאַרשטומט מיין קללה, דאָך שטאַרקער ווי דער דונער
טראָגט זיך איבער וועלטן, רופט און מאָנט נקמה!
הער, אָ הער דעם רוף, פאַרנעם דעם גרויסן וויי,
פאַרשניטן איז מיין דור, חרוב איז מיין אומה.

— — — — — — — — — — — —

אין טרויער פאַר דיין טיר, איך וואַרט אויף מיין גזר דין,
וועט נאָך מיין זון צוריק אויפשיינען ווען מאָרגן־טאָג ערוואַכט?
אָדער ביי דיין שוועל שוין גסיסה־ווייען לייד איך
און אויסגיין וועל איך שטיל אין שטורעם פון דער נאַכט?..

— — — — — — — — — — — —

אין טרויער פאַר דיין טיר, איך וואַרט אויף מיין גזר דין.

קערמינע (אוזבעקיסטאַן) 1943

קרעמעניץ אין דער וועלט

יצחק וואקמאן (ניו־יאָרק)

40 יאָר קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק

(זכרונות איבערגעגעבן דורך בנימין באַרשאַפ).

די עמיגראַציע פון קרעמעניץ קיין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן מיט 60—50 יאָר צוריק. צווישן די ערשטע קרעמעניצער וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע זענען געווען: יעקב קרמענעצקי, איטשי פּאָק׳ס 3 זין, מענדל העקערס זון, די קינדער פון די בענדערסקי׳ס און נאָך אַנדערע. שווער איז דאַן געווען דער מצב אין אַמעריקע און די נייע לאַנדסלייט האָבן זיך געפילט זעער עלנט, און האָבן זיך דעריבער געהאַלטן צוזאַמען. דער רוב פון זיי האָבן געוווינט אין געדונגענע איינצל־צימערן, — זעלטן ווער ס׳האָט געהאַט אַן אייגענע וווינונג. און אַז מען האָט זיך געדאַרפט צענויפנעמען צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון הילף פאַר די פריש־אָנגעקומענע ברידער — איז מען זיך צומיינסט צענויפגעקומען אויף די פלאַכע דעכער פון די הייזער. גערן האָט מען געהאָלפן די ניי־אָנגעקומענע לאַנדסלייט.

אין יאָר 1900 איז דורך מרדכי שניטער׳ס זון געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קרעמעניצער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. צוליב אינערלעכע קריגערייען האָט זיך די אָרגאַניזאַציע שנעל געשלאָסן.

אין יאָר 1904 איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אינדעפּענדעט אָרדער בית אברהם". כדי די לאַנדסלייט זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען — איז יעדער מיטגליד פאַרזיכערט געוואָרן אויף 500 דאָלאַר און באַקומען אַ לעבנס־אינשורענס פּאָליסי. דאָס געלט פלעגט אויסגעצאָלט ווערן צו דער פאַמיליע אין פאַל פון טויט, און איז אויך באַנוצט געוואָרן פאַר אויסגאַבן ביי דער פּטירה. האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשרייבן מענטשן אין עלטער פון 60—50 יאָר, וואָס זענען אין אייניקע יאָר שפּעטער געשטאָרבן, און די אָרגאַניזאַציע איז געווען געצוווּנגען צו שניידן די פּאָליסי אויף 250 דאָלאַר. אָבער אויך דאָס האָט נישט אויסגעהאַלטן — און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשלאָסן.

אין אייניקע יאָרן שפּעטער איז דורך בענדערסקי׳ס קינדער געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „יוסף שלום סאָסייטע" — דער נאָמען יוסף שלום איז, ווייזט אויס, געווען אַ נאָמען פון איינעם פון די פאַרשטאָרבענע בענדערסקי׳ס. די סאָסייטע עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אָבער האָט ווייניק מיטגלידער.

ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1914, האָבן קרעמעניצער לאַנדסלייט באַקומען ידיעות וועגן דער ביטערער מאַטעריעלער לאַגע אין דער אַלטער



אויספיר־קאָמיטעט פון קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק
הועד הפועל של ארגון יוצאי קרמניץ בניו־יורק
ערשטע שורה, זיצען (פון רעכטס צו לינקס): הערי וויענער, בנימין באַרשאַפ, יצחק וואַקמאַן, הענאך קעסלער, איזידאָר סאלמאָוויטש.
2־טע שורה שטייען: פרוי פ. וויענער, פרוי ד. גאָלדמאַן, פרוי ג. בערענסאָן, פרוי גוטערמאַן, פרוי סאנדער, פרוי חיה ראַפּאָפּאָרט
3־טע שורה שטייען: לואי סיגאל, ל. בערענסאָן, א. הערצבערג, גאָרדאָן, לאנדיסבערג, מינץ.



צוזאַמענטרעף פון קרעמעניצער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק.
פגישה של יוצאי קרמניץ בניו־יורק.

היים, און ס׳איז אויפגעשוואומען די באַדערפעניש פון רעגולערער הילף. נאָך אַ באַראַטונג צווישן בנימין באַרשאַפּ, אלי מינץ, גאָלדענבערג, בינשטאָק און אַנדערע, איז געגרינדעט געוואָרן די „קרעמעניצער־וואהלינער בענעוואלענט סאָסייטע אין ניו־יאָרק״. מען האָט געמוזט האָבן 7 אַמעריקאַנער בירגער, כדי צו גרינדן די אָרגאַניזאַציע, און אַזאַ צאָל איז נישט געווען, האָט מען דעריבער צוקאָאָפּטירט אַ פּאָטשאַיעווער לאַנדסמאַן מיטן נאָמען קאָרטמאַן — וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער און וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשיקט געוואָרן קיין קרעמעניץ צו טיילן שטיצע פון דער סאָסייטע.

אין יאָר 1916 איז ביי דער סאָסייטע געגרינדעט געוואָרן אַ רעליעף־קאָמיסיע אין וועלכער ס׳זענען אַריין די חברים: באַרשאַפּ, ד״ר מאַראַנץ—שיעדאנסקי, פּאָלטאָראַק, און אַנדערע. די יונגע מיטגלידער פלעגן יעדן שבת און זונטיק אַרומגיין זאַמלען געלט צווישן די לאַנדסלייט. אין דער צייט איז 25 סענט געווען אַ סך געלט, די לאַנדסלייט פלעגן די רעליף־שליחים בדרך כלל שיין אויפנעמען. דער רעליף האָט רעגולער יעדע וואָך געשיקט געלט קיין קרעמעניץ.

ס׳איז בדאי צו באַמערקן אַז די סאָסייטע האָט אין 1916, און שפּעטער אין 1924, געקויפט אייגענע פּלעצער פאַר אַ בית־החיים, ווו עס ליגן די פאַרשטאָרבענע קרעמעניצער. ווען אַ לאַנדסמאַן קען באַצאָלן — באַצאָלט ער, און ווען נישט — ווערט ער געבראַכט צו קבורה אָן געלט.

צו דער צייט איז קיין ניו־יאָרק געקומען ר׳ אברהם וויינבערג׳ס איידעם, און ער האָט זיך מיט לייב און לעבן געווידמעט דער אַרבעט פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט. אין אַלע זיינע טעטיקייטן האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן די היים־שטאָט — און אַריינגעבראַכט גרויסע סומען. ער אַליין איז אייניקע מאָל געפאָרן קיין קרעמעניץ און צעטיילט דאָס רעליף־געלט צווישן די אָרגאַניזאַציעס: ביקור־חולים, תלמוד־תורה, גמילות־חסדים, מושב־זקנים, א. א. וו. צוריק מיט צוויי יאָר איז ער געשטאָרבן פון אַן האַרץ־אַטאַק.

אין 1923 איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע ד״ר מאיר ליטוואַק. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיטן גרעסטן כבוד. צוריקפאָרנדיק האָט ער מיטגענומען אַ באַדייטנדיקע ס׳מע אויף פאַרשיידענע צוועקן. אויסער פאַר הכנסת אורחים און סומען פון אינדיווידועלע מענטשן. דאָס געלט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די זעלבע באַנקנאָטן וואָס ער האָט מיטגענומען.

אין יאָר 1943 איז דער שרייבער פון די שורות אָנגעקומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן דאַן אויפסניי געגרינדעט דעם רעליף. עס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַקטיוויטעט: בנימין באַרשאַפּ, יודל סאָלמאָנאָוויטש, העניך קעסלער, העניך געלערנט, האַרי וויענער, לואי סיגאל, לאַנדסבערג און איך. דער רעליף איז אָנגעגאַנגען דורך די יאָרן פון דער מלחמה, און ספּעציעל באַלד נאָך דער מלחמה, ווען די הילף איז אַזוי נויטיק געווען, ווען אונדזערע ברידער זענען געווען צעשפּרייט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. און ווי ס׳איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט זיי צו העלפן, צי מיט געלט צי מיט שפּייז אָדער רפואות, צי מיט אַנדערע הילף — איז אַלעס געטאָן געוואָרן. דער קרעמעניצער רעליף אין אַמעריקע איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע רעליף־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט געטון הייליקע אַרבעט, לשמה.

און אַזוי עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג די קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט, הגם




באנקעט פון קרעמעניצער לאנדסלייט אין ניו־יאָרק, יוני 1954.
מסיבה של יוצאי קרמניץ, ניו־יורק 1954

זי וואַקסט נישט ווייל ס׳קומען נישט צו קיין נייע מיטגלידער, און די אַלטע מיטגלידער ווערן עלטער — דעריבער איז אַפּגעשוואַכט געוואָרן איר לעבנס־פּולס.

די מיטגלידער קומען זיך צוזאַמען 2 מאָל אין חודש אין אַ געדונגענעם לאָקאַל און דאָרט ווערן בעהאַנדלט פאַרשיידענע ענינים: קראַנקע וואָס מען דאַרף זיי מבקר חולה זיין, הילף פאַר נויט־באַדערפטיקע, שטיצע פאַר פאַרשיידענע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, דער בית־החיים א. א. וו. יעדער ניי־אָנגעקומענער קרעמעניצער פלעגט ביז היינט געשטיצט ווערן מיט 10 ביז 200 דאָלאַר, צום איינאָרדנען זיך די ערשטע צייט. און מען קען אין אַלגעמיין זאָגן, אַז ברידערליכקייט און געטריישאַפט הערשט צווישן די ברידער, און מען דערמאָנט די אַלטע היים מיט ליבע און בענקשאַפט. יעדעס יאָר ווערט געוועלט אַ פאָרזיצער און וויצע־פאָרזיצער, קאַסירער און סעקרעטאַר.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אונדזערע ברידער וואָס האָבן אַ סך פון זייער צייט און ענערגיע געשפענדעט פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט: אלי מינץ, פון די גרינדער, וווינט היינט אין קאַליפאָרניע. יודל סאָלמאַנאָוויטש — דער תמיד מונטערער און פלייסיקער טוער פאַר דער סאָסייטע און רעליף און זיין פרוי, הארי וויענער, וואָס האָט נישט פאַרפעלט קיין איין זיצונג, העניך קעסלער, העניך געלערנט, ברידער לאַנדסבערג—סעגאַל, און אחרון אַאחרון חביב — בנימין (בעני) באַרשאַפּ. תמיד פריילעכער, אַ געלאַסענער, אַ מענטש פון פאָלק. גרייט צו העלפן יעדן. גאַנצע 11 מאָל איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס ער איז פון אירע גרינדער. צו 70 יאָר אַרבעט ער נאָך ביי זיין פאַך (קונסט מאָלעריי).

ביי דער קרעמעניצער סאָסייטע עקזיסטירט זינט 18 יאָר אויך אַ „לײדיס אקזילערי" (אַ פרויען אָבטיילונג), געגרינדעט דורך פרוי ראַפּאַפּאָרט (פון די ברעזיצער), וואָס האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן דער סאָסייטע און דעם רעליף. זי איז צוריק מיט 2 יאָר געשטאָרבן. די „לײדיס אקזילערי" אונטערן פאָרזיץ פון פרוי שפּיגעלמאַן (פון די קוויטיל׳ס) זעצט פאָר אירע שיינע אַרבעט.



דער „באָנא" באַרג אין ווינטער
הר ה„בונה" בחורף

ד. ר. (ניו־יאָרק)

אַ וואָרט נאָך חיה ראַפּאָפּאָרט

דער אומברחמנותדיקער טויט האָט פון אונדז אַוועקגעריסן די אומדערמידלעכע טוערין, די גוטהאַרציקע פרוי, דאָס האַרץ פון אַלע ליידענדע, פאַרשטויסענע, נויטבאַדערפטיקע, — חיה ראַפּאַפּאָרט.

מיט תמימותדיקער עניוותדיקייט האָט זי דורכגעשפּאַנט גאַסן ווינטער, שטענדיק געבראַכט הילף צו די אומגליקלעכע, געטראָגן האָפנונג צו די האָפענונגסלאָזע און געלינדערט די יסורים פון קראַנקע און אַנטוישטע. איר תענוג אין לעבן איז געווען צו העלפן אירע מיטמענטשן. איר שליחות אויף דער ערד האָט זי אויסגעפירט באהבה.

נישט נאָר האָט זי געבראַכט מאַטעריעלע הילף צו די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין דעם, נאָר זי האָט זיי נאָך אַוועקגעשענקט אַ וואַרעם מיטפילנדיק האַרץ, זיך געטיילט מיט יענעמס ליידן אין דער שעה פון נויט. איר גאַנץ לעבן האָט זי זיך אויסגעלעבט אין סאָציאַלער אַרבעט, שטענדיק מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, שטענדיק מיט דברים היוצאים מן הלב האָט זי געטאָן איר אַרבעט אָן כבוד־זוכן און אָן שכר.

קליין און שוואַך ווי זי איז געווען, איז זי אָבער געווען איבערפולט מיט גייסטיקער ווילנסקראַפט פאַר מעשים טובים. זי האָט זיך אַליין קיינמאָל נישט געשאַנעוועט, קיינמאָל נישט באַקלאָגט. קיין שום הילפס־אַרבעט איז פאַר איר נישט געווען צו שווער. פשטות און עניוותדיקייט האָט באַגלייט איר באַגער פאַר צדק. אַן אשה חסידה.

*

די גאַנצע גוטסקייט, טוגנט און פיינגעפיל פון אונדזער פאַרשניטענער שיינער יידישער קרעמעניץ, האָט זי, חיה ראַפּאַפּאָרט, סימבאַליזירט אין אופן פון איר טעטיקייט. אַפנים זי האָט געירשנט אַלע גוטע מידות פון איר שוויגער, בלומע ראפאפּארט.

עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַזוי די אַלטע, שטילע, נשמהדיקע בלומע ראפאפּארט פלעגט אַרומלויפן מיט צעריסענע שיך אין די בלאָטעס איבער די הייזער פון קרעמעניצער בעלי־בתים, צוזאַמענצונעמען חלות פאַר אָרעמעלייט אויף שבת. און ווען אַלע זענען שוין געווען באַזאָרגט אויפן שבת, האָט פון איר פּנים אַראָפּגעשיינט איר אייגענער עונג שבת. זי פלעגט איר אַרבעט אָפּטון בסתר, קיינעם חלילה נישט מבייש זיין...

אַזוי איז אויך געווען איר שנור חיה ראפאפּארט דאָ אין אַמעריקע.

*

אַ יונגע פרוי פון דער שארית הפליטה דערציילט וועגן איר אַז זי איז איר, דאָ, געווען אַ מאַמע.

— אָנקומענדיק אַהער אָן קרובים, אָן אייגענע, האָט מען זיך געוואַלגערט אין „האיאס"־הויז. אַ פאַרלוירענע, אַ דערשלאָגענע, מיט מאַן און קינד, אָן אויסזיכטן האָט חיה פאַר זיי אויפגעריכט דאָס מזל. זי האָט פאַר דער פאַמיליע געפונען אַ דירה, געהאָלפן דעם מאַן קריגן אַרבעט, באַזאָרגט אַפילו דאָס קינד אין אַ תלמוד תורה. דערנאָך ווידער פלעגט חיה קומען יעדע וואָך אין הויז, זען ס'זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

ממש אַ צדקת. זי האָט געטראָגן ליכט אין דער פינצטערניש.

יהודה קויפמאַן (בוענאָס־איירעס)

קרעמעניצער אין אַרגענטינע

ס'איז זיכער, אַז קיינעם פון די קרעמעניצער, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייער היים מיט קנאַפּע 30 יאָר צוריק, לאָזנדיק זיך צו די ברעגן פון אַרגענטינע, איז אויפן זינען נישט געקומען דער שוידערלעכער געדאַנק אַז זיי וועלן שרייבן דערינערונגען וועגן אונזער ליבער געבורטסשטאָט, קרעמעניץ.

יעדער פון אונז טראָגט טיף אין האַרצן זיין ווייטאָג, יעדער פון אונז זאָגט אויף זיין שטייגער זיין קדיש נאָך די ליבסטע און נאָענטסטע. ס'האָט אָבער געפעלט דער קאָלעקטיווער פיינלעכער געשריי פון אַלע לעבנסגעבליבענע קרעמעניצער לאַנדסלייט, וואָס זאָל אויסדריקן אונזער ווייטאָג, און צו דער זעלבער צייט דינען אַלס דענקמאָל פאַר אונזערע אומגעקומענע. אַזאַ דענקמאָל וועט זיכער זיין דער יזכור־בוך, וואָס דערשיינט אין ישראל. ווילן מיר מיט די שורות אויך אונזער שטיינדעלע צולייגן צו דער מצבה נאָך קרעמעניץ.

*

די יידישע עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, אין ברייטן זין פון וואָרט, הויבט זיך אָן אין די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. די אַזוי גערופענע „באַראָן הירש עמיגראַציע" צו קאָלאָניזירן יידן אין אַרגענטינע, האָט אַרומגענומען ברייטע שיכטן פון יידישע פּאָלקסמאַסן פון ליטע, פּאָדאָל, בעסאַראַביע און דרום־רוסלאַנד, אָבער מיר ווייסן נישט פון קיין וואָלינער עלעמענט, און במילא פון קיין קרעמעניצער צווישן די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע.

דערפאַר אָבער זענען איינצעלנע קרעמעניצער, אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו, נאָך ווייט פאַרן ערשטן וועלט־קריג, יאָ געפאָרן קיין אַרגענטינע, אָבער דאָס זענען געציילטע משפחות.

די עמיגראַציע פון קרעמעניץ קיין אַרגענטינע, אַלס אַזעלכע, מוז דעריבער פאַררעכנט ווערן פונם יאָר 1923, ווען עטלעכע קרעמעניצער יונגעלייט האָבן באַטראָטן דעם אַרגענטינער באָדן. שוין אין די יאָרן 1924 און 1925 האָט זיך דער עמיגראַציע־שטראָם פון קרעמעניץ אַביסל פאַרגרעסערט, גרייכנדיק צום סוף 1925 צו אַ 50 פּערזאָן, אין גרעסטן טייל יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, איינצעלנע פאַרשטייערס פון פאַמיליעס.

נישט קוקנדיק אויף דער סאָציאַלער און קולטורעלער פאַרשידנאַרטיקייט פון די עמיגראַנטן, האַלטן זיך די אָנגעקומענע קרעמעניצער די ערשטע צייט שטאַרק נאָענט צווישן זיך, זייענדיק פאַראייניקט דורך דעם טיפן סענטימענט פון לאַנדסמאַנשאַפט. פילענדיק זיך שטאַרק עלנט אין דער נייער פרעמדער סביבה, נישט קענענדיק די לאַנד־שפּראַך, טוליען זיך די קרעמעניצער איינער צום אַנדערן, שאַפנדיק זיך זייער אייגענע סביבה, העלפנדיק זיך קעגנזייטיק סיי עקאָנאָמיש, סיי מאָראַליש.

אַזוי לויפן פאַרביי די ערשטע „גרינע" יאָרן, און ווי נאָר איינער קעמפט אויס אַ געוויסע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, דאַן קומט באַלד דער געדאַנק פון אַראָפּברענגען די פאַמיליע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן עמיגרירן טאַקע גאַנצע פאַמיליעס פון קרעמעניץ קיין אַרגענטינע.

ביז 1931 איז די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע געווען אַ פרייע, אָן שום שוועריקייטן, צו דער צייט האָט די קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט שוין געציילט אַן ערך 60 פאַמיליעס (ביי 300 פערזאָן). פון 1931 ווערט די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע שטאַרק באַשרענקט, און דאָס קומען פון די פאַמיליעס צו זייערע קרעמעניצער קרובים אין אַרגענטינע גייט אָן אין אַ פאַרקלענערטן טעמפּ — און אַזוי ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די היטלער קאַטאַסטראָפע, און ספּעציעל דער חורבן קרעמעניץ, האָט נאָך מער פאַראייניקט די קרעמעניצער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע וועלכע, פאַרלירנדיק די סאַמע ליבסטע און טייערסטע, האָבן אין דער נאָענטקייט, אין דעם ענגן קאָנטאַקט צווישן זיך געזוכט אַ טרייסט צו זייער ווייטיק. אַזוי אַרום, באַלד נאָכן פאַלן פון דייטשלאַנד, ווען ס'האָט אָנגעהויבן קומען טאָג־טעגלעכע שרעקלעכע גרוסן פון די לעבנסגעבליבענע אין די לאַגערן פון פוילן, עסטרייך, און איטאַליע, האָבן די קרעמעניצער לאַנדסלייט באַוויזן צו שטיין אויף דער געהעריגער הויך און אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו העלפן ווו נאָר מ'האָט געדאַרפט.

אין די יאָרן 1948—49—50 זענען צוגעקומען נייע לאַנדסלייט פון די לעבנגעבליבע־נע. עטלעכע האָבן, אַ דאַנק די פאַמיליעס און אייגענע וואָס זיי האָבן דאָ געטראָפן, זיך שנעל איינגעגלידערט אין לעבן פון לאַנד אין אַ וואַרעמער פריינטלעכער סביבה.

יעדעס יאָר, דעם 14־טן אויגוסט, אין דעם טאָג פון חורבן קרעמעניץ. פאַרזאַמלען זיך אונזערע לאַנדסלייט אופן בית עולם אין בוענאָס איירעס, ביים סימבאָלישן קבר פון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן קדושים, און וויינען אויס זייער ווייטיק.


דאָס לעצטע יאָר איז ביי אַזאַ יאָרצייט אויפן רוף פון אונזער עלטסטן לאַנדסמאַן דוד שוכמאַן, באַשלאָסן געוואָרן צו פלאַנצן דעם „יער קרעמעניץ" אין דעם יער הקדושים פון קרן קיימת לישראל.



א גרופע קרעמעניצער לאנדסלייט אין בוענאָס־איירעס, 1951
קבוצת יוצאי קרמניץ בבואנוס איירס, 1951

היינט צו טאָג ציילט די קרעמעניצער לאַנדסמאַנשאַפט 240 פאַמיליעס (ביי 600 פערזאָן). אויסער איינצעלנע פאַמיליעס, וועלכע לעבן אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ, געפינט זיך דער גרעסטער טייל קרעמעניצער אין דער אַרגענטינער הויפּשטאָט און אין אירע נאָענטע פאָרשטעטלעך. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די קרעמעניצער, אין אַלגעמיין גענומען, איז צופרידנשטעלנד, ס'איז שוין ביי אַ מערהייט קרעמעניצער דאָ אַ צווייטער דאָ געבוירענער דור, און ביי איינציקע אַפילו אַ דריטער דור.

אונזערע לאַנדסלייט האָבן זיך שפּראַכלעך נישט אַסימילירט, לעבן זיך אויס אויף דער יידישער שפּראַך, זענען אין גרעסטן טייל מענטשן מיט אַ געוויסן יידיש־קולטורעלן באַגאַזש, און באַטייליקן זיך ווי ווייט מעגלעך אין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן, יעדער אויף זיין שטייגער.



העלענע וויינבערג (ניו־יאָרק)

מיין שטעטעלע קרעמעניץ

איך בין נאָך אַלץ פאַרבענקט נאָך דיר,
מיין שיין ליב שטעטעלע קרעמעניץ!
אין מיינע טרוימען ביסטו אָפט מיט מיר
אין טרוימען און אין חלומות אָן אַ גרענעץ.
אין מיינע געדאַנקען פאַרנעמסטו דעם אָרט דעם גרעסטן,
ווייל ווי קען איך דיך אַפילו אויף איין מאָמענט פארגעסן,
ווען צו דיר מיין הארץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק,
צו יעדן שטיינדעלע און צו שטיבעלעס ווענט,
צו שטיבעלע, וווּ כ'האָב צום ערשטן מאָל די וועלט דערקענט.
וווּ ביסטו יעצט, מיין שטעטעלע, מיין היים?
פאַרוואָס איז אַזוי אכזריותדיק אומגעקומען דיין געביין?
איך זוך אייך אַלע, מיינע ליבע,
איך לעב מיט אייך דאָס גאַנצע לעבן!
ווייל וואָס איז ווערט אָן אייך די טריבע,
וועלט מיינע, געראַנגל און שטרעבן?
איך קען מיין רו נישט מער געפינען,
איך קען מיין גליק מער נישט דערגרייכן,
ביז עס וועט דאָס וואָרט נישט באַזינען
דעם יזכור פון דיין לעבן.
ווי איז אַ שיינעם מילדן רייכן מאַי,
אַזוי וועט אויפלעבן אין מיר פון'ס ניי
מיין ליב שטעטעלע מיט קליינע געסלעך,
באַצירט אין גרינע, בלומיקע בוימעלעך.
דיר, מיין שטעטעלע, מיין העל,
אַ מצבה אויפשטעלן איך וועל.
אויף אייביק לעבן און געדענקען,
נאָך דיר נאָגען, נאָך דיר בענקען.
אייביק פילן דעם פולן קלאַנג
פון מיין שטעטעלעס געזאַנג!

תוכן העניינים — אינהאַלט

חלק ראשון

זכרונות והווי

דמויות ואישים

גולי קרמניץ בישראל

חורבן קרמניץ

מילואים

צווייטער טייל — יידיש

*PXV
Okrzemiex
Stehn

kr

1954

Clark